STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00176

AF VAYTE VEGN

David Ignatoff

Permanent preservation of this book was made possible by
Leonard M. Wilson
in memory of
Israel Wilson

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דורות ראַנגלען זיך אפילו, ווען זיי טרעפן זיך אַפ פונקטן, וואו זיי קו־
מען זיך צונויפ

אַפ ווײַטע וועגן

ראָמאַן

פון דוד איגנאַטאָוו

אין דרײַ ביכער:
אַנטפּאַפענע
דער, וואס קומט
אויפברויז

פאַרלאַג אַמעריקע
ניו יאָרק

ערשטע אויפלאגע,
ערשטע טויזנט.

געדרוקט:
גרייזעל פרעס.

פאָדערבלעטער פון
י. טאָפל.
פארלאג־עמבלעם פון
ב. קאָפמאַן

Copyright 1932 *by*
FARLAG AMERICA
425 *Lafayette Street*
New York City, N. Y.

בוך צוויי:

דער, וואס קומט

אין זעקס טייל:

צוגרייטונג

דער טאַנץ

דאָס האַרץ

דער חלום און די וואָר

אין קלעם

דער אָבעליסק

גאָט מײַנער! װיפֿיל מענטשן עס זײַנען אַף דײַן װעלט פֿאַראַן! האָסט פֿאַנאַנדערגעשפּרײט לענדער מיט שטעט און דערפֿער, מיט טײַכן און ימען מיט אַזױפֿיל גרױסע און ברײטע װעגן און האָסט מיר געגעבן די כּוחות צו גײן, צו שװימען, צו װאַנדערן. בלײַב איך אָפּט שטײן אַ פֿאַרציטערטער און מײן, אַז אַלט בין איך שױן אַזױפֿיל טױזנט־ער יאָרן, און מײן, אַז מײַנע אױגן האָבן דאָס צוגעקוקט, װי דו האָסט דאָס אַלץ געשפּרײט, און מײן, אַז איך זע נאָך ביז איצט, װי דו האָלטסט דאָס אין שפּרײטן און ברײטן. — — צו־גרױס איז פֿאַר מיר דײַן גרױס־קײט, גאָט, קער איך פֿון דיר אָפּט אָפּ מײַן פּנים און נעם פֿאַר זיך אַלײן פֿון־מאָל־צו־מאָל װעבן און שפּרײטן שטיקלאַך װעלט און ביסלאַך מענטשן, װײַל איך קאָן מיט לײַדיקן פֿאַר דײַן גרױסקײט ניט שטײן, װײַל צו־גרױס איז פֿאַר מיר דײַן גרױסקײט, גאָט!

I

צוגרייטונג

קאַפּיטל איינס

גרויס איז די שטאָט ניו יאָרק. און די מויערן פון דער שטאָט זיינען הויך און ברייט און זיינען פאַנאַנדערגעשטעלט ווי קאַסטנס אַף קאַסטנס אין געדיכטע לאַנגע רייען. צווישן איין רייע און דער צווייטער לויפן גלייכע און לאַנגע גאַסן. גאַסן און גאַסן אָן אַ שיר. דער גרויער און ווייניק־פאַרשנייטער אַספאַלט ציט זיך טייכנאַרטיק צווישן די אויסגע־צויגענע גאַסן.

צופעליק האָט זיך בעני אויך היינט געטראָפן מיט ראָזין ביים אריינקומען אין שאַפּ און אַנשטאָט צו ענטפערן אַף איר „גוטמאָרגן" האָט ער גלייך אָנגעהויבן:

— אָט זעסטו! — דאָס איז פיין. דאָס געפעלט מיר פון דיר. ווי־באַלד אַזוי וועסטו טאַקע ווערן מיין ריכטיקע מיידל. גוטמאָרגן. גוט־מאָרגן.

ראָזי האָט ניט קלאָר פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. סיידי אָבער האָט גלייך ארויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער.

— בכה, בכה, בכה!... ער מיינט דאָך, אַז דו האָסט דאָ אומיסטן אָפּגעוואָרט פאַר אים.

ראָזי איז געוואָרן רויט און האָט מיט געלעכטער אויסגעשריען:

— אַזוי גאָר! נו וואָס דען, געווים, געווים. ווי נאָר איך בין היינט אויפגעשטאַנען פון בעט האָב איך שוין גלייך געטראַכט פון אים.

בעני מאַכט אַ פּאָר קלוגע אויגן און זאָגט:

— גיי, דו מיינסט דאָס ניט.

— פאַרוואָס זאָל איך זאָגן אַ ליגן? — פרעגט ראָזי.

— וואָס־זשע, טאָקע ווי נאָר דו ביסט אויפגעשטאַנען? ביסט נאָך געווען אַ באַרוועסע?

— איז ער ניט פרעך?! — שרייט אויס סיידי לאַכנדיק.

— גיי, דו ביסט צו פרעך! — האָבן ביידע מיידלאַך אויסגעשריען מיטאַמאָל.

— אָבער עס איז כדאי! — האָט זיך בעני אָנגערופן און דערביי גענומען קוקן אַף די מיידלאַך אַזוי, אַז זיי זיינען צעמישט און רויט געוואָרן און גענומען לאַכן נערוועז.

— ניט אַזוי?... — האָט בעני געפרעגט.

— אָט לאָז אונז צורו! — האָט סיידי אויסגעשריען מיט אַן ערנסטן כעס, און האָט זיך פון אים אָפּגעקערעוועט.

ווי נאָר אָבער ראָזי מיט סיידין זיינען אריין אין שאַפּ אין דער ברויען־אָפּטיילונג, האָט סיידי אַ פרייליכע גלייך גענומען דערציילן די מיידלאַך דעם געשפּרעך, וואָס ראָזי האָט געהאַט מיט בעניִן. די מיידלאַך האָבן דערויף אויסגעפּלאַצט מיט הילכיקע געלעכטערס. ראָזי איז געוואָרן רויט ווי אַ צונטער און האָט אָבער אויך געלאַכט.

דער פּלוצלונגער פרויען־געלעכטער האָט זיך פאַרקאַטשעט צו דער מענער־אָפּטיילונג און די חברה פון דער אָפּטיילונג האָבן דערויף אַן שום צוגרייטונגען ארויסגעלאָזט אַ נאָכגעמאַכטן געלעכטער, וואָס האָט אין דעם גרויסן שאַפּ אָפּגעהילכט ווי דאָס פּלוצלינגדיקע אויפהירזשען פון פערד.

די מיידלאַך האָבן דערהערט ווי מען קרימט זיי איבער און האָבן זיך אויך פון די „באָיעס" איבערקרומען פאַנאַנדערגעלאַכט, אָבער גאָר מיט אַנאַנדער־טאָניקן, ראַשיקערן הילך.

בערמאַן איז דעם טאָג געקומען אין שאָפּ מיט אַ פּעקל אונטערן אָרעם.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פּעקל, בערמאַן? — האָט בעגי דער ערש־טער געפרעגט ביי בערמאַנען, וויסנדיק אַז דאָס זיינען געווים די אויפ־רופן פאַרן מאַסמיטינג.

דער פאָרמאַן איז דאָ פּונקט אָנגעקומען און דער לאַנגער מענדל האָט געפונען פאַר נויטיק אויסצושרייען קליגעריש, מעשה דיפּלאָמאַט:

— וואָס הייסט וואָס פאַר אַ פּעקל? — דאָס איז „דינער". איך האָב מיר אויך מיטגעבראַכט מיין מיטאָק!...

— אָבער וואָס זאָגט איר אַף אונזער בערמאַנען? — האָט זיך דער פאָרמאַן אָנגערופן אַ צופרידענער — ער ווערט דאָך באַלד אַ גאַנ־צער מענטש. האָט אָנגעהויבן קומען אין שאָפּ אין צייט און מיטברייננגען דינער. האָט אפנים דערשמעקט דעם סעזאָן.

עס האָט זיך דערהערט דער פייף און גלייך נאָכדעם דער טאָג־טעגלאַכער אויסרוף פון דער פאָרליידי אין צווייטן צימער:

— מיידלאַך, קומט! — — —

גלייך דערויף האָט ערגעץ אַ מיידל אָנגעפּרעסט מיט איר פוס אַף איר מאַשין. די מאַשין האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט און זיך פאַנאַדערגעהילכט איבערן שאָפּ מיטן קול פון אַ הייזעריקן הונט. אַ צווייטע, אַ דריטע האָבן גלייך אָפּגעענטפערט דער ערשטער און באַלד נאָכדעם זיינען זיך אַלע מאַשינען פון דער גרויסער פּרויען־אָפּטיילונג פאַרגאַנגען אין אַ לאַנג־הייזעריקן בילן.

די מענער האָט גרינבערג, דער פאָרמאַן, ניט געדאַרפט זאָגן „באָיעס, קומט!", וואָרים זיי זיינען אַלע שטיק־אַרבעטער און וואָלטן נאָך אָנ־געהויבן פאַר דער צייט, ווען זיי שעמען זיך ניט איינער פאַרן צווייטן. עס האָט זיך דעריבער גלייך דערהערט דאָס בייסן און האַקן פון די ביים־צווייגלאַך אַן דראָט. דער פאָרמאַן, אַ גוט אויפגעלייגטער און גאָרניט פאַרדעכטיקנדיק איז זיך נאָכדעם צוגעגאַנגען צו בערמאַנס וואַרשטאַט און זיך פאַרטרויט געגומען שמועסן.

גרינבערגס געמיט איז בכלל געווען אַ שווערער. אַ פאָרמאַן אין דער „מאָדל העט און פעשאָן קאָמפּאַני" איז ער געוואָרן גראָד דערפאַר, ווייל ער פלעגט ניט קאָנען מאַכן קיין גוטן הוט־פאַסאָן, אַן אָרימער.

אַן עלנטער, ניט זייענדיק קיין גוטער בעל־מלאכה און וועלנדיק פאַרדינען, פלעגט ער שווייגן מער פון יעדן. איבערגעבן, כמעט הינטיש געטריי, אַרויפקוקן צו די אַרבעטער, צום דעמאָלטדיקן פאָרמאַן און צום באַלעבאָס. ביז איינמאָל האָט דער באַלעבאָס בערנשטיין, אַזוי פאַרבייגייענדיק אים באַמערקט און עס איז אים איינגעפאַלן צו הייסן דעם פאָרמאַן אַ פרעג־טאָן, אַט־דעם „באַי” צי ער וואָלט וועלן אָננעמען אַ וואָכן־דזשאָב. ווייל קיין גרויסער פאַרדינער איז ער סיי־ווי־סיי ניט, און אין שאָפּ וואָלט מען געדאַרפט האָבן אַ האַנט, וואָס מען קאָן זיך מיט איר אַ וואָרף טאָן אַהין און אַהער. ער זעט ניט אויס צו זיין קיין פוילער און „פּאַרייסן” וועט ער זיך געוויס אויך ניט. און אַזוי איז גרינבערג נאָכ־דעם געוואָרן אַ מין „אַסיסטענט”־פאָרמאַן און מיט דער צייט — פאָר־מאַן. האָט זיך פאַרליבט און חתונה געהאַט פאַר אַ גויאיש מיידל, וואָס האָט פאַר אַ צייט געאַרבעט מיט אים אין דער „מאָדל העט פעשאָן קאָ.” איז געווען גליקלאַך. אָבער איידער ער האָט זיך נאָך צייט געהאַט אומצוקוקן איז זיין יונגע ווייב אַוועקגעשטאָרבן. אים איז געוואָרן שלעכט. ער האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס קומט אים דאָס... נאָט האָט גע־שטראָפט... אַ גויע... און, אַז אַ גויע — איז וואָס?... ווי אַזוי נעמט מען צו אַזאַ יונגע, אַזאַ גוטע? פאַרוואָס?

אין אַ צייט אַרום האָט זיך געמאַכט אַ שטיקל סטרייק ביי דער „מאָדל פעשאָן העט קאָ.”, האָט מען מורא געהאַט, אַז די סטרייקערס וועלן באַפאַלן די סקעבס, האָט מען זיי אָפּגעשיקט אַהיים אין וועגענער. גרינבערג אַליין איז מיטגעפאָרן מיט די מיידלאַך, צו ווייזן זיי, אַז עס איז גאָרניט. די לעצטע אין דעם וואָגן איז געווען די איטאַליענערין, מערי. זי איז געווען אַזוי שרעקנדיק, אַז זי האָט מורא געהאַט אפילו אַליין אַרויפגיין אויף די טרעפּ פון אייגן הויז. האָט זי גרינבערג אַרויפ־געפירט און איז דאָרט פאַרבליבן אַביסל. און איז נאָכדעם שוין אַרויפ־געקומען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל און אַזוי אַרום האָט ער מיט דער צייט נאָכאַמאָל חתונה געהאַט מיט אַ גויע...

— פאַרוואָס טרעפט דאָס אַזוי?

— ווער ווייסט! — פלעגט אים בערמאַן ענטפערן, כדי פּטור צו ווערן, און דערביי אַמאָל אויך אַ טראַכט טאָן:

אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס אַ מענטש באַגייט דורכדעם

אַ פּאַרראַט קענען זיין ראַסע און איינמאָל באַגאַנגען אַזאַ פּאַרראַט, איז שווער זיך אומצוקערן צוריק מיט גאַנצקייט צו דעם אייגענעם שבט. קאָן זיין, אַז גראַד ביי אַזאַ פּאַרראַט, דערפילט אַ מענטש שטאַרקער ווי ווען עס איז, אַז ער איז אַ צווייג פון אַ געוויסן באַשטימטן שטאַם. אַ צווייג, וואָס איז אַפּגעריסן געוואָרן פון זיין שטאַם און אַנגעהעפט גע־וואָרן אַן אַ צווייטן. ער דערפילט, אַז ער קאָן מער ניט נעמען און ניט געבן קיין זאַפט צו זיין אייגענעם וואָרצל, און בלייבט שטיין פאַר זיינע אייגענע מיט אַ מאָדנעם „קין־צייכן" אַף זיין שטערן.

גרינבערג האָט שוין אַליין געוואוסט פון אַ פּאָר אַזוינע פאַלן, ווען מענטשן האָבן אַפילו דעם צווייטן און דעם דריטן מאָל חתונה געהאַט פאַר אַ גויע און ער האָט דאָס דערפאַר טאַקע גוט אין זין געהאַט. זיך געוואָלט אויסהיטן און זיך פאַרט ניט אויסגעהיט... עפּעס, ווי אַ וואַנט שטעלט זיך אויף צווישן דיר און צווישן „דיינע" מענטשן...

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?...

— ווער ווייסט!

פונדעסטוועגן ווייסט גרינבערג, אַז ביי אַנדערע ווערן פון דעם גע־בוירן גאַנץ געזונטע קינדער. אפשר אַביסל מאָדנע, אָבער פאַרט געזונטע. טאָ פאַרוואָס איז גראַד ביי אים געבוירן געוואָרן אַזאַ שוואַך קינד. אַ קינד, וועמען עס קומט גאָר אַפּ וואָג אַלע מאָל?... אַ שטראָף אַזאַ... און די אַרבעטער ניבן נאָך שטעכווערטלאַך. פון בערמאַנען האָט ער גע־האַלטן. בערמאַן איז ניט ווי זיי. ער איז אַ שטילער, מען קאָן צו אים אויסרעדן אַ וואָרט. דערציילן אַז דאָס קינד איז קראַנק... און גלאַט אַזוי רעדן אַ פּאָר ווערטער ווען עס ווילט זיך רעדן. איז ער דעם פרי־מאָרגן אויך צוגעגאַנגען, זיך צוגעזעצט אַפּן וואַרשטאַט און גענומען רעדן פאַרטרויט:

— ווייסט איר, בערמאַן, אַז מיר וועלן דעם מאָל, ווייזט אויס, האָבן אַ זייער גוטן סעזאָן?

— טאַקע?! — שרייט בערמאַן אויס, ווי עס וואָלט אים שטאַרק הנאה געטאָן.

— יאָ. — זאָגט דער פאַרמאַן גאָר אַ צופרידענער. — עס קאָן זיין, אַז נעקסטע וואָך וועלן מיר זיך שוין שטעלן אַרבעטן „אָווערטיים".

— וואָס — טאַקע גאָר אַזוי פלוצלונג!? — פרעגט בערמאַן און

צעעפנט דערביי זיינע אויגן אַזוי, ווי דאָס וואָלט פאַר אים טאַקע געווען אַן איבעראַשונג. דאָס האַרץ אָבער ציטערט אויף מיט אמת קינדער־שער פרייד, ווי פון אַ סימן אַ גוטן, ווי פון אַ גוטער בשורה.

— יאָ. — ענטפערט דער פאָרמאַן.

— נו, און ווען קומען אַרויף די „נייע הענט"? — פרעגט בערמאַן.

— נאָך מאָרגן. — ענטפערט גרינבערג.

— נאָך מאָרגן?!

— יאָ.

— ווי, טאַקע דער גאַנצער „באַנטש"?

— זיכער — ענטפערט דער פאָרמאַן באַגייסטערט — אָט־דער גאַנצער „באַנטש" מיט האַק און פאַק.

— וועט דאָך, הייסט דאָס, ווערן פריילאַך אין שטעטל — זאָגט בערמאַן.

— און נאָך ווי! — ענטפערט דער פאָרמאַן.

אינמיטן די רייד האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט בענים פאַרשייטער אויסגעשריי:

— אַי איז דאָס אַ „דינער"! עס צעגייט זיך דאָך ממש אין אַלע אברים! אַי, אַי!

דער לאַנגער מענדל, וואָס האָט פריער געפונען פאַר נויטיק אויס־צושרייען. אַז בערמאַנס מיטגעבראַכט פעקל איז בערמאַנס „דינער" — האָט דערווייל אין דער צייט וואָס דער פאָרמאַן האָט גערעדט מיט בערמאַנען, אונטערגעוואונקען בענין, אַז מען דאַרף אַ „טרייבער טאָן" בערמאַנס דינער. בעני האָט גלייך אויפגעכאַפּט דעם לאַנגן מענ־דעלס וואונק, און אַזוי מיר־ניט־דיר־ניט אַרויסגעגנבעט דאָס פעקל כמעט פון אונטער בערמאַנס הענט, דאָס גלייך פאַנאַנדערגעפּאַקט, אַריינגעקוקט און מיטאַמאָל מיט אויפגעגלאָנצטע אויגן זיך אומגעקוקט אַף אַלעמען. דערזען, אַז דאָס זיינען „אויפרופן" פרישע, נאָר־וואָס אָפּגעדרוקטע „הענד־בילס", האָט ער נאָכדעם שקאָצעוואַטע צוגעטראָגן זיין נאָז צום „פליישׁ", אַ צי געטאָן, ווי ער וואָלט וועלן אין זיינע לונגען אַריינציען דעם גוטן טעם און ריח, און מיט אַ טאָן פון איינעם, וואָס ווייסט וואָס אַ גוטער מאכל איז, אויסגעשריען:

— נ־נ־אַ, חברה, איז דאָס אַ מיטיק! אַי, אַי, אַי! עס צעגייט

זיך ממש אין אַלע אברים. — אי, אי, אי! טעם גן־עדן! נאַ דיר אויך! נאַ דיר אויך! וואָס, דו ווילסט אויך איינע? — נו, נאַ דיר. נאַ דיר נאָך אַ פּאָר. דערלאַנג אַריבער צו יענעם טיש. נו, און אייך, לאַנגער? נו, נאַט אייך צוויי מיטאַמאָל!

דער לאַנגער מענדל האָט גענומען דעם „הענט־ביל", אַף אים אַ לאַנגן קוק געטאָן און נאָך איידער ער האָט אים דורכגעלעזן, האָט ער מיט איבערראַשונג, אַרויסגערעדט:

— זע נאָר, עס איז דאָך טאַקע מיט ר ו י ט ע ווערטער!...

דער פּאַרמאַן האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ און האָט אָנגעשטעלט די נאָז, ווי ער וואָלט דערפילט, אַז די לופט אין שאַפּ האָט זיך מיטאַמאָל געענדערט, האָט צעעפנט די אויגן און גענומען אַראָפּקריכן פון טיש, אַף וועלכן ער איז געזעסן שמועסנדיק מיט בערמאַנען.

אָבער נאָך איידער דער פּאַרמאַן איז רעכט אַראָפּ פון טיש איז שוין בעני געשטאַנען פאַר אים און אים געשטופּט אַ „הענט־ביל".

— נאַ, זעסט? דאָס איז אַ „הענט־ביל". זעסט, דאָס איז מיט רויטע ווערטער. מיט רויטן. זעסט? ! דאָ שטייט בפירוש געשריבן ווי אַזוי מען קאָן פון אַ פּאָר אויגן מאַכן צוויי גריבלאָך און זיי דערנאָכ־דעם אָנשטאָפּן מיט וואַטע. נאַ, לעז, וועסט הנאה האָבן.

דער פּאַרמאַן האָט אויסגעהערט בענים דרשה און אים איז דאָס מאָל גאָר אפילו ניט איינגעפאַלן אין כעס צו ווערן און זיך פאַנאַנדערשרייען. אַף זיין געוויינלאַכן שטייגער. ער האָט גענומען דעם „הענט־ביל". אים מיט אַ באַזונדער לאַנגזאַמקייט גוט דורכגעלייענט און זיך נאָכדעם אומגעקוקט און דערזען, אַז דער אייגענער „הענט־ביל" ליגט שוין צעלייגט אַף אַלע טישן און ער האָט מיט אַ מאָדנער טראַכטנדיקער שטילקייט אין קול געזאָגט:

— מיר געפעלט דאָס גראָד. איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז מען דאַרף האָבן אַ יוניאָן. און אדרבה, זאָלן טאַקע די באָסעס זען. איך וועל זיי דאָס אומיסטן אַריינטראָגן. און ער האָט זיך אַ געשלאָגענער, אַזוי מאָדנע־שטיל געלאָזט גיין צום „אָפּיס".

ראָזי איז אַריינגעקומען. בעני איז צו איר גלייך צוגעגאַנגען מיט עטלאַכע „הענט־בילס" אין האַנט.

—נאַ, ראָזי! נעם די עטלאַכע פייגעלאַך און לאָז זיי דאָרט אַף צווישן די מיידלאַך.

—וואָס ווילסטו? וואָס איז דאָס? — האָט ראָזי געפרעגט דערשראָקן און שמייכלענדיק.

— דאָס זיינען „העגט־בילס”. פאַר אַ מאַס־מיטינג. מאַך זיך ניט נאַריש. נעם!

—אַי, זאָל איך שטאַרבן! — שרייט ראָזי אויס און ווערט רויט ווי פייער. — אַז די פאַרליידי וועט דאָס דערזען... זי איז דאָך אַזאַ קריינק! איך זאָל ניט דערלעבן ביז מאָרגן!

— ע, גיי, גיי! איך שעם זיך דאָך פאַר דיר!

די אַרבעטער האָבן פון אַלע זייטן גענומען קוקן אַף ראָזין און שרייען:

— ע, ראָזי, דאָס איז דאָך טאַקע ניט שיין!

— שעמסט זיך גאָרניט?

— גיי שוין, גיי! אַבי איך האָב אַלעמאָל געמיינט, אַז זי איז אַ קלוגע!

ראָזי איז געשטאַנען ווי אין קלעם. געקוקט מיט צעשראָקענע אויגן און זיך ניט גערירט פון אָרט.

בערמאַן איז צוגעקומען און זיך מיט אַ שמייכל אָנגערופן:

— ס'איז אָלרייט, ראָזי. איך זאָג, אַז דו ביסט סיי־ווי־סיי אַ גוט מיידל. שיק מיר נאָך אַהער אַרויס די מיס פעלדמאַן.

— די מיס פעלדמאַן?! — האָט ראָזי אויסגעשריען — שור וועל איך זי אַרויסשיקן. איך וועל זאָגן, אַז מיסטער בערמאַן רופט זי.

און ראָזי האָט זיך גלייך אויסגעדרייט און איז אַוועק, ווי זי וואָלט זיך אַרויסגעריסן פון אַ שטייג. זי איז אַריין אין דער פרויען־אַפּטיילונג און דערזעענדיק די פאָרליידי, האָט זי זיך גלייך אַף גיך אַוועקגעזעצט אַף איר פּלאַץ, גלייך ווי זי וואָלט קיינעם גאָרניט פאַרשפּראָכן, ווי נאָר אָבער די פאָרליידי האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ האָט זיך ראָזי אַף שנעל געווענדט צו דער מיידל וואָס הינטער איר:

— מאָלי, גיב דאָרט איבער צו מיס פעלדמאַן, אַז מיסטער בערמאַן וויל זי זען.

מאַלי האָט דאָס גלייך איבערגעגעבן אַ צווייטער, די צווייטע — אַ דריטער, און אַזוי ביז צו מיס פעלדמאַן, וואָס איז געזעסן אינם צווייטן עק פונם גרויסן פּילפּענצעטערדיקן שאַפ.

די מיס פעלדמאַן האָט אַ הויב געטאָן איר קאָפּ און אירע אויגן איבער די מאַשינען און איבער די מיידלאַך, וואָס זיינען געזעסן אָנגע־בויגן איבער זייער אַרבעט. זי האָט געוואָלט וויסן צו דאָס איז אַ שטי־פעריי אַזאַ, נאָר דערזעענדיק ראָזים צעשראָקענעם פּנים האָט זי נאָכ־דעם גלייך באַהאַלטן איר ווייכן דראָט אונטערן טיש — עס זאָל הייסן, אַז זי גייט דאָס צו די „באָיעס" נאָך אַביסל ווייכן דראָט וואָס פעלט איר אויס.

בערמאַן איז איר אַנטקעגן געקומען.

— זי וויל אַביסל ווייכן דראָט — האָט זי געזאָגט בערמאַנען גלייך קוקנדיק אַף אים.

— אָלרייט, איך וועל אייך געבן אַביסל ווייכן דראָט, אָבער נאָט אייך אויך אַביסל פון דעם — דאָס איז אַן אויפרוף פאַר אַ מאַס־מיטינג. עס קאָן זיין, אַז איצט האָט דאָס געטראָפן פונקט אין דער ריכטיקער מינוט.

— איר מיינט אַזוי? — האָט זי ווי פאַרדעכטיק איבערגעפרעגט.

— יאָ. — האָט ער שאַרף געענטפערט.

זי האָט איבעראַשט און אויפגעלעבט מיטגענומען דעם דראָט און די אויפרופן וואָס בערמאַן האָט איר געגעבן און איז אוועק.

די אַרבעטער האָבן דאָס צוגעזען און האָבן פאַרשטאַנען, אַז „דער עסק גייט ווי געשמירט".

און איינער האָט צוגעלייגט:

— אַף איר קאָן מען זיך שוין פאַרלאָזן. בערמאַן פאַרשטייט אַן עסק. לאָזט עס צו אונזער בערמאַנען.

קאַפּיטל צװײ

דער פּאַרמאַן איז אַרײַן צום באַלעבאָס אין אָפּיס. ער איז געװען צעטומלט, בלאַס, מיט שטאַרק־אַרױסגעפּרעסטע טונקל־ברױנע, כמעט שװאַרצע אױגן. ער האָט אײנגאַנצן אױסגעזען װי אַ געשלאָגענער, נאָכגעיאָגטער װאָלף.

— װאָס איז דער מער? — האָט אים דער באָס מר. בערנשטײן געפֿרעגט.

— אָט זעט! — האָט גרינבערג אַרױסגערעדט אַ פֿאַרלאָרענער און דערבײַ מיט שרעקנדיקע הענט פֿאַנאַנדערגענומען דעם אױפֿרוף.

— װאָס, זעט, — האָט בערנשטײן אױסגעשריען, — האָסט קײן מױל ניט?!

— דאָס איז אַן אױפֿרוף — האָט דער פּאַרמאַן געזאָגט אָפּהענטיק, אונטערטראָגנדיק דעם אױפֿרוף נעענטער צו בערנשטײנען.

— אַזױ, אַן אױפֿרוף! װידער!...

און בערנשטײן האָט גענומען דעם אױפֿרוף, אים איבערגעקוקט, אװעקגעלײגט, אַ טראַכט געטאָן, אַ קוק געטאָן אױפֿן פּאַרמאַן, אױפֿגעשמײכלט, און אַזױ שמײכלענדיק זיך געװענדט צום פּאַרמאַן:

— נו, איצט זעסטו כאָטש צו װאָס דו האָסט געבראַכט.

דעם פּאַרמאַנס צעשראָקענע אױגן האָבן זיך אַזױ װי אַ ריס געטאָן פֿון קאָפּ אַרױס.

— װאָס מײנט איר, מר. בערנשטײן? װאָס הײסט?...

— איך האָב דיר שױן װיפֿיל מאָל געזאָגט, אַז דו טױגסט ניט פֿאַר קײן פּאַרמאַן. דו װײסט ניט װי זיך צו באַגײן מיט אַרבעטער.

— אָבער איך טו דאָך אַלץ װי איר הײסט מיר, װי איר זאָגט מיר אָן.

— װאָס זאָג איך דיר אָן?

— איר האָט דאָך מיר אַלײן לעצטע װאָך אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל זיך צו זײ נעמען פֿאַרהאַלטן זײער שטרײַנג.

— יאָ, דאָס איז אמת. אָבער איך האָב דיר דערקלערט, אַז דאָס איז נאָר דערפאַר, כדי זיי זאָלן דיר אין סעזאָן ניט אָפּדרייען דיין קאָפּ. אַ פּאַרמאַן, אָבער, דאַרף וויסן ווי, ווען און וואו, און ניט באַלד נאָר עפּעס, אָנפאַלן אַפן אַרבעטער, ווי אַ משוגענער הונט!

ביי גרינבערגן האָבן די פּיס געגומען גליוורען. — אַ הונט. וואָס הייסט אַ הונט? ! — דאָס קראַנקע קינד, פון וועלכן עס קומט אַלץ אַפּ וואָג; דאָס ווייב וואָס איז אַזוי וואָרים און גוט, כאָטש זי איז אַ גויע, דאָס וואָס ער איז אין אַלץ שולדיק, כאָטש ער איז ניט שולדיק און דאָ נאָך — הונט, הונט... די הויט אַפן פּנים האָט אים גענומען בריען; אַלץ אַרום האָט גענומען טאַנצן. דער באָס, די אַרבעטער, די ווענט אפילו. דאָס איז עפּעס אַ משוגענער טאַנץ אַזאַ, אַרום אַ שולדיקן, וואָס איז ניט שולדיק. און דאָס מיידל, וואָס זיצט דאָרט דורכן טיר אין דעם צווייטן צימער איבער די ביכער, נעמט טאַנצן, זיצנדיק אינאיינעם מיט איר ביינקל און מיט איר טיש... די פענצטער טאַנצן, — וואָס איז דאָס פאַר אַ טאַנצן. פאַרוואָס טאַנצט דאָס אַלץ? —

בערנשטיין האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אַפן פּאַרמאַן און האָט ווידער אַ שמייכל געטאָן.

ווען בערנשטיין איז נאָכדעם אַרויס פון אָפּיס, זיינען שוין די אויפרופן געווען פאַנאַנדערגעשפּרייט אויך צווישן די מיידלאַך און די לופט אין שאַפּ איז עפּעס מיטאַמאָל געוואָרן אַ פרייע, אַן ערב־יום־טוב־דיקע. אַלץ, אפילו די מאַשינען האָבן אַנדערש גערוישט.

בערנשטיין איז אַריין אין דער מיידלשער אָפּטיילונג אַ שמייכל־דיקער. די פאַרליידי איז אים אַנטקעגן געקומען אַ צעטראָגענע: — זי ווייסט אַליין ניט ווען דאָס איז פאַרגעקומען און ווי אַזוי. זי ווייסט, אַז דאָס איז אַלץ דער מיס פעלדמאַנס אַרבעט. זי איז אַזאַ אומדאַנק־באַרע. אַזאַ פאַרפוילטע סאָשעליסטקע! זי וועט איר גלייך הייסן גיין!

— איך גיב איר שטענדיק די בעסטע אַרבעט — האָט זי אַלץ נערוועז געטענהט — און בין מיט איר שטענדיק אַזוי פריינטלאַך, איצט זע איך, אַז עס איז צווישן „זיי" אפילו ניטאָ קיין איין ליטישער מענטש. און זיך אַזוי אַלץ ניט אָפּשטעלנדיק, האָט זי ווייטער גערעדט:

— ווי גוט, דו זאָלסט ניט זײַן צו זיי, זײַנען זיי אַלע פּײַאיק דיר אַרײַנשטעכן אַ מעסער אין האַרצן. איך גיי זי גלײַך אַרויסשיקן און וועל איר נאָך מאַכן דעם גרעסטן סקאַנדאַל, וואָס זי האָט וועט געהאַט! איך וועל דאָס טאָן, אַזוי זיכער, ווי איך לעב!

בערנשטיין האָט דערזען, אַז ביי דער אויפגערעגטער פּאַרלײדי שטייען אַזש טרערן אין די בלויע אויגן, און ער האָט זי גענומען באַרו־איקן:

— זײַ ניט אַזוי נערוועז, מערי! מאַך ניט קיין סקאַנדאַלן, דו גיי, זע בעסער, אַז גראַד זי זאָל האָבן גוטע אַרבעט און...

די בלאָנדע מערי האָט אויפגיהויבן אירע אויגן און דערזען, אַז דער באָס בערנשטיין שמייכלט. זי איז געבליבן שטיין אַף אַ ווײַלע און האָט מיטאָמאָל גלײַך פאַרשטאַנען, אַז דער באָס איז גערעכט און אַז, אַדרבה, מען דאַרף איצט זײַן גוט צו די מיידלאַך און מען דאַרף שמייכ־לען, ווי ער... און דערצו נאָך קוקט דער באָס אַזוי מאָדנע אַף איר פאַרפלאַמט פּנים, אַף אירע בלויע אויגן, אַף אירע בלאָנדע האָר און אַף איר דעקאָלטע. און זי האָט גענומען פילן גוט און אויפגעלייגט און זי האָט זיך אַוועקגעלאָזט צווישן די מיידלאַך מיט גוטע שמייכלען און מיט חבֿרשע ווערטער.

בערמאַן האָט דערזען ווי דער פאָרמאַן און דער באָס בערנשטיין גייען אַרויס פון דער מיידלשער אָפּטיילונג אין דער מענערשער אַרײַן. דאָס האַרץ האָט אים אַ ציטער געטאָן — זיי קאָנען נאָך אפשר צוקומען גלײַך צו אים... אַ?

אָבער דאָס וואָס ער שטייט אַף אַזאַ הויכן עטאַזש ביי אַ פענצטער, וואָס דערהויבט אים איבער אַזוי פיל דעכער, מאַכט אים פילן שטאַרק און זיכער. אָט זײַנען די גרופּע טורעמס, וואָס איבער די דעכער דאַרט אַרויף, אָט איז דער גרויסער שוואַרצער טורעם. אַך ווען די זון וואָלט אויך איצט אַ שלאָג געטאָן אין די פענצטער פון זײַן גרויסער שפּיציקער קרוין! דאָס וואָלט געווען אַ גוטער סימן, אַ? און אָט איז דער באָס מיטן פאָרמאַן שוין לעבן אים. זיי באַטראַכטן זײַן אַרבעט. ער כאַפּט אַ קוק פון דער זייט. — בערנשטיין האַלט אַ פּאַסאַן אין האַנט, קוקט אַן און זאָגט שמייכלענדיק צום פאָרמאַן:

— ער מאַכט אַלעמאָל אַ שיינע הוט.

און אַט — בהק! — ווי אימיצער וואָלט מיטאַמאָל אַריינגעשליי־דערט אַ שווערן שטיין אין וואַסער. — פּונקט ווי נעכטן האָט די זון ווידער זיך אָפּגעשלאָגן אין די פענצטער פון דעם שוואַרצן טורעם און זיין גרויסע קרוין האָט ווידער ווי נעכטן גענומען שלאָגן פון זיך מיט גרויסע זון־פלאַמען.

בערמאַן האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן און האָט גאָר אָן שום צע־רעמאָניעס גענומען קוקן צו דעם טורעם.

בערנשטיין האָט נאָכגעקוקט בערמאַנען, אויך דערזען דאָס פּלוצ־לונגדיקע שפּיל פון זון און טורעם, זיך אָנגערופן:

— דאָס איז שיין! —

בערמאַנען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס האָט מען זיך אַזוי גע־ווענדט צו אים. האָט ער זיך אומגעקוקט און דערזען דעם באָס בערנ־שטיינען און דעם פאָרמאַן. ביידע שמייכלען. האָט ער אָפּגעזאָגט „יאָ" און האָט אויך גענומען שמייכלען אומבאַהאָלפן און — טאָן זיין אַרבעט...

דאָס וואָס דער טורעם האָט, ווי דער עלטצטער און קלוגסטער ברוּ־דער צווישן די מויערן, גענומען שיינען פּונקט אין דער מינוט, וואָס בערמאַן האָט אַף דעם געוואַרט ווי אַף אַ צייכן, האָט בערמאַנען אָנגע־פילט מיט פרייד און מיט שרעק. די פרייד האָט אויסגעלייגט אַ שמייכל אַף זיינע ליפּן. דער שרעק האָט אָנגעצונדן אַן אומרו אין זיינע אויגן און האָט זיי געמאַכט שוואַרצער און שאַרפער.

ער, וואָס קלייבט זיך פירן די אַרבעטער צום קאַמף, האָט זיך דערשראָקן, ווען ער האָט דערהערט און דערפילט די טריט פון די באָסעס, וועלכע האָבן זיך גענומען דערנעענטערן צו אים. דער געדאַנק וועגן אָט־דעם ביטערן אמת האָט מיט אַ ביטערער, בליציקער שוואַרצקייט גענומען שמייסן און פּאַטשן אין פּנים פאַר אָט־דעם ליכט פון דעם טורעם, פאַר דער ליכט פון דער זון. „זיין הארץ האָט פּשוט גענומען שרעקלאַך ציטערן, ווען ער האָט דערזען די ביידע באָסעס?" וואָס איז דאָס? פאַרוואָס האָט ער זיך געשראָקן, אַ? געשראָקן, און נאָך געשמייכלט צו אים, צום אונטערדריקער, צום ביטערסטן שונא אין קאַמף. די ליפּן האָבן זיך נאָך אַליין געקנייטשט, ווי אין אַ שמייכל, אָבער אַ פאַרניכטנדיקער כעס האָט געפרעסן דאָס לייב און די ביינער. ווען ער

זאָל קאָנען, וואָלט ער עפּעס געוואָרפן אַט־דעם צעשטראַלטן טורעם אין קאָפּ אַריין. וואָס פאַר אַ סימנים? !... וואָס איך הויב גאָר אָן גלויבן אין סימנים? — שקלאַפן זיינען אַלעמאָל געווען טרוסן און אַבערגלויביק. — בערמאַנען נעמט זיך דאַכטן, אַז דער שמייכל וואָס ער האָט געגעבן די באָסעס, איז אים געבליבן אַף די ליפּן ווי אַ צוגעקלעפּטער און ער גיט ערשט פונדאַסניי אַ שמייכל, אַ שמייכל פון ברענענדיקער ביטערקייט אַף זיך און אַף אַלץ.

מיטיק־צייט, ווען ער איז אַרונטער אין רעסטאָראַן, האָט ער זיין באַשטעלטן מיטיק ניט געקאָנט עסן. עפּעס האָט זיך די האַנט אָפּגעזאָגט צו ברייגנען דעם ביסן אין מויל. אַ טרוקענע ביטערקייט איז געלעגן אַפן צונג און אַפן גומען.

נאָכן ניט געגעסענעם מיטיק, איז בערמאַן אַרויס פון רעסטאָראַן און איז אַוועק צום פּלאַץ, וואו די אַרבעטער פון זיין פאַך קומען זיך צונויף יעדן מיטיק־צייט. די אַרבעטער זיינען געשטאַנען אין שווערע, שוואַרצע גרופּן ביי דעם גרויסן ביר־סאַלון און אַרום די עטלאַכע ביליקע צוביים־פּלעצער, וואָס פלעגן זיך געפינען אַרום יענעם אָרט. די מערסטע פון די אַרבעטער זיינען געווען אָן זייערע געפּרעסטע קעלנער, אייניקע פון זיי מיט פאַרטוכער אָדער אויבער־הויזן, האָבן מיט גוטמוטיקע שמייכלען געשמועסט צווישן זיך, געגרויבערט אָדער געקאַלופּעט די ציין מיט שטאָפּ־העלצלאַך.

— אָ... בערמאַן! — האָט אַן אַרבעטער אויסגעשריען.

— אַ גאַסט אין אונזער שטעטל.

— נו, איז וואָס. כאַפּט דיך דער רוח אַוועק? — האָט זיך אַנאַנדערער אָנגערופן.

בעני איז אָנגעלאָפן מיט אַ פּעקל „הענט־בילס".

— אַט, האָסטו דיר! — האָט אים אַן אַרבעטער בעגעגנט.

— הייסע לאַטקעס! הייסע לאַטקעס! — האָט בעני געגומען שרייען מיט איילעניש, ווי ער וואָלט קיין צייט ניט געהאַט. — כאַפּט. כאַפּט, ברידער אַרבעטער, אין אייער טאַטנס טאַטן אַריין! נידער מיט דער פאַרפלוכטער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעמע! הוראַ!

— אוי, חזירים, וואָס איר זענט! כאַפּט ניט אַזוי. איר וועט זיך נאָך אָפּבריען. שאַ. אַט איז בערמאַן! אַ „ספּיטש", זאָל ער האַלטן אַ

ספּיטש! אין אייער טאַטנס טאַטן אַריין! בערמאַן, זאָגט זיי, אַז זיי האָבן שכל ווי קעץ, און קעפּ ווי מייז, און אַז הינטישע מאַמעס האָבן זיי געבוירן. און, אַז אויב זיי וועלן זיך דעם איצטיקן מאָל ניט אָנשליסן אָן דער יוניאָן, וועט אַ רוח אין זייער טאַטנס ביינער אַריין...

— נידער מיט דער פאַרפלוכטער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעמע! — האָט אַנאַנדער לאַכנדיקער אַרבעטער אויסגעשריען און אויסגעכאַפּט בענים „פּראָזע".

— הוריי! — האָט בעני צופרידן געענטפערט. און לאַכנדיק אויסגעשריען:

— עס לעבע דער סאָציאַליזם!

— הוריי!

קאַפּיטל דריי

שטערן אין אַ שוואַרצער נאַכט שיינען העל, אָבער נאָך ליכטי־קער האָבן פאַר בערמאַנען געבלאַנקט די ווייסע אויפרופן אין די הענט פון די אַרבעטער. בערמאַנען האָט גענומען ווערן גוט און אָנגעצונדן פאַר די אויגן, קוקנדיק אַף די אַרבעטער מיט די פאַרשפּיצטע שטאָפּ־העלצלאַך צווישן זייערע ציין און מיט די ווייסע אויפרופן אין זייערע הענט.

דאָס בלוט, וואָס האָט געשפּילט און געזונגען דורך זיינע פינגער, ווען ער האָט געשריבן דעם אויפרוף, האָט איצטער ווידער גענומען זינגען און שפּילן. דאָס האַרץ האָט זיך אויפגעקאָכט מיט פּראָטעסט צו די אונטערדריקער מיט גרייטקייט פאַר קאַמף און זיג. און אָט ווערט מיטאַמאָל אַ גערודער צווישן עולם. עס דערהערן זיך אויסגעשרייען פון אַלע זייטן, טענות, אַז מען דאַרף דאָס יאָ, אַז מען דאַרף דאָס ניט — עס איז דאָך ניט דאָס ערשטע מאָל און עס ווערט דערפון גאָרניט.

בערמאַן האָט אַף דעם צופרידן און שמייכלענדיק זיך אָנגערופן:

— מען דאַרף. אוי, ברידערלאַך, דאַרף מען!

— דאַרפן דאַרף מען טאַקע יאָ, אָבער דו ווייסט דאָך, אַז עס ווערט אַלעמאָל צו גאָרנישט — האָט זיך אַן אַרבעטער אָנגערופן.

— זיי ניט קיין נאַר. אפילו ווען עס זאָל אויך איצט ניט ווערן, דאַרף מען עס אויך. און אַ סימן וועסטו האָבן און אַ סימן וועט איר אַלע האָבן — פרעג יעדן אַרבעטער פון אונזער שאַפּ, וועט ער דיר דער־ציילן, אַז ווי נאָר די באָסעס אונזערע האָבן דערשמעקט, אַז עס קלייבט זיך אַ יוניאָן־וואַלקן, האָט מיטאַמאָל גענומען בלאָזן אַ נייער ווינט אין שאַפּ. און דאָס אייגענע וועט איצט געשען אין אַלע איבעריקע שעפּער, ווייל דער סעזאָן האָט מיטאַמאָל איצט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר.

— וואָסער סעזאָן? אַז עס איז נאָך גאָר קיין סעזאָן ניט. מיר שטייען גאָר אָן אַרבעט — האָט זיך אַנאַנדער אַרבעטער אָנגערופן.

— ביי אונז איז אויך קיין שטאָך אַרבעט ניטאָ — האָט זיך נאָך איינער אָנגערופן.

— מאַכט זיך ניט נאַריש! — האָט בערמאַן אויסגעשריען — וועמען דערציילט איר, באָבע־מעשות! מען זאָגט אייך, אַז ס'איז איצ־טער סעזאָן, איז וואָס דרייט איר אַ קאָפּ? צי איר האָט מורא אויס־צוזאָגן... אונזער פירמע שיקט שוין סיי־ווי־סיי אַרום נאָך די „סעזאָן־פויגל". אייערע טוען מן־הסתם דאָס אייגענע. איז צו וואָס דאָס שפּיל אין באַהאַלטעניש? און דערצו ווייסט איר דאָך גאַנץ גוט, ווי אַזוי דער סעזאָן קומט אין אונזער טרייד. אַט, דאַכט זיך, זיצט מען אין שאָפּ ביי אַ „טערטל־מערטל" און פּלוצלונג ווערט אַזאַ „ביזי", אַז קיין הענט סטייען ניט.

און בערמאַן בייט איבער זיין ערנסט־שרייענדיקן טאָן אויף אַ שפּי־לעוודיק־שמייכלענדיקן און זאָגט מיט אַ שמייכל אויף זיינע גרויסע ליפּן:

— עס קאָן זיין, אַז דער סעזאָן האָט זיך אָפּן וועג צו אייערע שע־פּער פאַרבלאָנדזשעט. נו, וועט ער אָנקומען צו אייך שפּעטער מיט אַ האַלבע שטונדע.

— פון זיין מויל אין גאָטס אויערן! — שרייט אויס אַן אַרבעטער לאַכנדיק.

— אָ־אָמן! — ענטפערט אַ צווייטער.

— די הויפּט־זאַך איז, אַז מען מוז טאַקע גוט געדיינקען, אַז עס איז אַסאַך געזינטער פאַר אונז, ווען די באָסעס ווייסן, אַז ס'איז דאָ אַ יוניאָן — רופט זיך אָפּ איינער פון דער זייט.

— נו, יאָ, וואָס אמת איז אמת.

— שור. צו וואָס זאָל מען זיך נאַרן?

— און דערצו קאָן דאָך טאַקע זייער גוט זיין, אַז דאָס מאָל זאָל זיך פאַרט איינגעבן צו גרינדן אַן אמתע יוניאָן. און ווער ווייסט וואָס פאַר אַ גרויסע צוקונפט עס שטייט אונז פאַר — האָט בערמאַן מיטאַמאָל גענומען רעדן מיט גאָר אַנדערע טענער — ווען מיר אָרגאַניזירן זיך ריכטיק, ווי מענטשן, ווי עס דאַרף צו זיין, איז ניט נאָר הערן מיר אויף צו זיין ווי הינט, וועלכע דער באָס אָדער דער פאָרמאַן קאָן אַריינלאָזן אָדער אַרויסטרייבן פון שאָפּ, און ניט נאָר וועלן מיר קריגן מער געצאָלט

פאַר אונזער אַרבעט, נאָר מיר וועלן אויך קאָנען אויספירן, אַז די, וואָס כיאַכן דעם דראָט, זאָלן זיך אָרגאַניזירן, וואָרים מיר וועלן קאָנען זאָגן, אַז מיר ווילן ניט אַרבעטן מיט דראָט, וואָס ווערט געמאַכט אין „סקעב"־שעפּער. מיר וועלן אויך קאָנען זען, אַז די, וואָס פּוצן די היט, זאָלן זיך אָרגאַניזירן און די, וואָס מאַכן די בלומען, און די, וואָס פאַרבן די פעדערן, און די, וואָס וועבן דעם שטאָף און די סטענגעס און אַזוי ביז אפילו די, וואָס פאַרקויפן די היט. שטעלט זיך פאָר וויפיל טויזנטער און צענדליקער טויזנטער מענטשן עס קאָנען אַף אַזאַ'ן אופן פאַרברידערט און אויפגעריכט ווערן. זאָל זיך יעדער פון אונז נאָר אומקוקן און אויפעפענען זיינע אויגן און דערזען. דאָס איז דאָך אַן איינפאַכער אמת. כאָטש עס זעט פיליכט איצט אויס ווי אַ חלום. און אָט־דער ליכטיקער אמת, חברה, ליגט דאָך פשוט אין אונזערע הענט ווי אַ געבראָטענער פויגל... ניין, חברה, ברידער, חברים, פריינט — געבראָטענע פויגל זיינען דער אמת פון די קאַפּיטאַליסטן פאַר זייערע פעטע בייכער. ווען זיי זאָלן קאָנען, וואָלטן זיי די גאַנצע וועלט אָפּגעבראָטן ווי אַ פויגל און זי אויפגעפרעסן מיט זייערע וועלפישע ציין. אונזער אמת איז אויך ווי אַ פויגל, ווי אַ געפאַנגענער פויגל!... אָבער ער לעבט! לאָמיר אים אַרויסלאָזן און זאָל ער שוועבן איבער אונזערע קעפּ. זאָל ער אונז פירן פון זיג צו זיג, ביז די גאַנצע מענטשהייט וועט באַפרייט און אויסגעלייזט ווערן!

— נו, חברה, חברה! — האָט בערמאַן אויסגעשריען אַ פלוצלונג־דורכגעוואַרימטער, אַ שמייכלענדיקער. דאָס גרויסע מויל זיינס האָט אויפגעבלאַנקט מיט די פולע, שטאַרקע ציין. זיינע ניט־גרויסע, נאָר שאַרפע אויגן האָבן מיט פאַרעקשנטער פרייד געקוקט פאַר זיך. דאָס האַרץ ווערט פול. בערמאַן רעדט ווייטער, דערוואַרימט מיט קינדערשער פרייד. ער קוקט פאַר זיך אַף דער גרויסער צאָל אַרבעטער, וואָס האָט זיך אויסגעשטעלט אַרום אים, אַף די ווייסע „הענט־בילס" אין זייערע הענט, די ווייסע „הענט־בילס" מיט רויטע ווערטער, וואָס ער האָט פאַר זיי געשריבן, אַזויפיל אַרבעטער אַף אַספאַלטענע גאַסן, וואָס ציען זיך פון דאָ און דאָרטן ווי גלייכע, גרויע טייכן, וואָס שפּרייטן זיך צווישן אויפגעכישופטע הויכע, פליצעדיקע מויערן, — אַ מין אָנזעעוודיקע האַרכנדיקייט האָט גענומען אַרויסקוקן פון אַלץ — די מענטשן הערן, די גאַסן הערן, די טויערן הערן. הויך און אויפגעהויבן האָט בערמאַן זיך דערזען און דער־

פּילט. ווי אַף אַ הויך־אויפגעהויבענער בימה וואָלט ער מיטאָמאָל אַרויפ־געשטעלט געוואָרן, און האַרט לעבן זיך, כמעט הינטער זיינע אַקסלען, האָט ער מיטאַמאָל דערפילט דעם הויכן מויער מיטן גרויסן טורעם, וואָס טראָגט זיין שווערע פיל־שפּיציקע קרוין הויך איבער אַלע אַנדערע טורעמס און מויערן פון דער הויכער און גרויסער שטאָט. הויך איבער אים שטייט אַט־דער טורעם, וואָס קאָן זיך שפּילן מיט דער זון, וואָס קאָן וואַרפן פון זיך מיט זוניקע פלאַמען, מיט צעשטראַלטע זוניקע זיילן! כאָטש געפונען האָט זיך אַט־דער גרויסער טורעמדיקער מויער אַף אַסאַך ווייטערע שטרעקן ווייט פון בערמאַנען, פון דעם אָרט, וואו בערמאַן איז געשטאַנען האָט מען דעם מויער איבער־הויפּט ניט געקאָנט זען, אָבער בערמאַן האָט אים געפילט און געזען גלייך הינטער זיך און דאָס האָט אים געשטאַרקט און געקרעפטיקט — — —

אינמיטן דערינען האָט ער זיך אָבער געכאַפּט, אַז ער רעדט צו יום־טוב־דיק און ער האָט זיך מיטאַמאָל אַ דריי געטאָן, האָט איבערגעריסן אַלע זיינע געדאַנקען און זעאונגען, האָט זיך פאַנאַנדערגעשמייכלט און אויסגע־שריען:

— די הויפּט־זאַך אָבער איז, אַז מיר האָבן איצט אַן אויסערגעוויינט־לאַך־גוטע און גינסטיקע צייט. קומט צום מיטינג און זעט, אַז יעדערער פון אייך זאָל קומען צום מיטינג און זאָל זיך אַנשליסן אַן דער יוניאָן, ווייל אויב איר וועט דאָס איצט ניט טאָן, וועט — — — ווי עס זאָגט אונזער בעני: אַ רוח אין אייער טאַטן און אין אייער טאַטנס טאַטן אַריין!

— הוריי! בראַוואָ! — האָט בעני און חברה מיט אים אויפגעשריען און אויפגעפּאַטשט.

בערמאַן האָט זיך נאָכדעם אין איילעניש געגומען אַרומגיין צווישן די אַרבעטער און רעדן אַ וואָרט מיט דעם און מיט יענעם:

— דו, מעקס, ווייסט דאָך געוויס זען, אַז די חברה פון אייער שאַפּ זאָלן ניט אויספעלן, האַ? און אַט איז היימאַן! העלאָו! מיינסטו ניט, אַז מיר זיינען פּונקט אין צייט? מען דאַרף זיך נאָר איצט אַ נעם טאָן מיטאַמאָל, האַ? און אַט האָט בערמאַן גאָר אָנגעכאַפּט אַן אַרבעטער אונטערן האַנט, אים אָפּגעפירט אין אַ זייט און זיך צו אים פּאַרטרויט געווענדט:

— הער מיך אויס, מייק. איך וויל, אַז דו זאָלסט מיט מיר זיין גאַנץ אָפנהאַרציק. זאָג מיר דעם אמת, וואָס האָסטו דאָ פריער גערעדט, אַ ספּאָדיק, אַז ביי אייך אין שאָפּ איז נאָך גאָר קיין סימן פון סעזאָן ניטאָ. דאָס האָסטו דאָך מן־הסתם גערעדט אַזוי, ווייל דו האָסט מורא, עס זאָל זיך ניט פאַרגלוסטן אימיצן פון די חברה אַרויפצוקומען צו אייך פאַר אַ דזשאָב, האַ?

אינמיטן געשפרעך מיט מייקן איז צו בערמאַנען צוגעקומען ווילק:

— האַו דו יו דו, בערמאַן? ווידער אַ יוניאָן?

— זיכער, זיכער! ווי געפעלט דאָס דיר? — האָט בערמאַן אים געענטפערט און אים דערלאַנגט די האַנט.

און זייערע ביידנס שטאַרקע הענט האָבן שטאַרק אַ דריק געטאָן איינע די אַנדערע.

— וועל, מיר געפעלט דאָס — האָט ווילק געזאָגט — נאָר איצט דאַרף מען זיך נעמען צו דער זאַך גאַנץ אַנדערש. ניט ווי קיין גרינע... פאַרשטאַנען? ...

— וואָס מיינסטו? — פרעגט בערמאַן.

— וועל, איך וועל דיר זאָגן. מיר וועלן דאָס דערווייל לאָזן... פאַר־שטאַנען?...

— אָלרייט — האָט בערמאַן געענטפערט טאַקע ניט פאַרשטייענדיק — דערווייל אָבער, ווילק, זע ניט צו פאַרלירן קיין צייט אומזיסט.

— גוט. גוד־ביי.

— ביי־ביי.

קאַפּיטל פיר

בערמאַן האָט געזאָגט גוד־ביי צו די באָיעס און איז אַריבער צו דער צווייטער זייט פון דער גאַס, און זיך אָנגעטראָפן מיט דער מיס פעלדמאַן, וועלכע האָט אָף אים געוואַרט.

— וועל, מיס פעלדמאַן, ווי גייט דאָס?

— אָלרייט, גאַנץ וואויל. נאָר מיינט איר ניט, אַז מען וואָלט גע־דאַרפט אַרויסשיקן אַ קאָמיטע פון עטלאַכע מיידלאַך, וואָס זאָלן אָפּ־וואַרטן די אַרבעטערינס, ווען זיי גייען אַרויס פון די שעפּער, און זאָלן זיי פאַנאַנדערטיילן דעם אויפרוף?

— דאָס איז זייער אַ גוטע אידייע! — האָט בערמאַן אויסגעשריען

— קאָנט איר דאָס פּיליכט אָראַנזשירן?

— איך ווייס, איך וועל פּרוּוון. נו, און ווי גייט דאָס מיט די מענער?

— ווייזט אויס, זייער גוט.

— ווירקלאַך?!

— יאָ, יאָ. עס זעט אויס צו זיין אויסגעצייכנט. אָבער טאַקע גאָר גוט! אַזוי, אַז איר וואָלט זיך דאָס גאָרניט געריכט, האַ?

די מיס פעלדמאַן איז געבליבן שטיין, האָט זיך אומגעקוקט אָף בערמאַנען און גאָר אומדערוואַרט ביי אים געפרעגט:

— איז פאַרוואָס־זשע זענט איר אַזוי נערוועז און געערגערט?

בערמאַן האָט אַ קוק געטאָן אין אירע אויגן און זיך דערפילט אַ געכאַפּטער...

— וואָס, איר מיינט אַז איך בין אַזוי, ווייל עס גייט ניט גוט? ניין, איר האָט אַ טעות.

— וואָס דען?

— דאָס איז דערפאַר, ווייל איך בין אַ נאַר — האָט ער אָפּגעזאָגט מיט אַן אומבאַקוועמער בראַווקייט.

מים פעלדמאַנס קליינע, רויטע ליפּן לייגן זיך צונויף אין אַ קאַקע־טישן און קלוגן שמייכל און זי זאָגט:

— אַזוי גאָר? און איך האָב געמיינט, אַז אַ נאַר איז שטענדיק צופרידן.

— פון יענע נאַראָנים וואָלטן זיך אַסאַך קלוגע געמעגט לערנען, פאַראַנען אָבער נאָך אַנדערע נאַראָנים...

— אַזוי...

— וואָס, איר לאַכט פון מיר, מים פעלדמאַן? — האָט זיך בערמאַן אָנגערופן אויפהויבנדיק זיין קאָפּ. און דערזעענדיק אירע ליפּן און איר שטע־רען צוגעגעבן: און איך זאָג אייך גאַנץ ערנסט, אַז מיר פעלט ניט איינמאָל איין, אַז אויב אַ קלוגער שלאָגט זיך אָן אַף עפּעס און ווייסט ניט ווי זיך צו העלפן, זאָל ער גיין און זען ווי דער נאַר טוט אין אַזאַ פאַל, און זאָל ער אים נאָכטאָן און אים וועט זיין וואויל און גוט.

— ניין, אָבער טאַקע אין דער אמתן וואָס איז מיט אייך? פאַר־וואָס זעט איר אויס אַזוי אומצופרידן?

בערמאַן האָט זיך אָבער אינמיטן דערינען דערמאָנט אָן דער רעדע. וואָס ער האָט נאַר־וואָס געהאַלטן, און אין דעם אופן, ווי ער האָט זי פאַרענדיקט, און אין דעם שרעק, וואָס ער האָט דערפילט, ווען דער באָס מיט דעם פאָרמאַן האָבן זיך צו אים היינט דערנענטערט און אַ נייע שוואַרצע כוואַליע האָט זיך מיטאָמאָל פונערגעץ אָפּגעריסן און זיך אַ יאָג געטאָן אַף אים. ער האָט אַ שמייכל געטאָן, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און דערזען מים פעלדמאַנס קליינע שיכלאַך און די געמאַסטענע טריט, וואָס זי שטעלט אַפּן טראָטואַר לעבן אים, און ער האָט זיך אָנגערופן:

— מיר ווילט זיך איצט אָן אימיצן נוקם זיין זיך.

— נאָר ניט אָן מיר, האָף איך — האָט מים פעלדמאַן געענטפערט און דערביי געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי זי וואָלט וועלן איינהאַלטן די פיס הינטער זיך...

— ניין. נאָר סאָרא וואונדער איר פרויען קאָנט דערווייזן. איך האָב דאָך געהערט, אַז איר זענט אַ זייער שנעלע אַרבעטערין און פונ־דעסטוועגן זעט נאָר וואָסערע שטילע און געמאָסטענע טריט איר שטעלט...

זי איז רויט געוואָרן, אָבער בערמאַן האָט פאַרגעזעצט:

— אַט בין איך אַ שנעלער אַרבעטער — גיי איך שנעל, רעד איך שנעל, באַנאַריש זיך שנעל. ווען מען וועט דאָס גאָר איינפאַלן צו שטעלן טריט ווי צוגעצייל׳טע? ווער האָט דאָס צייט פאַר דעם?

— זעט איר שוין, אַז איך האָב געטראָפן, אַז איר זענט נערוועז? — האָט זיך די מים פעלדמאַן אָנגערופן, גלייך ווי ניט זי מיינט מען...

בערמאַן האָט זיך אומגעקערט און האָט דערזען, אַז די מיידל באַהערשט זיך איצט, מיידט עפּעס קלוג אויס און בלייבט רואיק... איז אים פון דעם עפּעס מיטאַמאָל אַנדערש געוואָרן פאַר די אויגן. ער האָט פון דעם אַן אומדערוואַרטן שמייכלדיקן טראַכט געטאָן, אַז ניט נאָר ביי נאַראָנים, נאָר עס ווייזט אויס, אַז אויך ביי ווייבער קאָן מען עפּעס לערנען. און ער איז נאָכדעם אַרויף אין שאַפּ אַ רואיקער, אַ שמייכלענדיקער.

קאַפּיטל פינף

דער נאָכמיטיק איז אין די שעפּער פון דעם טרייד געווען אַ אויסערגעוויינטלאַך אויפגעלייגטער. אַלע האָבן גערעדט און געבריעט וועגן דעם קומענדיקן מאַסנמיטינג, וועגן דער יוניאָן, וועגן יוניאָן־פירער, וועגן סקעבס, וועגן סטרייקס, וועגן גענגסטערס און רעוואָלווערן.

די פּאַרלייטע און די באָסעס פון דער „מאָדערן פעשאָן נאָוועלטי העט קאָמפּאַני” האָבן פון־מאָל־צו־מאָל געפּרואווט איינשטילן די טומלדיקע אַרבעטער, אָבער דאָס פלעגט זיך זיי בלויז איינגעבן אויף אַ קורצער ווײַלע און נאָכדעם פלעגט דער טומל אויסברעכן נאָך שטאַרקער ווי פריער.

בערנשטיין האָט ניט געקאָנט פאַרליידן דעם טומל, האָט ער אַ פּאָר מאָל צוגעשיקט צום פאָרמאַן, אַז ער זאָל זען איינשטילן די חברה, ווייל איבערן טומל קאָן מען ניט הערן וואָס מען רעדט אפן טעלעפאָן...

פאַרנאַכט האָט בערנשטיין גערופן דעם פאָרמאַן צו זיך אין אָפיס און האָט ביי אים געפרעגט:

— נו, וואָס הערט זיך?

דער פאָרמאַן איז געווען שווארץ ווי די ערד און האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

— אַלזאָ, הער מיך אויס. איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן, אַז די „מאָדערן פעשאָן נאָוועלטי העט קאָמפּאַני” וויל ניט קיין סטרייק. דו פאַרשטייסט? זע, טייל פאַנאַנדער די אַרבעט אַזוי, אַז זיי זאָלן זיין צופרידן. ווארף־צו אַ פּאָר ניקלס אויף די פרייזן און נאָך אַזעלכע זאַכן...

— נו, און וואָס וועל איך טאָן מיט די שווערע פאַסאָנען?

— גיב זיי ניט צו די „קיקערס”, גיב זיי וועמען ניט־איז פון די „שטילע הענט”, און אויב דו זעסט, אַז די פאַסאָנען זיינען טאַקע שווערע, ווארפט מען אויף זיי צו נאָך עטלאַכע סענט — — — איבערהויפּט אָבער וואָלט איך פון דיר וועלן וויסן, צי דו קאָנסט זיך ניט צונויפרעדן

מיט אימיצן פון זיי צי מיט עטלאַכע זייערע... פּריוואַט, אינדערשטיל מיין איך, ערגעץ אין גאַס, צי אינדערהיים ביי זיי, אָדער וואו. זאָג־צו אַ פּאָר דאָלאַר און אויב נויטיק —אַ קאָנטראַקט פאַר אַ האַלבן יאָר צי אפילו פאַר אַ יאָר. אַסאַך פון זיי מיינען דאָך מן־הסתם גאָרניט קיין יוניאָן, זיי מיינען נאָר, אַז אַנדערע וועלן אַראָפּגיין סטרייקן, וועלן זיי קאָנען אַריינכאַפּן אַ פּאָר קאָנטראַקטלאַך, צי דערוויילן קאָנען פאַרדינען עטלאַכע לייכטע טאָלער דורך אונטערסקעבן. איך בין דאָך אַליין אַ סאָציאַליסט —קאָנסט זיי דאָס זאָגן... נאָר עס איז נאָך ניט געקומען די צייט פון קיין יוניאָנס, איבערהויפּט נאָך אידישע יוניאָנס און דערצו נאָך אין אונזער „טרייד". זאָג זיי דאָס — פאַרשטייסט? זאָלן זיי זיך ניט לאָזן פאַרפירן. אַן עבירה דער סעזאָן.

אינמיטן געשפּרעך איז אַריינגעקומען קאַלמאַנאָוויטש. דערזען בערנשטיינען אַ גוט־אויפגעלייגטן, האָט ער זיך קורץ געווענדט צו אים:

— הער נאָר, ליאָווע, דאָ האָט מיר בעסי טעלעפאָנירט, אַז מאָרגן וועט זיין דער ספּעציעלער „גאַבריעל־אָוונט" ביי די פיינמאַנס.

— נו, איז וואָס?

— וואָס מיינסטו דיר „איז וואָס"?... זיי ווילן וויסן, צי עס איז פאַר דיר באַקוועם מאָרגן?

— ניין.

— פאַרוואָס?

— דריי מיר איצט ניט קיין קאָפּ. איך קאָן אהין מאָרגן ניט פאָרן.

— טע, טע, טע!... וואָס איז דער מער?

בערנשטיינען איז איצט עפּעס גלאַט ניט געפעלן געוואָרן קאַלמאַנאָוויטשעס אַריינקומען. ער, בערנשטיין, האָט לעצטנס גע'פּטר'ט אַסאַך געלט אין ספּעקולאַציעס און ער האָט נאָכדעם געמוזט לייען עטלאַכע טויזנט דאָלאַר ביי אָט־דעם אייזל, ווי ער פלעגט רופן קאַלמאַנאָוויטשן. קאַלמאַנאָוויטש איז שוין כמעט געוואָרן אַ „פּאַרטנער" צו זיינע ביזנעס. דער איינציקער וועג זיך אויסצודרייען און פּטור ווערן פון אָט־דעם „אייזל" איז דער דערוואַרטער דערפאָלגרייכער סעזאָן. און איצט, פּונקט אין דער מינוט, ווען עס ווילט זיך פּטור ווערן פון אָט־דער שוואַרצער קאַץ, וואָס קלייבט זיך צו פאַרלויפן דעם וועג פון דעם קומענדיקן סעזאָן, האָט דער רוח אָנגעטראָגן קאַלמאַנאָוויטשן.

אַף קאַלמאַנאָוויטשעס „טע־טע־טע” האָט בערנשטיין געענטפערט ווי איינער וואָס האָט קיין צייט ניט אפילו די אויגן אויפצוהויבן:
— איך האָב מאָרגן אַן אַסאָסיאיישאָן־מיטינג.

די צייטן פאַר אָרגאַניזירונג זיינען שוין דעמאָלט געווען אַף אַזוי פיל אויסגעבעסערט, אַז ווי נאָר די אַרבעטער פלעגן נעמען טראַכטן פון אַ יוניאָן, פלעגן די באָסעס נעמען טראַכטן פון אַן „אַסאָסיאיישאָן”...
— וואָס איז, שוין ווידער אַסאָסיאיישאָן? — פרעגט קאַלמאַנאָוויטש אויפגערעגט.
— אָ, די חברה רעדן שוין ווידער פון אַ יוניאָן.
— וויים איך וואָס. נאָ דיר אַ שמעק טאַבעקע. עס איז דאָס אויך ניט ווערט!... וואָלט כאָטש געוואָרן אַ יוניאָן, און עק, אַ סוף! אַזוי אָבער — איך וויים דען ניט?... שפּרינגען דיר אַריין אינמיטן מיט אַ בלומרשטער יוניאָן. מאַכן אַ תל פון דעם סעזאָן גלאַט פאַר גאָרניט. און גיי לאָד זיי נאָכדעם!... דאַרפסט טאַקע זען עפּעס טאָן באַצייטנס. און אויב אַן אַסאָסיאיישאָן איז אַ שטאַרקע, אַ ריכטיקע.
— יאָ־! — האָט בערנשטיין נאָך אַ קורצן נאָכטראַכטן באַשלאָסן.
— מען מוז מאַכן אַ גיכן סוף צו דעם.
— נו, אָבער פונדעסטוועגן, עס ברענט דאָך נאָך ניט. קאָנסט נאָך מאַכן דעם מיטינג אַף אַנאַנדער טאָג! פאַניא ריכט זיך דאָך געווים אַף אַלעמען...

ווי נאָר קאַלמאַנאָוויטש איז אוועקגעגאַנגען האָט זיך בערנשטיין ווי־דער געווענדט צום פאָרמאַן, רעדנדיק פון זיין פירמע ווי פון עפּעס אַ דריטער פערזאָן:
— אַלזאָ, גרינבערג, איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן, אַז פאַר דער „מאָדעל העט פעשאָן נאָוועלטי קאָמפּאַני” לוינט זיך פאַר קיין פאַל ניט קיין סטרייק. דו פאַרשטייסט? טאָמער דאַרף דאָס אפילו קאָסטן עטלאַכע צען־דאָלאַר־בילס איז פון דעם קיין אָפּהאַלט ניט. זע זיך מיט וועמען דו פאַרשטייסט פּריוואַט און רעד צו זיי אָפּענע ווערטער. אויב נויטיק, סטראַשע מיט געגנגסטערס... דו פאַרשטייסט? וועגד־אָן אַלץ, וואָס מען דאַרף. זאָג, אַז עס וועט זיין אַן „אַסאָסיאיישאָן” און קיינער פון די באַ־כעס וועט נאָכדעם גאָרניט קאָנען העלפן. אפילו אויב דער אָדער יענער

באַס וואָלט ניט וועלן, אַז גענגסטערס זאָלן שפּאַלטן קעפּ... אפילו ווען די גענגסטערס וועלן דאָס טאָן צו זיינע אייגענע ארבעטער... ווארים די אַסאָ־סיאיישאָן האָט שוין נאָכדעם די דעה, ניט דער באָס. איך בין אַ סאָציאַ־ליסט, וואָלט איך ניט וועלן עס זאָל קומען צו דעם. ראַט זיי אָפּ פון דעם. איך מיין טאַקע זייער טובה. זע בעסער, אַז עס זאָל זיך אויסלאָזן צו עט־לאָבע צען־דאָלאַר־בילס. אָט זע, — מיין שאַפּ איז דאָך דער ליכטיקסטער און לופטיקסטער. איך שטעל זיך ניט אָפּ פאַר קיין פּאָר דאָלאַר.

ווען בערמאַן איז דעם טאָג נאָך דער ארבעט געגאַנגען אהיים איז אים ווייטער מיט עטלאָבע בלאָק פון שאַפּ, פון אַן עק גאַס ארויס, אנגעקו־מען אנטקעגן זיין פאָרמאַן גרינבערג.

— אַ, בערמאַן! — האָט דער פאָרמאַן אויסגעשריען ווי אַן איבער־ראַשטער — איך האָב גאָרניט געוואוסט, אַז איר גייט אהיים אַף דעם וועג...

— וואָסער דען וועג? — פרעגט בערמאַן — איך וואוין דאָך...

— אַ, יאָ, איך האָב גאָר פאַרגעסן...

— נו, וואָס הערט זיך? וואָס מאַכט דאָס קינד? — פרעגט בער־מאַן.

— אַ דאַנק.

— שוין געבראַכט צום ספּעציאַליסט?

גרינבערג צעלאַכט זיך אינמיטן דערינען און זאָגט:

— איך מיין גאַנץ ערנסט, מיסטער בערמאַן, איר גלויבט טאַקע, אַז עס קאָן עפּעס ארויסקומען מיט אונזערע חברה מער ווי אַ ווילדער טאַנץ?... דאָס זיינען דאָך אַלץ טרעמפּס, וואָס לויפן זיך אָן אין סעזאָן און צעלויפן זיך נאָכדעם וואו דער שווארצער פעפער וואַקסט. און אַלץ, וואָס זיי ווילן, איז גאָר אפשר ארייננכאַפּן אַ פּאָר קאָנטראַקטלאָך אָדער גלאַט אזוי אונטערסקעבן און מאַכן אַ פּאָר דאָלאַר. איך זאָג אייך, אַז דאָס איז אַלץ אַ משוגענער ווילדער טאַנץ אזא.

— ס'קומען אַנדערע צייטן — ענטפערט בערמאַן — אָט וועט איר זען. ס'וועט ווערן פאַר אַלעמען בעסער, פאַר אייך אויך, איר'ט זען.

— הערט מיך אויס, בערמאַן! — האָט גרינבערג מיטאַמאָל נערוועז און פאַרטרויט געענדערט זיין טאָן — איר ווייסט דאָך, אַז איך האָלט

פון אייך, דאַריבער רעד איך צו אייך. ס'וועלן זיין גענגסטערס, די „אַסאָסיאיישאַן". זיי זיינען אַליין סאָציאַליסטן, נאָר זיי גלויבן ניט אין קיין יוניאָן פון אידישע אַרבעטער. זיי גלויבן, אַז משוגעים ווילן בלויז קאַליע מאַכן דעם סעזאָן, ווילן טאַנצן אַ ווילדן טאַנץ... זיי וואָלטן וועלן בעסער פּטר'ן שיינע עטלאַכע צענדליק דאָלאַר... צוליב וואָס זיך נאַרן?... אַלע ווילן בלויז עטלאַכע דאָלאַר פאַר זיך... ס'איז דאָך אַמעריקע... מיינט איר, אַז ס'איז כדאי צו זיין זייער נאַר. —אסור!

— וואָס רעדט איר? — פרעגט בערמאַן ווערנדיק בלאַס.

— יאָ, יאָ, בערמאַן. גענגסטערס — האָט גרינבערג זיך אָנגערופן פּלוצלונג, אָנכאַפּנדיק זיך אַן דעם וואָרט „גענגסטערס", ווי ער וואָלט מיט דעם געוואָלט דערקלערן און באַטאַנען בערמאַנס פּלוצלונגדיקע בלאַסקייט.

— אָבער וואָס זאָגט איר „ניט זיין קיין נאַר"?

און בערמאַן דערשרעקט זיך אַליין פאַר זיין חשד און פאַרדרייט זיך נערוועז:

— פונוואַנען ווייסט איר, אַז עס איז ניט גוט צו זיין קיין נאַר?... דאָס האָבן זיך דאָך בלויז אידיאָטן איינגערעדט, אַז מען דאַרף שטענדיק זיין קלוג.

און בערמאַן פאַרלירט דאָ כמעט אינגאַנצן זיין קאָנטראָל איבער זיך, ווערט שוואַרץ פון ברענענדיקער אויפרעגונג און שרייט אויס:

— אַ באַנדע אידיאָטן! אַ ווילדער טאַנץ פון אידיאָטן! שאַרלאַטאַנעס. זיי מיינען מיט דעם אָנשרעקן. הינטישע זין!

— ניין, בערמאַן, איר דאַרפט זיך ניט זידלען, אַף מיין וואָרט ניט. איך רעד דאָך גלאַט אַזוי... איך האַלט דאָך פון אייך. איך האָב אַזוי פיל אָפן האַרצן און וואָלט זיך וועלן אַמאָל דורכרעדן מיט אייך... אַף מיין וואָרט... איר פאַרשטייט?...

— וואָס פאַרשטייט? — האָט בערמאַן איבערגעפרעגט אַן אָנגעצונדענער.

— אָט, למשל, — און גרינבערג נעמט שמייכלען — צוליב וואָס... דאַרף מען קאַליע מאַכן אַ סעזאָן מיט אַ פאַרלוירענעם סטרייק, מיט געשפּאָלטענע קעפּ, אַז מיר דאַכט זיך, אַז מען וואָלט געקאָנט אַרויסקריגן שיינע עטלאַכע דאָלאַר?...

בערמאַנס בלאַסקייט איז געוואָרן שרעקלאַך. ער איז געבליבן שטיין... אַנגעקוקט מיט שרעק דעם פאַרמאַן, ניט געקאָנט רעדן קיין וואָרט. דער פאַרמאַן האָט זיך דערשראָקן, אָבער פונדעסטוועגן פאָרט געפּרוּווט שמייכלען און געזאָגט:

— מיסטער בערמאַן, איר פאַרשטייט מיך שלעכט. איך מיין ניט אייך. וואָס, פאַר אַזאַ שורקע האַלט איר מיך? ! איך האָב געמיינט, אַז מען קאָן טאַקע אַרויסקריגן ביי דער געלעגנהייט שיינע עטלאַכע דאָלאַר פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איר פאַרשטייט?... בער־מאַן!

קאפיטל זעקס

בערמאן איז נאך דער ארבעט געקומען אין דער רעדאקציע פון „דאס ליכט" מיט א „נאטיץ". דער נאטיץ איז געווען א „באשרייבונג פון דער לאגע" און אין דער אייגענער צייט אויך אן אויפרוף צו די אלע ארבעטער פון טרייד צו קומען צום גרויסן מאסנמיטינג. פרענקל, וואס האט שטענדיק ליב געהאט און אביסל אזוי ווי מורא געהאט פאר בערמאנען, האט זיך שטארק דערפרייט:

— א, איר ארבעט ווידער, בערמאן? איר לאזט ניט אפ! איר ווערט ניט מיד! עס באוועגט זיך. „עס באוועגט זיך פארט"! גוט אזוי, גוט! לאדט איין צום מיטינג אויך בראוערמאנען אלס רעדנער. די מים פעלדמאן, הער איך, איז דאך אויך א רעדנערין. א גאנצער דור א נייער! איר קומט־אן! איר שטייט־אויף! הויבט־אן פונדאסניי! אויב עס וועט מיר נאר מעגלאך זיין, וועל איך אליין אויך קומען צו אדרעסירן אט־דעם איצטיקן מיטינג אייערן.

און נאך מער ווי פרענקל האט געזאגט, האט ער געפילט. אים איז פון דעם באמת א מין נערוועזע ליכטיקע פרייד אויפגעגאנגען פאר די אויגן.

בערמאן פלעגט שטענדיק אביסל צעטומלט ווערן אין פרענקלס געגנווארט. ער פלעגט אים ניט קאנען גאר רואיק קוקן אין די אויגן אריין. ער האט פאר אים געהאט אפשיי און דאך פלעגט ער אים ניט קאנען פארטראגן, אים ניט געקאנט פארגעבן געוויסע זאכן. אט זיינע לעקציעס, וואס ער גיט פון־צייט־צו־צייט פאר יונגע בחורים און מיידלאך וועגן פרייער ליבע. און דערצו איז נאך צוגעקומען צו זיין איצטיקער צעטומלטקייט אט־דער מאדנער וויזיט, וואס פרענקלס טאכטער, זינא, האט אפגעשטאט בערמאנען אין זיין צימער, און אט־דער מענטש, וואס ער האט געמאכט פון איר אפן שניי. און דאס, וואס פרענקל פלעגט נאך אפט ליב האבן צו קוקן אף אים מיט פאטערלאכע בליקן, האט איצט נאך

שווערער געוועקט בערמאַנס ווידערגעפיל. און ווי בערמאַן האָט זיך דאָ אַזוי געראַנגלט מיט זיין דרך־ארץ און מיט זיין אויפרעגונג, האָט זיך נאָך אַלס צוגאָב די טיר מיטאַמאָל אַזוי ווי פּלוצלונג אויפגעעפנט און זינא איז אַזוי אומדערוואַרט אויך אַריינגעקומען אין דער רעדאַקציע. זי איז אַריינגעקומען אַ פאַרפלאַמטע, אַ צופרידענע מיט עפּעס אַ פּעקעלע אונטערן האַנט. בערמאַן איז גלייך ביי איר אַריינקומען אַזוי ווי אָפּ־געגאָסן געוואָרן מיט אַ פייערדיקע בלאַסקייט. זי האָט זיך שאַרף פאַר־רויטלט, אים דערלאַנגט די האַנט אין דער הענטשקע, האָט זיך אָבער גיך באַהערשט און צו אים שטיפעריש אויסגעשריען:

— אָ, בערמאַן, וואָס מאַכט איר? איך האָב דאָך ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק גערעדט פון אייך ביי די פיינמאַנס...

— ביי די פיינמאַנס? —פרעגט בערמאַן איבער גלאַט, כדי עפּעס צו זאָגן — ווער זיינען דאָס די פיינמאַנס?

— וואָס, איר ווייסט ניט פון די פיינמאַנס? דאָס איז זייער אַן אינטערעסאַנט הויז — ענטפערט זינא באַרעדעוודיק, און זאָגט צום פאָטער:

— פּאַפּאַ, מען דאַרף אים אַמאָל אַרויפנעמען אַהין. אפשר גאָר מאָרגן צום גאַבריעל־אָוונט...

און זיך ווענדנדיק צוריק צו בערמאַנען:

— אָ, איר מוזט זיי קענען. זיי טרעטן דאָך אָפּט אויף אַף ראַדיקאַלע קאָנצערטן. זי זינגט רוסישע לידער און ער אַקאָמפּאַנירט איר אַף דער פּיאַנע.

— אָבער איך בין די טעג זייער פאַרנומען, ס'איז ערב אַ סטרייק, ערב אַ מאַסנמיטינג... אָבער פון וואָס־זשע האָט איר דאָרט גערעדט? — פרעגט בערמאַן זיך אָביסל באַפרייענדיק און שוין מיט אַ לייכטן שפּילעוו־דיקן שמייכל.

— אָ, — רופט זיך זינא אָן לאַכנדיק — מען האָט דערציילט וועגן דאָקטאָר באַראַבאַנוס מאָדנע געדאַנקען, האָב איך זיך דערמאָנט אָן אייער אידייע, אַז הייזער מאַכן מענטשן אומגליקלאַך.

— האָבן זיך מן־הסתם די פיינמאַנס דערשראָקן — זאָגט בערמאַן.

— דערשראָקן?! פאַרוואָס? — פרעגט זינא.

— איך ווייס? אז וויבאַלד ניט קיין הייזער, וועט דאַך זיי, חלילה, אויסקומען געבן קאָנצערטן אַפן מיטן דרויסן...

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זינא דערויף געענטפערט.

— ע, איר קאָנט דאַך, הייסט עס, מאַכן אַ וויץ אויך, בערמאַן — האָט זיך פרענקל אָפגערופן אַ צופרידענער — דאָס האָב איך שוין פון אייך ניט דערוואַרט. אָבער עס איז גוט!

פרענקל האָט דאַך אַלעמאָל ליב געהאַט צו זען אין בערמאַנען אַ פאַר־זעצונג פון זיך אַליין. דעם געדאַנק האָט ער זיך אריינגענומען אין קאָפּ נאָכדעם ווי ער האָט אים געהערט אַ פּאָר מאָל רעדן אַף מיטינגען, גע־לייענט זיינע היציקע אויפרופן און אויך צוגעזען דעם אופן ווי ער אָרגאַ־ניזירט און האַוועט פונדאַסניי אפילו נאָכדעם, ווי עס גיט זיך אים ניט איין עפּעס. יעדער דור דאַרף האָבן אַ פרענקל — האָט זיך פרענקל אַליץ געטראַכט. און דאָס, וואָס ער האָט אָט־דעם נייעם פרענקל אָט־דאָ דערזען אַ פאַרשעמטן פאַר זיין גוט־אויפגעלייגטער און פאַררויטלטער טאָכטער, אָט־דאָס, וואָס עס האָט זיך איצט אַזוי קלאָר אַרויסגעוויזן, אַז ער איז דאָס דער „פריינט”, צו וועלכן זי איז געגאַנגען, איז פאַר פרענק־לען געווען אַן אומדערוואַרטע גרויסע געשעעניש.

— זינא, פאַרוואָס לאָדסטו בערמאַנען ניט איין אַמאָל אין הויז אַף טיי? — האָט פרענקל פּאַטערלאַך געזאָגט.

— איך לאַד אים איין, פּאַפּאַ, נאָר ער קומט ניט — האָט זי לאַכנ־דיק געזאָגט — אָבער שאַ, ווייסט איר וואָס? דעם צוואַנציקסטן פון דעם קומענדיקן מאָנאַט איז מיין געבורטסטאָג, דאָ וועט איר שוין מוזן קומען. איר וועט!

— געוויס, געוויס, וואָס פאַר אַ פראַגע! — האָט בערמאַן געענטפערט — איר ווייסט דאָך, איך בין נאָך קיינמאָל אַף אַזאַ יום־טובֿ ניט געווען...

—און ביי אונז וועט דעמאָלט געוויס אויך זיין גאַבריעל, לעאָ־נאַרדאָ מ. גאַבריעל.

—אָ, מיין גאָט, וואָסער אַ לאַנגער נאָמען! — האָט זיך בערמאַן אָנגערופן.

— לאַכט ניט, בערמאַן, דאָס איז אַ גרויסער מענטש, אַ וואונדער־לאַכער מענטש, אַ געטלאַכער — האָט זינא אויסגעשריען.

— אַז־וי! — האָט בערמאַן אויסגעצויגן און זיך אומגעקוקט אַף פרענקלען.

— יאָ, בערמאַן, דאָס איז אַ וואונדערלאַכער מענטש — האָט פרענקל באַשטעטיקט.

— וואַרט, איר'ט זען, וועט איר דאָס אַליין אויך צוגעבן — האָט זינא געוואָלט זאָגן. זי האָט זיך אָבער אינמיטן דערינען דערמאָנט, וואָס גאַבריעל האָט געזאָגט וועגן בערמאַנען ביי די פיינמאַנס, און זי איז בלויז געבליבן שטיין מיט אַ צעעפנטן פאַרשמייכלטן מויל און גענומען קוקן צום טאַטן אַ פאַררויטלטע.

— וואָס איז, זינא? — האָט פרענקל געפרעגט.

— גאָרניט, פּאַפּאַ... — האָט זי געזאָגט און געוואָרן נאָך רויטער.

איר שולדיקייט און רויטקייט איז אָבער געווען אַזאַ, אַז פרענקל האָט זיך אָנגעשטויסן, זיך אויך דערמאָנט אָן גאַבריעלס באַמערקונגען וועגן בערמאַנען אין פיינמאַנס הויז, זיך דערפילט אין אַ פאַרלעגנהייט און געזאָגט מאָדנע שמייכלענדיק:

— אַ, מאַלע וואָס פאַר אַ שטיק גאַבריעל וואַרפט אַמאָל אַרויס. אָבער, בערמאַן, עס איז זיך כדאי מיט אים צו באַגעגענען!

בערמאַנען איז אָבער איבער פרענקלס לעצטער באַמערקונג מיט־אַמאָל אָט־דערדאָזיקער גרויסער גאַבריעל שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן.

— נו, פּאַפּאַ, און אָט־דאָס פּעקעלע ווייסטו וואָס איז? — האָט זיך זינא דערמאָנט און לאַכנדיק געפרעגט.

— נו, וואָס אַשטייגער?! — האָט פרענקל שוין דערוואַרטנדיק אַ סורפּריז געפרעגט.

— דאָס זיינען „טיקעטס" פאַר אַן אונטערנעמונג. ווייסט דאָך, בור־לאַקן גייט דאָס דאָרט זייער שווער מיט זיין צייטונגל, און דו ביסט דאָך אַזוי אויך שטאַרק פאַרנומען, האָט מען באַשלאָסן אַליין צוגרייטן אַן אונ־טערנעמונג און דיר דאָס ברייגנען אַלץ פאַרטיקערהייט. די אונטערנע־מונג וועט זיין דעם פופצנטן פון דעם מאָנאַט.

— דאָס איז שיין! דאָס איז זייער שיין און גוט! — האָט פרענקל אויסגעשריען און ביי איר צוגענומען און גלייך פאַנאַנדערגעפּאַקט דאָס פּעקל. פון די פאַנאַנדערגעפּאַקטע בילעטן, וואָס האָבן זיך אביסל פאַנאַנ־דערגעשאָטן אַף זיין קליינעם, אָרימען שרייבטיש, איז אים פונדאַסניי

װי אַ ליכט אױפֿגעגאַנגען פֿאַר די אױגן. — מען דאַרף פֿון דעם גלײַך שרײַבן אַ נאָטיץ אין צײַטונג. נאַט, בערמאַן, נעמט אױך אַבּיסל טיקעטס צום פֿאַרקױפֿן, און דו, זינאַ, אױך. — דערבײַ האָט ער אַרומגענומען זײַן טאָכטער, װי אַ קוש געטאָן אין שטערן און פֿאַר זיך געטראַכט:

— דער נײַער דור, דער נײַער דור...

— בערמאַן, איר זאָלט אָבער ניט פֿאַרגעסן אַלײן אױך צו זײַן אױף דער אונטערנעמונג — האָט זינאַ געזאָגט מיט אַן אױסגעשרײ, און זיך מיט דעם אײגענעם אױסגעשרײ גלײַך געװענדט צום טאַטן:

— און דו װײסט װער עס װעט אױף דעם אָװנט אױפֿטרעטן?

— אפֿשר גאַבריעל?! — פֿרעגט דער טאַטע.

— נײן, דאָס װײסט מען נאָך ניט, אָבער גערטרוד װעט אױפֿטרעטן.

— אַזױ, גערטרוד! — האָט דער פֿאָטער אױסגעשריען פֿאַרװאונדערט — דאָס איז אינטערעסאַנט.

— אַך, איז דאָס אַ מײדל, בערמאַן! —האָט זינאַ מיט פֿאַרשטראַלטע אױגן געזאָגט — דװקא אַן אַמעריקאַנער. אַן עכטע, אַ צוריקגעצױגענע, אָבער אַזאַ ליכטיקע, אַ ליכט! מיט אַזעלכע אױגן! — האָט זינאַ אַנגעװיזן אַפּמעסטנדיק אירע פֿינגער פֿאַר די אױגן.

— װאָס, איר זענט פֿאַרליבט אין איר? — האָט בערמאַן מיט אַ שמײכל געפֿרעגט.

— יאָ, — האָט זינאַ געענטפֿערט, האָט אים אָנגעקוקט און איז װידער רױט געװאָרן, און נאָכדעם מיט אַראָפּגעלאָזטע אױגן געזאָגט:

— קומט צוגײן, װעל איך אײַך באַקענען מיט איר. — און פֿילדײַטיק צוגעגעבן: — איך װעל אײַך אױך באַקאַנען מיט איר מוטער, דער מאַדאַם פֿײַנמאַן. און איר װײסט! פֿײַנמאַנען איז דװקא אײער אידײע װעגן די הײַזער גראָד געפֿעלן געװאָרן — האָסט דאָס באַמערקט, פּאַפּאַ?

קאַפּיטל זיבן

בערמאַן און זינא זיינען נאָכדעם ארוים אינייגעם פון דער רעדאַק־ציע. בערמאַן האָט זיך אָנגעבאָטן צו באַגלייטן זינאַן צו דער שטאָט־באַן און האָט זיך אפן וועג צו איר גאָר שטיפעריש אָנגערופן:

— סאַראַ מאָדנע מיידל איר זענט. וויפיל מענטשן איר האָט דאָרט אויבן אויסגערעכנט, זיינען ביי אייך אַלע אַלץ וואונדערלאַך. איין וואונ־דער גרעסער פון דעם צווייטן.

— וואָס, איר לאַכט פון מיר?

— ניין, ניין, חלילה! —ענטפערט בערמאַן אַלץ לאַכנדיק.

— וואַרט, איר וועט זיך מיט זיי באַקענען, וועט איר דאָס אַליין צוגעבן.

— נו, וואָס, למשל, איז דער וואונדער מיט אָט־דעם גאַבריעלן? — האָט ער גענומען פרעגן אָנגערעגט...

זינא האָט געטראַכט אַ ווײַלע.

— וואָס? וואָס? — האָט זינא טראַכטנדיק געזאָגט — שוין גענוג צו זאָגן, אַז אין וואָסער געזעלשאַפט ער זאָל ניט קומען, ווערט ער גלייך דער מיטלפּונקט פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט...

— אַזוי! — האָט בערמאַן אַ געטראָפענער אָבער דאָך איבערקרי־מענדיק שמייכלענדיק געענטפערט.

— נו, און וואָס איז דער וואונדער מיט דער מאַדאַם פיינמאַן?

— זי איז אַ וואונדערלאַכע פרוי, האָט אַ וואונדערלאַכן פאַרשטאַנד, אַ פרוי מיט אַן אינטערעסאַנטער פאַרגאַנגענהייט. מען קאָן פון איר אַסאַך לערנען...

זינא וואָלט נאָך ווייטער גערעדט, נאָר בערמאַן האָט איר איבערגע־שלאָגן:

— אַזוי! איז וואָס, למשל, לערנט זי אייך?

—זי לערנט... — האָט זינא שפּילעוודיק אַ זאָג געטאָן, אַ קוק געטאָן אַף בערמאַנען, איז רויט געוואָרן און ניט פאַרענדיקט.

— „זי לערנט"... , אַזוי, אַזוי... — האָט בערמאַן איבערגעזאָגט פיל־דייטיק — און אין איר טאָכטער זענט איר זיך גלאַט אַזוי פאַרליבט, אָט ווי אין אַ בחור להבדיל...

זינא איז דאָ געבליבן שטיין ווי אַן אָפּגעגאָסענע...

— וואָס איז דאָס מיט אייך! — האָט זי אויסגעשריען.

בערמאַן האָט זיך אַביסל הילכיק צעלאַכט און לאַכנדיק געזאָגט:

— ע, מים פרענקל, איר האָט זיך דערשראָקן. איך האָב גאָרניט געמיינט.

בערמאַן האָט זיך געוואָלט אָפּהאַלטן און ניט געקאָנט, האָט ער גע־נומען ווייטער רעדן:

— איר פאַרשטייט, אַ מענטש האָט מיר דאָ ערשט ניט לאַנג גע־זאָגט, אַז אַלץ, וואָס מיר טוען, איז דאָס בלויז דערפאַר, וואָס מיר ווילן טאַנצן אַזאַ ווילדן טאַנץ. איר פאַרשטייט, מיר טאַנצן דאָס אַלע בלויז אַ ווילדן טאַנץ אַזאַ און איר זענט דאָך אַ מאָדערנע מיידל, אַן אָנגע־לעזענע, און אַף דער וועלט איז געווען אַ סאַפאָ, אַ בילִיטיס...

זינא האָט דאָ דערפילט, ווי ער וואָלט זי דאָ אויסגעטאָן אַ נאַקעטע אינמיטן גאַס. זי האָט זיך מיטאַמאָל באַהערשט, איז געוואָרן ווייס און אויסגעעניכטערט און ווי אַלץ אויפגעבנדיק געזאָגט:

— ע, אַזאַ גאָר זענט איר? ! איך האָב דאָך גאָרניט געוואוסט, אַז איר זענט אַזאַ...

— ווידער „איך האָב דאָך גאָרניט געוואוסט ,אַז איר זענט אַזאַ". זי האָט דאָס מיר שוין איינמאָל געזאָגט... — האָט בערמאַן אַ טראַכט געטאָן.

און זיי זיינען נאָכדעם ווי ברוגז'ע צוגעגאַנגען ביז צו דער באַן.

פאַרן אוועקגיין, ביים געבן זיך די הענט, האָט זיך זינא צו אים פונדעסטוועגן געווענדט, ווי ס'וואָלט גאָרניט געשען, און געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— איר וועט דאָך ניט פאַרגעסן ארויפצוקומען.

— אָ, געוויס ניט. דעם צוואַנציקסטן דעם קומענדיקן מאָנאַט.

— און צו דער אונטערנעמונג וועט איר זיין ?

— יאָ.

— מען דאַרף פּאַרקויפן טיקעטס — האָט זי אים אָנגעזאָגט און גע־וואָרנט מיט אַ שמייכל.

בערמאַן האָט איר דערויף אויך געענטפערט מיט אַ שמייכל, און זיי זיינען זיך צעגאַנגען.

II

דער טאַנץ

קאַפּיטל אַכט

פּאַראַנען פרויען, ביי וועמען דאָס ליבע נעמט לעבן מיט אַ באַזונדער־צופרידענעם לעבן, כמעט ווי אַליין פאַר זיך. מאַכט פאַר אייך אַזאַ פרוי אַ באַוועגונג מיטן האַלדז אָדער בלויז מיט אַן אַקסל און איר גאַנצער לייביקער באַוואוסטזיין כוואַליעט דערביי אויף פאַר אייערע אויגן, עס שווימט פאַר אייך אויף איר ווייך, ריין לייב, ווייס און ציטערדיק. אָפט איז גענוג אירער אַ קוק אַף אייך און איר דערזעט זי פאַר זיך אויסגעטאָן. דאָס איבעריקע אין זיי איז ניט מער, ווי אַ זייטיקער שכן, אַזוי, אַז דידאָזיקע פרויען ווערן מיט דער צייט צופרידן־אומגייענדיקע לייבער. ווען אַזאַ פרוי רעדט מיט אייך וועגן וועטער, אָדער אפילו וועגן אַן אומגליק, וואָס האָט מיט אייך געטראָפן, ווען אירע אויגן, אָדער אירע ליפּן שטענדיק האַנדלען אַזוי, אַז איר זאָלט זען איר לייב פאַר זיך.

דאָס ווירקט זייער אָנשטעקנדיק פון איין פרוי אַף דער צווייטער.

דאָס האָט אויך געבראַכט דערצו, אַז די וואָגיקע מיסעס בערנשטיין, די פרוי פון דעם מר. בערנשטיין, האָט זיך אויך גענומען טראָגן מיט איר כוואַליעדיק לייב און ניט אָפּשטיין פון די אַלע קונציקע איינפאַלן, וואָס זיינען געווען פאַרשפּרייט צווישן די געוועזענע „אָפּגעריסענע בלעטער".

אַף דעם היינטיקן גאַבריעל־אָוונט, וואָס איז געגעבן געוואָרן ביי די פיינמאַנס, איז צווישן די ווייבער באַשטימט געוואָרן דורכצופירן דעם „קאָלירטן זאָקן־טאַנץ". עס האָט געהייסן, אַז יעדע פון די פרויען דאַרף צו דעם אָוונט קומען אין קאָלירטע זאָקן. ווען די מענער וועלן זיך, ווי געווייינטלאַך, נעמען רויכערן, טרינקען און שמועסן, וועלן זיך די פרויען שטילערהייט אַריבערקלייבן אין אַ ווייטערן צימער און זיך נעמען טאַנצן אַזוי, אַז עס זאָלן זיך אַרויסזען די קאָלירטע זאָקן זייערע.

אין יענע צייטן, ווען פרויען פלעגן טראָגן לאַנגע, כמעט ביז צו דער ערד אַראָפּגעלאָזטע קליידער, איז אָט־דער איינפאַל, צו טאַנצן

אַזוי, אַז עס זאָלן זיך אַרויסזען די זיידן־באַזאַקטע פּיס, געווען אַ גוואַלדי־קער אויפטו.

אַט־דער פּיל־פּיסיק־פאַרביקער טאַנץ פלעגט די פרויען פון דעם קרייז אַריינטרייבן אין אַ מין באַפרידנדיקער שיכרות.

די מיסעס בערנשטיין איז שוין געווען געקרוינט מיטן נאָמען: „די רויטע זאָקן לײדי". האָט זי זיך אויך צוליב דעם אָוונט אַנגעטאָן אין איר רויטע זיידענע זאָקן און האָט אַף זיך אויך אַרויפגעשפּיליעט איר נײַ סאַמעטן קלייד, וואָס איז געווען גענייט נאָך דער לעצטער מאָדע. דאָס קלייד האָט אָפּגעפרישט און אַרויסגעצייגט אַזוי פיל פון איר ראָז־ווייסן פעטן לייב, אַז זי איז דעם אָוונט שטאַרק צופרידן געווען מיט יעדן שפּיגל, וואָס איז איר אַנטקעגנגעקומען.

ווען מר. בערנשטיין איז געקומען אַהיים און געטראָפן זײַן ווײַב אַזוי פאַרפּוצט, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, אַז מען וועט שוין מוזן מיט־פאָרן צו די פיינמאַנס. און ווען ער האָט אַ פּאָר מאָל אויפגעהויבן די אויגן צו דער ווײַב, האָט ער גענומען טראַכטן, אַז מען דאַרף טאַקע פאָרן.

בערנשטיין האָט בכלל ליב געהאַט צו ברייננען זײַן ווײַב צווישן לייטן, ווען זי האָט אויסגעזען אָט־אַזוי־אַ.

אין יענע צייטן איז אין ניו יאָרק געווען פאַרשפּרייט די מאָדע פון עקזאָטישע פרויען־קלובן, איבערהויפּט ביי דער אַזוי־גערופענער „העכערער געזעלשאַפט". האָט אויך בעסי פינק צוגעטראַכט אַ קלוב פאַר די „העכערע" דאַמען פון דער ראַדיקאַלער געזעלשאַפט, טאַקע פון די געוועזענע „אָפּגעריסענע בלעטער", וואָס איז אינדערשטיל און מיט שטיפערישע שמייכלען אָנגערופן געוואָרן דער „פאַרביקער זאָקן־טאַנץ קלוב", און אַף דעם איצטיקן גאַבריעל־אָוונט ביי די פיינמאַנס איז דאָס געווען אָפּגעמאַכט אָפּצוהאַלטן אַ „סעאַנס".

און ווי נאָר די מענער זײַנען זיך צונויפגעקומען און האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט און פאַנאַנדערגערויכערט, האָבן זיך די פרויען אויפגע־הויבן פון טיש. עס האָט געהייסן: „מיר באַפרייען אייך, מענער, פאַר אַ ווייל", און זיי האָבן זיך ווי בינען אַ לאָז געטאָן דורכן לאַנגן קאָרידאָר און האָבן זיך אין זייערע לאַנגע פאַרביקע קליידער אַריינגעשאָטן אין דעם העל־באַלויכטענעם מוזיק־זאַל. מיט ליידנשאַפט־אויפגערעגטע שמייכלען האָבן זיי געררטרודן אַוועקגעזעצט צו דער פּיאַנע:

— שפּיל פֿאַר אונז די טאַראַנטעלאַ, שפּיל פֿאַר אונז די טאַראַנטעלאַ!

האָט זיך גערטרוד אויך דערפֿילט שטיפֿעריש, האָט זיך אוועקגע־זעצט און גענומען שפּילן, און הינטער איר האָבן זיך די ווייבער גענומען טאַנצן, אונטערהאַלטנדיק זייערע קליידער אַזוי, אַז עס זאָלן זיך וואָס־מער אַרויסזען זייערע פֿאַרביקע זאָקן אויף די פֿיס.

די מאַדאַם פֿיינמאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון טאַנצן דעם הײַנטיקן אָוונט און בעסי האָט נאָך דערווײַל אויך ניט געטאַנצט. עס האָט גע־הייסן, אַז בעסי טאַנצט נאָך ניט, ווײַל זי וויל איבעררעדן די מאַדאַם פֿיינמאַן, זי זאָל טאַנצן, ווײַל זי האָט זייער ליב צו זען אירע שיינע, לאַנגע פֿיס:

— קיינער פֿון אונז האָט דאָך ניט אַזוינע שיינע פֿיס ווי דײַנע און איך שטאַרב פּשוט צו זען דײַנע פֿיס אין אונזער פֿאַרביקן זאָקן־טאַנץ. גערטרוד וועט דאָס גאַרניט זען. זי זיצט דאָך מיטן פּנים צו דער פּיאַנע. און טאָמער וועט זי דאָס אַפֿילו יאָ זען, איז וואָס?...

נאָכדעם אָבער האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז בעסי אַליין קאָן זיך גאַרניט באַטייליקן אין דעם איצטיקן זאָקן־טאַנץ, ווײַל זי האָט זיך גאָר פֿאַרגעסן אָנטאָן אַ פּאָר פֿאַרביקע זאָקן און זי הויבט אַביסל אונטער איר קלייד און ווייזט:

—אָט, זעט — שוואַרץ!...

און זי מאַכט אַן ערנסטע מינע:

— וואָס זאָגט איר דערויף? זיך אַזוי פֿאַרגעסן!

און אַלע דערפֿילן זיך טאַקע מיטאַמאָל שטאַרק געטראָפֿן. מילא די מאַדאַם פֿיינמאַן — האָבן זיי פֿריער געוווּסט — וועט ניט טאַנצן, ווען גערטרוד איז דאָ, אָבער זי, די שטיפֿערן, בעסי —די גאַנצע אויס־טראַכטערן און אויפֿטוערן פֿון דעם טאַנץ! קיין איבעריקע צייט פֿאַרלירן טאָר מען אָבער ניט און דערצו האָט בעסי גלייך באַשטימט, אַז הײַנט זאָל די לייביקע בעלאַ בערנשטיין, די „רויטע זאָקן־ליידי”, זײַן דער „שטערן” פֿון דעם טאַנץ.

די פֿעטע פֿיס פֿון מאַדאַם בערנשטיין אין די אָנגעצויגענע רויטע זאָקן פֿלעגן איבער אַן אומבאַשטימטער סיבה סײַ־ווי־סײַ מער פֿון אַלע אַנדערע רייצן די איינטיילנעמער אין דעם פֿאַרביקן זאָקן־טאַנץ. זיינען זיי דערי־בער צופֿרידן, שמייכלענדיק לייבט איינגעגאַנגען אויף דעם פֿאָרשלאַג,

און בעלאַ בערנשטײַן האָט זיך דערפֿילט אַ געקרױנטע. און זי האָט דערפֿאַר אױפֿגעהױבן איר קלײד העכער פֿון אַלעמען. די אַנדערע האָבן איר געגומען נאָכטאָן. דער טאַנץ איז אַװעק פֿאַרשײַט און שפּילנדיק איבער דעם גרױסן פּילפֿאַרביקן טעפּיך, װאָס האָט מיט זײַן דאָמינירנדיק־צעגליטן רױט־און־בלױ און שטילן געל געשײַנט אונטער זײערע פֿאַרביקע פֿיס, װי אַ צופֿרידן־אױפֿגעשײַנטער מזרח־אָטעם.

די טאַנצנדיקע פֿאַרביקע פֿיס, און די פֿאַרבן, און די אָריענטאַלישע געמעלדן פֿון דעם טעפּיך האָבן זיך צערײצט און האָבן געבראַכט פֿרײד און לאַכנדיקע שמײכלען אױף זײערע פּנימער, און די אױגן האָבן זיך אָנגעצונדן ניט נאָר מיט פֿרײד, נאָר אױך מיט לײדנשאַפֿט און פֿינקלדיקער אײפֿערזוכט.

— גערטרוד, גערטרוד! — האָט זינאַ אױסגעשריען אַ צערײצטע, אַן אָנגעצונדענע, װי עס װאָלט איר אױסגעפֿעלט לופֿט — גערטרוד! זע נאָר װי רײך, װי שײן דאָס איז, גערטרוד!

— איך זע, — האָט זיך גערטרוד אָנגערופֿן אַ צופֿרידענע — און פֿון אונטער אירע לאַנגע, װײַסע פֿינגער האָט די פּיאַנע גענומען פֿרײדיק קלינגען מיט צימבלען, מיט טאַצן, מיט פֿלײטן, מיט בלאָז־האָרנס און מיט קלאַפּן אין בלעך.

בײדע מײדלאַך זײַנען געװען שטאַרק צופֿרידן, נאָר זינאַן איז געװען הײס, איר פּנים רױט װי פֿײַער און אירע קלײנע, צופֿרידן־גלאַנציקע אױגן זײַנען געװען װי פֿאַרגאָסן מיט פֿעטס און האָבן געקוקט װי איבערגװאַלט. גערטרודס לײַב אָבער איז ניט געװען הײס, נאָר צופֿרידן און װאַרעם אױפֿגעלײגט. איר פּנים איז געװען פֿרײלאַך אױפֿגעלעבט, דער הױכער שטערן האָט פֿון אונטער אירע אַראָפּגעקאַמטע האָר אַרױסגעקוקט װי אַ ליכטיקער דרײַעק. און אירע גרױסע אױגן האָבן געקוקט פֿרײַ און מיט רײנער און װאַרימער פֿרײד.

װען די טאַראַנטעלאַ האָט זיך געענדיקט און גערטרוד האָט גענומען שפּילן אַ נײַעם טאַנץ, האָט מען װידער גענומען פֿאַרלאַנגען פֿון בעסין, אַז זי זאָל טאַנצן, זאָל זײַן אין שװאַרצע זאָקן — מען װעט איר דאָס מאָל פֿאַרגעבן.

פֿונאַנפֿאַנג האָט בעסי אַלץ ניט געװאָלט, נאָכדעם האָט זי זיך אױפֿגעהױבן, בױגנדיק אירע װײכע אַקסלען, און מיט אירע אָנטבלױזטע װײַסע

הענט האָט זי נאָר אַ קליין ביסל אויפגעהויבן איר קלייד און גענומען שטיל און באַשיידן טאַנצן. ווי נאָר אָבער דער טאַנץ האָט זיך צעוואַרימט, האָט בעסי מיטאַמאָל אַ הויב געטאָן איר קלייד און אירע טאַנצנדיקע פיס האָבן מיטאַמאָל אויפגעשיינט ניט אין שווארצע, נאָר אין ליכטיק־בלויע זאָקן... אירע זאָקן זיינען דאָס נאָר ביז די קנעכל געווען שוואַרץ... זיינען זיי אַלע פון דעם אַזוי פּלוצלונג צופרידן־איבערראַשט געוואָרן, אַז זיי האָבן אויפגעקוויטשעט און אַ פּאָר פון זיי זיינען אַזש צוגעפאַלן צום טעפּיך, לאַכנדיק היסטעריש...

האָבן די מענער אין דעם ווייטערן צימער אויפגעעפנט מויל און אויערן... האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז עפּעס זייער פריילאַכס האָט דאָרט פּאַסירט צווישן די ווייבער, זיי האָבן זיך גלייך אַ הויב געטאָן פון זייערע ערטער און זיינען מיטאַמאָל אַריין צו די ווייבער ווי אַן אונדערהאַרטע שוואַרצע כוואַליע, און די שוואַרצע מענער־כוואַליע איז באַגעגנט געוואָרן מיט אַזאַ מין נייעם פּלוצלונגדיקן ווייבערישן קוויטש, ווי די סטעליע וואָלט פּלוצלונג איינגעפאַלן, ווי דער דאַך וואָלט זיך איינגעבראָכן...

גאַבריעל איז דער ערשטער געקומען צו זיך און האָט זיך אַף אַן אומדערהערט־פרייען אופן גענומען וואַרפן צו די פרויען, האָט זיי גענומען גלעטן און קושן, און רופן מיט פאַרשיידענע קלינגענדיקע נעמען.

— אַך, דאַנערוועטער! דאָ אין אַמעריקע אַזאַ טאַנץ! דאַנערוועטער נאָכאַמאָל! סאַראַ שיינער, ווילדער איינפאַל, סאַראַ געטלאַכער טאַנץ! אַמעריקע פאַרנעמט זיך גרויס, אויב מען קאָן ביי איר אַזוי טאַנצן. יאָ, יאָ, איר זענט וואונדערלאַך! יאָ, איר זענט ווי געטינס, ווירקלאַך, ווירקלאַך!

— איז ער ניט גרויס? — האָט זיך זינאַ אָנגערופן צו גערטרודן.

— אָ, ער מאַכט מיך קראַנק! — האָט גערטרוד געענטפערט אַ לאַכנדיקע.

קאַפּיטל נײַן

אַלע צימערן אין הויז פון די פײַנמאַנס זײַנען געװען ליכטיק באַ־לויכטן. דער טיש אין עס־צימער איז געװען פול מיט פּרוכט, מיט װײַן, מיט צוקער־געבעקס. די געסט זײַנען אַלע, אויסער פרענקלען געװען אין פּאַראַדנע אָװנט־קלײדער. די העלע זײַדענע קלײדער און די דעקאָל־טע פון די װײַבער האָבן זיך פאַרביק געמישט מיט די שװאַרצע מענערישע קלײדער און די װײַסע און פיל אַנטבלויזטע מענערישע אויבער־העמדער. דאָס גאַנצע װײַסע ליכט פון דעם גרויסן גלעזערנעם געבלומטן „דאָם" איז געפאַלן אויף די אַנגעפּילטע פּרוכט־װאַזן, אויף די אויפגעקאָרקטע פלעשער, אויף די װײַן־גלעזער און טײ־גלעזער, אויף די צושפּײַזן, אויף דעם כינעזישן געשיר און אויף די רעדנדיקע, גוט־אויפגעלײגטע פּנימער פון די געסט. אַביסל העכער, איבער די קעפּ פון די געסט, איז אַלץ גע־װען שאָטנדיק און אין דעם שאָטנדיקן אויבן האָבן זיך אָנגעזען די בילדער אויף די װענט און די אויסגעשאָטנדיקטע אָרנאַמענטן פון דעם גרויסן גלע־זערנעם דאָם.

אַלע פרויען־געסט זײַנען געװען דעקאָלטירט אויסער גערטרודן. די מאַמע האָט דאָס אַזוי נעכטן דערקלערט דער טאָכטער:

— מאָרגן װעלן אַלע זײַן דעקאָלטירט. לאָמיר זײַן געקלײדט הויך־האַלדזיק.

דער טאָכטער איז דאָס געפעלן געװאָרן. װען זײ האָבן זיך גענומען צוקלײַבן קלײדער האָט זיך גערטרוד אָנגערופן:

— מאַמע, לאָז מיך אַלײן זײַן הויך־האַלדזיק!

— פאַרװאָס ! — האָט די מאַמע געפרעגט און זיך אומגעקוקט אויף דער טאָכטער.

גערטרודס גרויסע אויגן האָבן ניט געקוקט אויף דער מוטער, נאָר פאַר זיך. איר פּנים איז געװען באַלעבט מיט אַ שמײכל און זי האָט פאַרעקשנט, שמײכלענדיק, געענטפערט :

— אַזוי.

און די מאַמע האָט מיט אירע שוואַרצע אויגן נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אַף דער טאָכטער און האָט אָפּגעלאָזט די הענט פון דעם קלייד, וואָס זי האָט געזאָלט אָנטאָן...

און איצט איז גערטרוד געווען די איינציקע צווישן אַלע. און איר קאָפּ איז דורכדעם געווען ווי אַ נייער אי פאַר איר אי פאַר די געסט און כמעט אַלע האָבן זיך געפרעגט ביי איר:

— וואָס איז דער מער מיט דיר, גערטרוד? !...

און גערטרוד האָט זיך פון דעם געפילט גוט און אויפגעלייגט. אירע אויגן האָבן פון דעם געקראָגן אַ באַזונדער גרויסן און ברייטן גלאַנץ. עפּעס אַ מין אינגלישע פאַרשייטקייט איז זי באַפאַלן, עפּעס האָט זי אַלץ געקוקט איבער אַלעמען, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געקליבן צו שפּרינגען איבער אַלע-מענס קעפּ.

גאַבריעל איז זיך געזעסן לעבן דער מאַדאַם פיינמאַן און גערעדט צו איר גאַנץ הויך און, ווי געווינטלאַך, קלוג, נאָר מיט פּלוצלונג אריינגע-מישטע פאַרדעכטיקטע שטילקייטן, פון וועלכע עס האָט געקילט דאָס בלוט ביי בעסין, ביי בערנשטיינען און ביי פיינמאַנען. בעסי האָט פון דעם געלאַכט ניט נאַטירלאַך. בערנשטיין האָט געטרונקען וויין און פיינמאַן האָט פאַנאַנדערגעשפּינען זיינע בליקן אַף דעם כינעזישן געשיר.

פיינמאַן האָט ליב געהאַט כינעזיש געשיר. עס האָט אַף אים שטענדיק געהאַט אַ באַרוישנדיקע ווירקונג. אפשר נאָך אַלץ דערפאַר וואָס עס האָט דערמאַנט כינעזישע וואַזן, אין דער וואַזע — אין זיין ערשטער מתנה צו פאַניען. פלעגט נאָר זיין אויג פאַלן אַף דעם דינעם פאַרצעליי, אַף די פיינע אויסטערלישע געמעלדן, פלעגט ער דערפילן און דערזען אַרום זיך אויפגעטויכטע צעצווייגטע בלויע, ברוינע, ווייסע און גאָלדענע וועלטן, גערוכן, קלאַנגען אַזוינע מאָדנע... אין אַלץ אַרום אים פלעגט ער אָדער פאַרגעסן, אָדער עס פלעגט ווערן אַן איינגעצווייגטער טייל פון אָט־דער אויסטערלישקייט אַרום אים.

עס זיצן אַ טיש מיט מענטשן, דער גערוך פון אָנגעלאָדענע פרוכט וואַזן, פון וויין, דעם אָטעם פון אָפענע און פאַרשטעלטע ליבעס־שמועסן און דער פאַרצעליי. דער דינער פאַרצעליי מיט די שטילע רואיקע כינע-זישע געמעלדן ווירקט ווי אָפּיום, באַרוישט, דערהויבט, פאַרטיפט און

פּאַרפּיינערט דאָס געמיט. דערצו נאָך אַט־דאָס מאַטע בלעטערדיקע גאָלד אַף לייכטן ברוין — עס וואַרימט שטיל דיין אויג, דיין בלוט. שמעקנ־דיקע ליידנשאַפט און פינקלדיקע בליקן... — ווּעמען פעלט דען עפּעס. וועמען גייט וואָס אָפּ? מענטשן מעגן זיך ליב האָבן, איבערליבן און ליבן. ווייב, גאַבריעל, פּרענקל, בערנשטיין; אַלע אַנדערע ווייבער, מע־נער, טעכטער און איבער אַלץ מיין טאָכטער און מיין ווייב: שיינע ווייב, און שיינע טאָכטער, ווי שיין עס איז דאָס שיינע כינעזישע פּאָרצעליי!

קאַפּיטל צען

ווען די געסט האָבן זיך גענומען אויפהויבן פון טיש, האָט גערטרוד, די הויך־האַלדזיקע, געכאַפּט זינאן אונטערן האַנט און איר שוועסטערל לינאַן אַרום האַלדז און איז מיט זיי אַריין גלייך אין מוזיק־צימער און האָט באַפוילן:

— דו, זינאַ, זעץ זיך דאָ אַוועק און ריר זיך ניט פון אָרט, און דו, לינאַ, שטעל זיך דאָ אַוועק ביי דער טיר און לאָז קיינעם ניט אַריין, און איך — האָט זי אָנגעוויזן מיט איינעם פון אירע לאַנגע ווייסע פינגער אויף זיך — און איך, גערטרוד, וועל שפּילן פאַר אייךביידן, בלויז פאַר אייך. מאַכט צו די אויגן און טראַכט פון אַ קודלאַטן הינטל, וואָס וויל כאַפּן זיין פוכיקן עק און — שאַ!

און זי האָט זיך צוגעזעצט צו דער פּיאַנע און אינאיינעם מיט די ערשטע טענער פון אונטער אירע פינגער האָט זי פאַר זיך קלאָר דערזען אַ לאַנג־האָריק ווייס הינטל. דאָס הינטל איז אַרויף אויף דער פּיאַנע, זיך אַוועקגעלייגט, זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן און גלייך נאָכדעם גענומען זוכן דעם אייגענעם עק... דאָס הינטל קאָן דעם עק ניט דערלאַנגען. דער עק פאַרדרייט זיך אַלץ, אָבער עס ווילט זיך אים פּאַרט כאַפּן דעם עק. נעמט זיך דאָס דרייען אַרום זיך. אָט דאַכט זיך כאַפּט דאָס דעם עק און כאַפּט אים פּאַרט ניט אָן, ווערט דאָס אין כעס און נעמט זיך איילנדיק יאָגן אַרום זיך נאָך שטאַרקער און אַזוי ווערט דאָס הינטל אַלץ ווילדער און ווילדער, דרייט זיך, וואַרפט זיך אויף אַלע זייטן, קוויטשעט, שרייט...

עס דערהערן זיך מיטאַמאָל מענטשלאַכע שטימען. זינגער נאָך זינגער הויבן זיך אָן הערן אין צימער, לעבן די ווענט — מחנות זינגער. און זי, גערטרוד, מאַכט, אַז זיי זאָלן אַלע זינגען און אַז זייער אַלעמענס געזאַנג זאָל נאָכמאַכן יעדן בויג און קער פון דעם ווייסן הינטל. וואָס יאָגט זיך און דרייט זיך אַרום זיין פוכיקן עק, און דערביי פילט זיך ווי גערטרוד וואָלט געלאַכט פון דעם הינטלס צערייצטקייט און פון דעם, וואָס די

מענטשן פאַלגן זי און זינגען אַף איר פאַרלאַנג נאָך דעם האַסטיקן לויף פון דעם הינטלס באַוועגונג.

די געסט האָבן זיך צונויפגעקליבן הינטערן טיר און ווי נאָר זי איז פאַרטיק געוואָרן, האָבן זיי אויפגעפּאַטשט בראַוואָ, זיך אַריינגעריסן, גאַבריעל אין פאָרויס. ער האָט זי פּילדרייטיק אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן.

— אַך זאָ! — — — זי איז דאָך טאַקע אַ גוטע פּיאַניסטן. זי האָט דאָך אַזאַ פאַרביקן טאָן; אַ שטיפערישן, נאָר אַ גראַדן, אַ זעעוודיקן. שפּילן זי נאָך וואָס.

גערטרוד האָט זיך געפילט אויפגעראַמט, פאַרשעמט און געשמייכלט פון גאַבריעלס לויב. דער שמייכל האָט אַביסל פאַנאַנדערגענומען אירע פולע רויטע ליפּן און קעגן דעם רויט האָט פריי און רואיק אויפגעלויכטן די ווייסקייט פון אירע גלייכע ציין, ווייס מיט אַ פרישער פייכטקייט, ווייס און גלאַנציק ווי די ווייסלען אַרום די גרויסע ברוינע אַפּלען פון אירע גרויסע אויגן. די קלאָרע ווייסקייט פון די ציין און פון די אויגן־ווייסלען בלעגן שטענדיק צוגעבן אַן אָנהאַלטנדיקע ווייכע ווייסקייט צו איר שמייכל. צו איר אויפגעווילדיקט, וואַלד־מיידלשן פּנים. די גרויסע אויגן, די אַביסל פאַרדריסענע נאָז־פליגלען און הויכע קינבאַקן פלעגן אַזוי ווי פלאַטערנדיק באַלויכטן ווערן פון אירע אויפגערייצטע ווייסע שמייכלען. — — —

— שפּילן אָבער וועט זי נים.

— פאַרוואָס?

— אַזוי.

פיינמאַן קוקט אַף זיין הויכהאַלדזיקער טאָכטער, זיין אוצר, און ער זאָגט מיט די אויגן:

— שפּיל, טאָכטער!

גערטרוד הערט וואָס דעם טאַטנס אויגן זאָגן, שמייכלט אַלץ אויפגעראַמט, האָט ליב דעם טאַטן אין האַרצן און שווייגט.

— גערטרוד, שפּיל עפּעס. — האָט זיך שוין אויך די מאַמע אָנגערופן.

— ניט איצט, מאַמע, שפּעטער.

— נו, טאַ אַקאָמפּאַניר־זשע מיר דערווייל — האָט זיך בעסי מינדלין־פּינק געווענדט צו גערטרודן.

— גוט — האָט גערטרוד איינגעשטימט.

בעסי האָט געזונגען. נאָך בעסין האָט אויך די מאַדאַם פיינמאַן גע־זונגען. אַ פּאָר פון די מענער און טאַקע אויך דער הער גאַבריעל אַליין. די זינגערס זיינען באַגלייט געוואָרן פון גערטרודן, פון איר טאַטן אָדער פון אימיצן אַנדערש פון די געסט.

— גאַבריעל, דו געדענקסט נאָך ווי דו פלעגסט פאַר אונז מאַכן אַ פלאַדן פון „ווײַן, ווייב און געזאַנג"? — האָט זיך קאַלמאַנאָוויטש אַנגערופן.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— טאַקע, טאַקע, גאַבריעל, ווייז נאָר וואָס דו קענסט היינט — האָט אַליץ קאַלמאַנאָוויטש געפאָדערט.

האָט זיך גאַבריעל אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און גענומען ווייזן ניט דעם פאַרלאַנגטן פלאַדן, נאָר גאָר ווי אַ הונט גריזשעט אַ ביין.

דאָס איז געווען אַ דעמאַנישע פאָרשטעלונג פון אַ קינסטלער אַ קאָ־מיקער, אַ מין שפּיל פול מיט הינטישער לײַדנשאַפט, מיט הינטישן צערייצטן כעס און הונגער און אַלע האָבן זיך פון דעם גענומען וואָרפן אין אַ הילכיקן, כמעט היסטערישן געלעכטער.

גאַבריעל האָט, אַוועקזעצנדיק זיך אין אַ ווינקל, אַרונטערגענומען די פיס אונטער זיך און די קניען זיינע פאַנאַנדערגעשפּרייט פאַר זיך אַף אַ בודאַאַרטיקן אופן, די עלנבויגנס צוגעפּרעסט צו זיין קליינעם קערפּער, וואָס האָט זיך סטאַטוענאַרטיק און דין געהויבן איבער זיינע פאַנאַנדערגעשפּרייטע קני. די הענט פון אַריבער זיינע צוגעפּרעסטע עלנ־בויגנס האָט ער צעקרימט אָנגעשטעלט פאַר זיין, פאַר אַ מינוט פאַר־גליווערטן, מאַסקנאַרטיקן פּנים. פאַר אַ מינוט איז ער אַזוי געזעסן, ווי ער וואָלט בלויז געהאַט דעם אומשולדיקן פאַרלאַנג נאָכצומאַכן די פיגור פון אַ שטיינערנעם אַפריקאַנישן גאָט, מיטאַמאָל. אָבער האָט אָט־דער גאָט דערזען און דערשמעקט אַ ביין אין זיין האַנט. דער קאָפּ און דאָס גאַנצע קערפּערל פון איבער די צעשפּרייטע קניען האָט זיך גענומען מיט צערייצטן הונגער רייסן צו אָט־דעם ביין אין די אָנ־געשטעלטע צעקרימטע הינטישע לאַפּעס־הענט. און ווי הינטיש גאַב־ריעל האָט זיך ניט געריסן און געוואָרפן מיט די אָנגעשטשירעטע ציין צו אָט־דעם כלומרשטן ביין אין זיינע הענט, האָט ער אָבער זיין פּאָזע פון אַ גאָט פאָרט ניט אויפגעגעבן און דאָס ווינקל, אין

וועלכן ער איז געזעסן, האָט עפּעס פּאַרט געקראָגן אַזוי ווי דעם אָפּשײַן פון אַ מזבח. צום סוף איז ער געוואָרן איבערגעפרעסן, מיד, און איז אַזוי ווי אײַנגעגליווערט געוואָרן אין אַ האַלב־דרימלדיקער פּאָזע פון אַ שטיינערנעם גאָט. און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ נײַעם אויסברוך פון געלעכטער און פון אַפּלאָדיסמענטן בײַ די מענטשן, וואָס זײַנען שוין געווען כמעט מיד און אויסגעשעפּט פון געלעכטער.

נאָכדעם האָט מען ווידער געזונגען... פרענקל האָט געלאַכט און זיך געפרייט אינאיינעם מיט אַלעמען.

— אַך, אידן, אידן! — האָט קאַלמאַנאָוויטש אויסגעשריען שוין אַ פאַרקנאַקטער — דאָס איז דאָך אַלץ זייער זיס און שיין. נאָר פאַר־וואָס זאָלט איר ניט נעמען עפּעס אידישעס? נו, באָטש אַ פאָלקס־ליד! גאַבריעל, ברודער, קענסט אפשר מיט דײַן שטימע דורכזינגען אַ פשוט, אידיש לידל? — און צו אַלעמענס שטוינען אַלס צוגאָב אַליין אויפגעזונגען:

מיידעלע, דו שיינס,
מיידעלע, דו פיינס,
איך וועל דיך פרעגן
אַ רעטעניש אַ קליינס:
וואָסער מלך איז אָ—אָ—אָן אַ לאַנד?
און וואָסער וואָסער איז אָ—אָ— אָן אַ זאַמד?

דער גאַנצער עולם האָט זיך אומגעקוקט מיט אײַנגעהאַלטענעם שמייכלען און גאַבריעל האָט אויסגעפּלאַצט אין אַ הילכיקן געלעכטער.

— אַך, דו יונגע, יונגע! — האָט גאַבריעל אויסגעשריען טעאַטראַ־ליש לאַכנדיק — אַך, דו אָרעמער קערל, וואָס האָט דען מיט דיר דאָ געטראָפן? „מיידעלע, קליידעלע, שיינס און פיינס" — דאָס איז שוין איינמאָל פּאָעזי! און די מוזיק איז שוין עכט אידיש! ניט וואַר?... וואו האָסטו דאָס גענומען? גלויבסטו ווירקלאָך אַז עס גיבט אידישע מוזיק?

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. קאַלמאַנאָוויטש איז אביסל צעטומלט גע־וואָרן, איז רויטער געוואָרן, גענומען קוקן אַף אַלעמען מיט זײַנע פאַר־שיכורטע, אויפגעגלאָצטע אויגן:

— וואָס מיינט איר? וואָס הייסט? מיין טאַטע איז געווען אַ שניי־דער און ער און די פּאָר ארבעטער פלעגן זינגען לידלאַך, אַז אַ רויך פלעגט גיין, און אפילו מיין מאַמע — וואָס, איר געדענקט ניט?

„ער זאָגט ער וועט מיך נע־ע־ע־מען
אָי, אָי, אָי, הו...״

אָדער גאָר —

„ציגעלע, מיגעלע, קאָטינקע,
רויטע פּאָמעראַנצן...״

אָדער שאַט — און קאַלמאַנאָוויטש האָט זיך אויפגעהויבן נרייט צום טאַנצן און האַלב טאַנצנדיק גענומען זינגען:

„איטשע מיטן פידל,
משה מיטן באַס,
שפּילט־זשע מיר אַ לידל
אַפן מיטן גאַס״.

דער גאַנצער עולם האָט אַף דעם אויפגעקאַטשעט אַ גאַנץ הילכיקן געלעכטער, אויסער פרענקלען.

קאַפּיטל עלף

מיט פרענקלען האָט גראָד די לעצטע צײַט געטראָפן, אַז זײַענדיק בײַ דער יאָר־פײַערונג פון אַ דראַמאַטישן פּאַרײַן, װאָס ער האָט אַמאָל געהאָלפן גרינדן, האָט זיך דער עולם דאָרט פּלוצלונג פאַנאַדערגעזונגען מיט הײמישע אידישע פאָלקס־לידער. פרענקלען איז פון דעם לכתחילה געװען איבלדיק, עס האָט געקלונגען װי טאַקטלאָז, שאָװיניסטיש, װילד, װי צולאָכעסדיק און ניט נאַטירלאַך. עס האָט דאַכט זיך ממש געגרילצט אין די אײערן. — ס׳אַרא געשמאַקלאָזיקײַט! — אָט־דאָס, הײסט דאָס, איז דער נײַער דור! — האָט ער פאַר זיך געטראַכט צערײַצט. די חברה האָבן אָבער געזונגען אַזױ לאַנג, ביז פרענקל האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט װי אַן אַרױסגעשײלטער פון עפּעס אַ מין שאָלאַכץ. אים האָט מיטאַמאָל גענומען װערן הײמלאַך און שװער, אָט װי אימיצער װאָלט געקומען אים טרײסטן. עפּעס האָט זיך פון דעם גענומען אױפװעקן, זיך אװעקשטעלן פאַר די אױגן. װאָס דאָס איז, האָט ער ניט געװאוסט אױף קלאָר. זיך געשעמט אַביסל. נאָר װען ער איז שױן נאָכדעם געגאַנגען אַהײם, האָט ער פאַר זיך אַ צװײטיקטער, אַ געדרײַצטער, געטראַכט:

„עס בײַטן זיך די דורות, װער װײסט צי צום גוטן צי צום שלעכטן. בײַ אונז פלעגט זײַן אַלץ רוסישע לידער און דאָ — בײַ זײ... טאָמער האָט אימיצער דאָ געװאָלט אױפזינגען אַ רוסיש ליד, האָט מען כמעט אים פאַרשריען. און װען מען האָט שױן אױף פרענקלס פאַרלאַנג יאָ גענומען זינגען רוסיש, האָט שױן גאָר אָט־דאָס גענומען קלינגען כמעט װי פרעמד... װער װײסט און װער קאָן װיסן, װאָס דאָ קומט פאָר? מיר זײַנען דאָך סוף־כל־סוף בלינדע, זינדיקע מענטשן. — האָט אין אים אױפגעטױכט זײַנע אַן אַמאָליקע פראַזע.

אַלס צוגאָב האָט נאָך פרענקלען די טעג אימיצער אַרײַנגעשיקט אַן אַרטיקל װעגן אידישער מוזיק. דאָס אַרטיקל איז געװען „צו שאָװיניסטיש", אַז ער זאָל עס קאָנען אָפּדרוקן אין „דאָס ליכט". ער האָט אָבער פּרובירט

פונדעסטוועגן נאָכצוקוקן יענעמס דערווייזונגען און איז פון דעם נאָך מער צעטומלט געוואָרן.

און איצט, ווען ער האָט דערהערט ווי גאַבריעל לאַכט אַזוי זיכער פון קאַלמאַנאָוויטשן, האָט ער פאַר זיך אַ טראַכט געטאָן:

„ווי גוט איִם איז! ער איז נאָך אַלץ געבליבן ווי געווען. קיין זאַך האָט מיט אים ניט פּאַסירט"...

און פרענקל האָט זיך ניט איינגעהאַלטן און אָנגערופן מיט אַ זיפץ:

— עך, ברודער גאַבריעל! דו לאַכסט אַזוי רואיק און זיכער. און איר אַלע אינאיינעם מיט אים און אייך פעלט גאָר ניט איין, אַז עס איז פאַראַן אַ סברא, אַז מען מעג אויך אַזאַ ליד זינגען, און אַז עס זיינען פאַראַן מענטשן וואָס גלויבן, אַז עס איז יאָ דאָ אַ אידיש ליד, אידישע מוזיק.

פרענקל אַליין האָט דערפילט אַ ציטער אין הארצן פון אָט־די אַרויס־געררעדטע ווערטער זיינע. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט ווי פּלוצלונג אַרויסגעלאָזט אַ טייערע גלעזערנע כּלי פון די הענט און זי צע־בראָכן אָט אַזוי פאַר אַלעמען אין די אויגן.

— וואָס פרענקל, איר מיינט טאַקע אַז עס איז יאָ דאָ אידישע מו־זיק? — האָט בעסי אים די ערשטע געפרעגט, ניט איינהאַלטנדיק זיך פון לאַכן.

— ער מיינט, ווייזט אויס, אַז „אַי, אַי, אַי", „טראַ, לאַ, לאַ, לאַ" — איז מוזיק — האָט זיך גאַבריעל אָנגערופן, איבערקרימענדיק אַ אידישן ניגון.

— פאַרוואָס מיינסטו, אַז דאָס איז ניט קיין מוזיק? — האָט פרענקל איבערגעפרעגט שוין מיט אַ טאָן פון בעסדיקער אויפרעגונג.

דאָס איז שוין פאַר אַלעמען געווען גאָר אומדערוואַרטעט: פרענקל דער אינטעליגענט, דער קאָסמאָפּאָליט, און דער רעדאַקטאָר פון דער איינ־ציקער ראַדיקאַלער ציישונג, זאָל פּלוצלונג אַריינפאַלן מיט אַזוינע מאָדנע רייד... עס האָבן זיך באַוויזן איינגעהאַלטענע, אָפּלאַכנדיקע שמייכלען אַף אַלעמענס פּנימער. מיסטער פיינמאַן האָט געוואָלט אַרויספירן זיין גאַסט פון פאַרלעגנהייט און האָט אים דערפאַר גאַנץ ערנסט גענומען דערקלערן, אַז עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך, ווי אידישע מוזיק. עס איז דאָ אַ גריכישע, אַן אַראַבישע, אַן איטאַליענישע און נאָך אַנדערע באַוואוסטע

מוזיקאלישע ארטן. די אלע מוזיקן קומען נאך באשטימטע מוזיקאלישע כללים. אזא מוזיק, וואס זאל הייסן אידישע איז גאר ניטא.

—ווי אזוי ווייסט מען, אז ס'איז ניטא? —האט זיך פרענקל אנגערופן און צוגעגעבן: — איך פרעג דאס נאר פון אמת־וועגן... מיר דארפן דאך זיין גערעכט. ס'איז דאך א פראבלעמע.

אלעמענס שטוינען איז געווארן נאך גרעסער.

מיסעס פיינמאן איז אריין אין א פארלעגנהייט און האט ניט גע־וואוסט וואס צו טאן מיט פרענקלען, ווען זי האט זייער געוואלט העל־פען. דער איבעריקער עולם האט גענומען קוקן מיט אויפגעווארימטע שמייכלען אין די ווינקלען פון זייערע אויגן און ליפן.

בראווערמאן האט גלאט אויפגעשפיצט זיינע אויגן, ווי א פלוצלונג אפגעגאסענער — פרענקל, דער רעדאקטאר פון „דאס ליכט"... ער שוין אויך מיט אזוינע שאוויניסטישע רייד! — האט ער פאר זיך געטראכט.

— ווייסטו גאר וואס, פרענקל? — האט זיך מיסטער פיינמאן אנ־גערופן — דערקלער אונז וואס איז דאס אזוינס אידישע מוזיק.

פרענקל האט זיך נערוועז אומגעקוקט אף אלעמען און געזאגט:

—אט־א דער „טרא, לא, לא, לא", פון וועלכן מיר אלע קאנען דא לאכן, איז דאך אידיש! נאר וואס דען, מיר נעמען זיך מן הסתם צום הארצן וואס דאס איז ניט גריכיש, ניט רוימיש. זיינען אבער פאראן מענטשן, וואס נעמען זיך פון דעם ניט צום הארצן. פארקערט, זיי זעען אין דעם, אז דאס איז ניט ווי די שוין באוואוסטע אנגענומענע ארטן. נאר א נייער, א נאך ניט באוואוסטער, א אידישער, וואס קלינגט אונז נאך פרעמד. אזוי פרעמד, אז מיר דא, קאנען זיך אפילו נעמען דאס רעכט צו לאכן פון דעם.

— אך, דו יונגע, יונגע! מיט וויפיל הארץ דו רעדסט דאס! — האט זיך גאבריעל אנגערופן מיט א גוטברודערישן טאן. אבער מען זאגט דאך דיר, אז די טרא, לא, לא מוזיק איז ניט מער ווי מוזיקאלישע געשמאק־לאזיקייט. קיין מוזיקאליש־געשולטער אויער קאן דאס ניט פארטראגן.

פרענקל האט ווידער דערפילט, אז עפעס האט זיך ביי אים פלוצלונג ארויסגעגליטשט פון זיינע הענט און איז אראפגעפאלן און איז צעבראכן געווארן. דאס הארץ האט זיך אים ווייטיקדיק א וויג געטאן און ער האט זיך אן אויפגערעגטער אנגערופן:

— גאַבריעל, מיין פריינט, איך באַוואונדער דיך! ביסט נאָך אַלץ געבליבן אַזוי זיכער, אַזוי פעלזיק שטאַרק, אַז מיר דאַכט זיך, אַז ווען אפילו אַ דונער פּלאַצט פאַר דיינע אויגן וועסטו אַלץ ניט אויפגעטרייסלט ווערן, וועט דיר אַלץ ניט איינפאַלן אַ טראַכט צו טאָן: פאַרוואָס דאָס איז און צוליב וואָס? איך אָבער בין, ווייזט אויס, ניט פון די צו שטאַרקע נאַטורן, און פאַר מיינע אויגן האָבן שוין, ווייזט אויס, צופיל דונערן גע־פּלאַצט. נו, פאַרליר איך זיך אפשר אַמאָל. און אַז אימיצער קומט און זאָגט, אַז אידן זיינען אַ פאָלק מיט אַן אייגנאַרטיקער פאָלקס־נשמה און אַז דערפאַר רעדט דאָס אַזוי און אַזוי, און לעבט און טראַכט און זינגט ניט ווי אַלע אַנדערע, גיב איך אַמאָל אַ טראַכט אַביסל און ווער אַביסל צעטומלט.

פרענקל האָט זיך דאָ אַזוי ווי צעבראָכן, האָט זיך דאָ אַזוי אומדער־וואַרטעט אָפּגעשמיסן, אַליין זיך אָפּגעשמיסן פאַר אַלעמען אין די אויגן.

עס איז געוואָרן שטיל אַף אַ ווײַלע. פאַר אַלעמען האָט מיטאַמאָל ווי אויפגעטויכט אָט־דאָס פאַרשלייערטע, סודותדיקע, וואָס האָט מיט פרענקלען געווים געטראָפן נאָך דעמאָלט מיט יאָרן צוריק, ווען ער איז אַזוי אומדערוואַרטעט פאַרשוואונדן און איז נאָכדעם אַזוי אומדערוואַר־טעט געקומען צוריק אַ גרויער, אַ שטילערער. דאָס איז דאָך אַלץ געווים אַן אָפּקלאַנג פון דעמאָלט, פון דאָרטן...

ליזאַ האָט דאָ שטאַרק פאַרצויגן דעם רויך פון איר סיגאַרעט און אים נאָכדעם גענומען אַרויסלאָזן דורכן מויל און דורך די נאָזלעכער. און די מאַדאַם פיינמאַן האָט זיך אָנגערופן:

— אָבער וואָס איז אייך מיטאַמאָל איינגעפאַלן, פרענקל?...

זי האָט זיך אָבער דערמאָנט... זיך ווי דערשראָקן און זיך אָפּגע־האַקט.

ליזאַ האָט ווידער שווער פאַרצויגן, נאָר שוין מיט אַ שמייכל.

מינדלין האָט מיט נעשפּאַנטע שמייכלענדיקע בליקן נאָכגעקוקט אָט־דעם גאַנצן אויפגעפלאַנטערטן שמועס און אָט־די פלוצלונגדיקע שווייגנ־דיקייט, און האָט זיך אָנגערופן צו קאַלמאַנאָוויטשן:

— נו, ברודער קאַלמאַנאָוויטש, דו האָסט דאָך אַריינגעוואָרפן אַ גאַנץ נישקשהדיקן שטיין אין גאָרטן. — און זיך נאָכדעם גלייך מיט דעם איינענעם שמייכל געווענדט צו בערנשטיינען:

— סעי, בערנשטיין, דיין פּאַרטנער זעט דאָך אויס צו זיין גאָר אַ גאַנצער בריה...

בערנשטיין האָט פון דעם דערפילט ווי אַן אומדערוואַרטן פּאַטש אין פּנים: דאָס הייסט מן הסתם, אַז קאַלמאַנאָוויטש רעדט שוין וועגן זיך ווי וועגן מיינעם אַ פּאַרטנער, דערציילט געוויס וויפיל געלט ער האָט אין מיין פאַבריק, האָט שוין אפשר אויך דערציילט וועגן סטרייק, וואָס שטייט פאָר. וואָסער סטרייק? וואָסער פּאַרטנער? ווער פּאַרטנער? קאַלמאַנאָוויטש, זיין שותּף? ! — ער האָט שוין עפּעס געוואָלט זאָגן אַף דעם, אויך קאַלמאַנאָוויטש האָט שוין געעפנט דאָס מויל אַף עפּעס צו זאָגן, אָבער פרענקל האָט ניט געוואָלט אָפּלאָזן. ער איז געווען צעררייצט, האָט פּאַרקוקט אָט־די קורצע שטילקייט, און מינדלינס וועלן שטעכנדיק אַרויס־פירן די זאַך אַף געלעכטער.

פרענקל האָט זיך געפילט שולדיק און אויפגערעגט פון דעם, וואָס עס ליגט ביי אים אַן אַרטיקל פון אַ מענטשן וועגן אידישער מוזיק מיט די ציטאַטן, וואָס ער אַליין האָט נאָכגעקוקט און געזען זייער ריכטיקייט, און דרוקן פונדעסטוועגן דרוקט ער אים ניט.

— און וואָס איז מיט דער סינאַגאָגאַלער מוזיק? — האָט פרענקל געפרעגט, ווי ניט קאָנענדיק זיך איינהאַלטן.

— אפילו די סינאַגאָגאַלע מוזיק איז דאָך פון אַנדערע — פון די קריסטן גענומען — האָט אים גאַבריעל געענטפערט.

— ניין, דאָס מאַכסטו שוין גלאַט אַ טעות — האָט פרענקל אויסגע־שריען — ווייל עס איז אַ פאַקט, אַז נאָך אין דריטן צי אין פערטן יאָרהונ־דערט האָט דער מילאַנער בישאָף — אַמבראָזיוס — געזאַמלט אידישע בית־המדרש ניגונים און האָט פון זיי געמאַכט קריסטלאַכע תפילות און פון דעם האָט זיך דאָס מיט דער צייט אַנטוויקלט די קאַטוילישע קירכן־מוזיק.

— פון וואַנען האָסטו דאָס דיינע באַווייזע גענומען? ! — האָט גאַב־ריעל גוטברודעריש, נאָר מיט אַ שמייכלדיקער בייזקייט אויסגעשריען.

— וואָס איז דען דיר דער אונטערשייד? איך האָב דאָס גראָד גע־דאַרפט, האָב איך דאָס נאָכגעקוקט — האָט פרענקל געענטפערט.

— עס איז דאָך אָבער אינטערעסאַנט צו וויסן, ווער עס איז דער שורקע, וואָס האָט דיר אַזוינע דומהייטן אין קאָפּ אַריינגעשלאָגן.

גאַבריעל האָט דאָס אַלץ אָפּגעזאָגט מיט זיין גוטברודערשן שמייכל, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט מיט אַ באַזונדער צופרידנקייט געוואַרעמט אַף זיינע ליפּן און אין די גרויע וואַסערדיקע, וואָלפישע אויגן. פונדעסט־וועגן האָט ער ביי די לעצטע ווערטער זיינע געפונען פאַר נויטיק זיך אויפ־הויבן פון זיין פּלאַץ, און ער איז צוגעגאַנגען צו פרענקלען און אַרויפגע־לייגט די האַנט אַף זיין אַקסל און צוגעגעבן:

— אַך, יונגע, יונגע! ווי ווייט דו ביסט דאָ פאַרקראָכן! דו וואָלסט באַדאַרפט אַביסל פאָרן אַף דער וועלט, זיין צווישן מענטשן און ניט פאַרבלייבן דאָ אין דער פאַרפלוכטער אידישער געטאָ. דו קאָנסט דאָך דאָ אַזוי באַגראָבן ווערן צוליב נישט און גאָרנישט. וואָסערע מאָדנע אידייען עס ווערן דאָ ביי אייך געבוירן! — האָט ער פאַרענדיקט זיך ווענדנדיק צו אַלעמען.

פרענקל האָט זיך דערפילט באַזיגט און ער האָט פון ווייטיק אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— ווייזט אויס, אַז דו ביסט געבוירן געוואָרן צו זינגען!

— און עס איז דאָך גאָרניט שווער, מען דאַרף נאָר וועלן — האָט גאַבריעל צופרידן שמייכלענדיק געענטפערט.

גאַבריעל האָט זיין לעצטע באַמערקונג געזאָגט נאָר פון שיינקייט וועגן, ניט טראַכטנדיק און אפילו ניט הערנדיק וואָס ער זאָגט. פרענקל אָבער האָט פון דעם דערפילט ווי אימיצער האָט דאָ מיטאַמאָל אַרויסגע־ריסן די ערד אונטער אים. „זינגען איז גאָרניט שווער, מען דאַרף נאָר וועלן"... דאָס איז געווען פרענקלס וואונדיקסטער אָרט. אָט ווייסט ער אַף זיכער, אַז ער האָט געלעזן אַז אידן האָבן יאָ אַ באַזונדער אַרט מוזיק, אַז דער מילאַנער בישאָף אַמבראָזיוס האָט געזאַמלט די אידישע בית־המדרש ניגונים און האָט פון זיי געמאַכט קריסטלאַכע תפילות און אַז דער פּאַפּסט גרעגאָר האָט אין די דאָזיקע ניגונים אַריינגעפירט אַ סיסטע־מע און פון דעם האָט זיך דאָס אַנטוויקלט די קאַטוילישע קירכן־מוזיק, און פונדעסטוועגן ווען גאַבריעל אָדער אַנאַנדערער, וואָס האָט אין זיך די פייאיקייט אָדער די פערפעקייט פון אַ זינגער, וויל, קאָן ער קומען און זאָגן, אַז דאָס איז ניט געשטויגן און ניט געפלויגן, און אַז דער וואָס האָט אַזוי געשריבן איז אַ שורקע, און ווען נויטיק קאָן ער נאָך צוזוכן באַווייזן פון אַנדערע פאַרשער און סוף־כל־סוף וועט זיגן ניט דער אמת,

נאָר דער וואָס האָט מער פּייאיקייט. און אַזוי שטייט דאָס אפשר מיט אַלץ אין דער וועלט, מיט אַלע גערדאַנקען, מיט אַלע אמתן... און — דאָס האַרץ רייסט זיך אים כמעט אָפּ, ווי ער וואָלט זיך אין שרעק אַליין איבערגעפרעגט:

— מיט אַלע אמתן? מיט אַלע?...

—נו, וואָס זאָגט איר אַף דעם, מיסטער בראַווערמאַן? — האָט בעסי זיך אַ ווענד געטאָן צום סטודענט בראַווערמאַן און דערביי אַרויפגע־לייגט איר ווייכע ווייסע האַנט אַף זיין אַקסל.

— מאַדאַם מינדלין־פּינק, דאָס איז שרעקלאַך! אַזאַ שאָוויניזם פון דעם רעדאַקטאָר פון אונזער „ליכט”! נאָך אַ נס וואָס ער האָט דאָס ניט אָפּגעדרוקט אין צייטונג.

זי האָט נאָכגעקוקט אָט־דעם פאַרויטלטן, אויפגערעגטן בחור, וואָס שטייט ווי אַ יונג קעצל אונטער איר האַנט און האָט מיט אַ באַהערשנדיקן שמייכל און וואַרימען בליק אין די אויגן געזאָגט צו אים:

— נו, זייט רואיק, אַזוי ווייט וועט שוין אונזער רעדאַקטאָר ניט גיין.

קאַפּיטל צוועלף

— ווייסטו גאָר וואָס איך וועל דיר זאָגן, זינא? — האָט זיך גערטרוד אָנגערופן, — לאָמיר נעמען לינאָס שליטן און מײַנעם און לאָמיר איצט גיין כאַפּן אַ שליט־לויף אין פּאַרק. וואָס זאָגט איר וועגן דעם, מיסטער בראַוּערמאַן?

זינאַן האָט זיך איצט ניט געוואָלט אַוועקגיין פון הויז. נאָר מיסטער בראַוּערמאַן איז פון דעם זייער שטאַרק באַגייסטערט געוואָרן. האָט זיך איבער דעם זינא עפּעס ניט געקאָנט העלפן און איז מיטגעגאַנגען.

— זינא, וואוהין גייסטו? מיר פאָרן דאָך באַלד אַהיים — האָט זיך אָנגערופן איר מוטער.

— דו מיטן פּאַפּאַ קאָנסט פאָרן אַהיים און איך וועל קומען שפּעטער מיט אַ שעה — האָט זינא געענטפערט.

— אָבער ניט מער ווי אַ שעה, זינאַטשקאַ? — האָט זיך פרענקל אָנגערופן, זיך אונטערגעבנדיק.

— זיכער פּאַפּאַ! — האָט זינא געענטפערט.

— זע, אַלזאָ, טאָכטער, ניט צו קומען שפּעטער ווי אין אַ שעה אַרום, — האָט זיך פרענקל צו איר אָנגערופן פאַרן אַרויסגיין און זי דערבײַ הבריש אַ קניפּ געטאָן איבערן בעקל — מיר וואָלט זיך אַפילו זייער וועלן, אַז דו זאָלסט מיט אונז אינאיינעם פאָרן אַהיים, נאָר איך וויל אָבער ביי דיר ניט צונעמען דעם פאַרגעניגן פון דעם שליטן־גליטש. עס געפעלט מיר זייער. יונגע מענטשן דאַרפן זיך ניט נאָר פאַרנעמען מיט פילאָזאָפירן און מיט ביכער. יונגע מענטשן דאַרפן זיך אויך גליטשן, טאַנצן און נאָך אַזוינע זאַכן.

דער יונגער בראַוּערמאַן איז צוגעלאָפן צו ליזאַן, זי אָנגענומען אונ־טערן אָרעם, אַרײַנגעקוקט מיט אַ שעמעוודיקער געוואַגטסייט אין אירע אויגן אַרײַן און געזאָגט:

— אָ, מאַדאַם פרענקל, קומט אויך מיט אונז. קומט, עס איז דאָך אַזוי גוט זיך אַ קאַטשע צו טאָן אין שניי — האָט ער צו איר אַזוי ווי בעטנדיק געזאָגט.

— אָי טאַקע, ליזאַ. בראַוורמאַן איז גערעכט. קום לאָמיר זיך אַ יאָג טאָן אַף שליטנס אין פּאַרק. — האָט זיך בעסי מינדלין־פינק אָנגערופן.

„די שטענדיקע קאָנקורענטקע"... — האָט ליזאַ אַף גיך אַ טראַכט געטאָן וועגן בעסין און דערביי אַ מאָדנעם שמייכל געטאָן.

בראַוורמאַן האָט זיך דאָ טאַקע גלייך אַ צופרידן־פאַרפּלאָנטער אָנגערופן צו בעסין:

— אָ, מאַדאַם מינדלין, איר גייט אויך מיט אונז? גוט, גוט.

גאַבריעל איז אָנגעקומען פון הינטן און פאַרוואָרפן זיינע ביידע הענט אַף די טאַליעס פון די צוויי פרויען אַזוי פּלוצלונג, אַז בעסי און ליזאַ האָבן זיך ביידע לייכט אַ וויג געטאָן פון זייערע ערטער און כמעט אָנגעשלאָגן איינע אָן דער צווייטער. און דערביי האָט ער אויסגעשריען:

— נו, וואָס מיר גייען דאָך אַלע, ניט וואָר?

בעסי האָט אויסגעשריען:

— נו, זיכער, געוויס!

ליזאַ האָט זיך צוריקגעבויגן אַף גאַבריעלס אָרעם און מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— ניין, איך גיי אַהיים. איך האָב דאָס שוין פרענקלען צוגעזאָגט... און דערצו — האָט זי מיט נאָך אַ פאַרגרעסערטן שמייכל צוגעגעבן — ווילט זיך מיר ניט שטערן זינאַן...

דער „און דערצו ווילט זיך מיר ניט שטערע זינאַן" איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַ געפיל פון שטאָלץ און מיט אַ שטילן שטעכיקן ראַכע־געפיל צו בעסין. עס האָט געהייסן: מיר האָבן קינדער...

בעסי האָט דאָס צוריקגעשלאָגן מיט די אויגן מיט אַ קוים־באַמערקנדיקן אויפגעשמייכלטן געדאַנק: פּיליסטער...

— אַט־דאָס הייסט אַ גוטע מוטער. — האָט זיך גאַבריעל אָנגערופן און אָנגענומען ליזאַס האַנט, זי צוגעטראָגן צו זיינע פולע ליפּן און זי באַגייסטערט אַ קוש געטאָן. פון דעם קוש איז ליזאַן אַריבער אַ גרויל איבער איר לייב, און זי האָט מיט אַ געמאַכטן שמייכל צוגעגעבן:

— אָבער זעט, אַז איר זאָלט אַף איר גוט אויפפּאַסן.

—נו, יאָ, אַבי איר וועט נאָר ניט שטערן, — האָט זיך גאַבריעל אָנגערופן.

ליזאַן איז פון דעם ענטפער געוואָרן מאָדנע, נאָר זי האָט פונדעסטוועגן אַלץ געשוויגן און נאָכדעם געענטפערט זינאַן:

— נו, זינא, פאַרגעם אָבער ניט, אַז דו האָסט צוגעזאָגט, אַז אין אַ שעה אַרום פאָרסטו אַרויס אַהיים. בראַווערמאַן וועט דיך באַגלייטן.

— מאַמע, וואָס איז מיט דיר?! — האָט זינא כמעט אויסגעשריען און איז שרעקלאַך רויט געוואָרן. — וואָס בין איך דאָס, אַ קליין־מיידעלע?

פרענקל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— יאָ, זינאָטשקע, און איך האָב גאָר פאַרגעסן — וואָס הערט זיך, ווי אַזוי גייט דאָס מיט דעם בולאַק־אַוונט?

—אַ, מיט דעם בולאַק־אַוונט — אויסגעצייכנט, פּאַפּאַ.

— און איר, בראַווערמאַן, העלפט דאָך, אודאי. זעט, אַז דאָס זאָל טאַקע זיין אַ דערפאָלגרייכע אונטערנעמונג. עס וועט דאָך זיין אַזוי גוט צו זען, ווי אונזער יונגער עולם הויבט אָן אַרויסטרעטן אין פאָדערגרונט מיט אַרבעט.

— עס וועט זיין אַ דערפאָלג — האָט זיך בראַווערמאַן אָפּגערופן — מיר אַרבעטן אַף דעם אַלע, מיסטער פרענקל, אַלע — אפילו גערטרוד.

— וואָס, גערטרוד? אַך, ווי שיין, — האָט ער אויסגערופן מיט אַ צופרידענער דאַנקבאַרקייט, אָנגעשטעלט אַף גערטרודן זיין אויפגעלויכטן פּנים און זיינע אויגן.

אַלע האָבן, דאַכט זיך, ליב געהאַט זייערע קינדער, ווי טאַטעס און מאַמעס האָבן געוויינלאַך ליב זייערע קינדער, נאָר, ווי אַ ליכטיק־ליכט פלעגט פונדעסטוועגן פאַר זיי אַלעמען שטיין אָט־די אָפּגעזונדערטע, אָפּגעפרעמדטע און דאָך אַזוי נאָענטע און אייגענע גערטרוד.

— און איר אַלע העלפט אַזוי דאָך, מן הסתם, אַרויס אונזער ליכטיקער יוגנט, — האָט זיך פרענקל אַ ווענד געטאָן צו די עלטערע.

— געוויס! — האָט די מאַדאַם פיינמאַן קורץ און שטאָלץ געענטפערט.

די אַנדערע מאַמעס — די מיסעס בערנשטיין און מיסעס קאַל־מאַנאָוויטש האָבן דאָס מיט אַזאַ שטאָלץ ניט געקאָנט זאָגן, ווייל קינדער זייערע זיינען ביי זיי אויסגעוואַקסן אַזוינע, וואָס פלעגן נאָך אָפּט אַ שטאָך טאָן די מאַמעס מיט די טאַטעס מיטן וואָרט: „סאָשעליסט״ אָבער דאָך, האָט בעלאַ זיך אויך אָנגערופן:

— די אונטערנעמונג וועט זיין אַ דערפאָלג, און טאַקע אַ גרויסער. ניט אַזוי, ריווא?

און ריווא קאַלמאַנאָוויטש האָט טאַקע צוגעגעבן:

— זיכער, וואָס דען?

— נו, זינאָטשקאַ, און בערמאַן שטייט דאָך געוויס אויך ניט אָפּ?

— האָט פרענקל ביי דער טאָכטער ווייטער געפרעגט.

זינאַ האָט זיך מיט אַ גרויסער פאַרלעגנהייט אומגעקוקט אַף אַלעמען און געזאָגט:

— איך האָב אים נאָך פון דעמאָלט אָן ניט געזען...

— און אַזוי ווי אַף צו להכעיס איז אָט־דער נאָטיץ זיינער וועגן דעם כטרייק און דעם מאַס־מיטינג, וואָס ער האָט דעמאָלט אין דער רעדאַקציע געלאָזט פאַר דעם מיטינג, ניט אַריין.

— פאַרוואָס? — פרעגט זינאַ.

— ווייסט דאָרט דער גוטער יאָר דעם זעצער. ער טענהט, אַז דער נאָטיץ איז אָנגעקומען צו שפּעט. די ציַיטונג איז שוין געווען געשלאָסן.

— דאָס איז אַ שאָד — האָט זיך בראַוועַרמאַן אָנגערופן — דער מאַס־מיטינג איז דאָך אָבער קומענדיקע וואָך, און ביז דאַן קאָן מען נאָך געבן אונזער נאָטיץ.

— געוויס — ענטפערט דערויף פרענקל.

— איך בין דאָרט איינער פון די רעדנער. איר אַליין דאַכט זיך אויך.

— ניין. איך וועל, ווייזט אויס, ניט קאָנען זיין דאָרטן. איך האָב אַ לעקציע אַף דעם אָוונט. נאָר אפשר וועל איך פאַרטיק ווערן אין ציַיט. אָבער עס איז גוט, וואָס איר גייט, בראַוועַרמאַן. מען דאַרף אים העלפן. — און אַזוי ווי נאָכטראַכטנדיק האָט ער צוגעגעבן:

— אַי איז דאָס אַ לויטערער בחור, אַ סאָציאַליסט פון ריינעם פייער, אַ ברען! — און פרענקל האָט דערביי דערפילט אַ ווייטיק אין האַרצן.

און ווי איינער וואָס ווערט פּלוצלונג אָן אַ פּאַרוואָס איבערן פּנים גע־שמיסן, האָט ער אַזוי ווי קוקנדיק פאַר זיך און ווי אָפּשטופּנדיק עפּעס צוגעגעבן: — עס וואַקסט אוים ביי אונז אַ ליכטיקע יוגנט, אַ לויטערע...

— איז דאָך גוט — האָט זיך בעסי אָנגערופן.

— נאָר מען דאַרף פונדעסטוועגן היטן די אייגענע ביינער — איז דאָקטאָר מינדלין אַריינגעפאַלן...

— זאָלן זיי קומען, מינדלין, זאָלן זיי קומען און זאָלן זיי נעמען — האָט פרענקל דערויף געענטפערט, נאָך אַלץ פילנדיק שאַרף דעם ווייטיק אין הארצן.

— ווער איז אָט־דער בערמאַן? — האָט גערטרוד אינדערשטיל אַ פרעג געטאָן זינאָן...

בערנשטיין האָט דערהערט אָט־די רייד: מאַס־מיטינג, סטרייק, און כאָטש אים איז ניט איינגעפאַלן, אַז דאָס מוז פונקט זיין אַ רייד וועגן זיין סטרייק, האָט ער זיך פונדעסטוועגן גלייך אומגעקוקט אַף קאַלמאַ־נאָוויטשן און באַגעגנט יענעמס שאַרפע אויגלאַך, וואָס האָבן אַף אים פאַרדעכטיק געקוקט. האָט ער אַ פאַרגליווערטער פון אים אָפּגעקערט זיין פּנים און זיך גענומען שטאַרקער צונויפּפּרעסן די ציין אַף דעם ביטער־לאַך וואַרימען, אָנגעווייקטן עק פון דעם סיגאַר אין זיין מויל.

קאַפּיטל דרייצן

שפּעט אינדערנאַכט ציען זיך איבער דער גרויסער שטאָט ניו יאָרק גרויסע און לאַנגע גאַסן. די גאַסן ציען זיך שטיל און גלייך ווי אויסגעצויגענע האַנטיכער. פון דאָ און דאָרט פּאַטשט מיטאַמאָל פון ערגעץ אויף אַ גערויש פון אַ קאַר אָדער אַ שטאָט־באַן. דער גערויש טראָגט זיך אָן, אָט ווי אַ שווער־הילכנדיקער וואַסערפאַל, אָט ווי אַ ווילדער אויפפּאַטשן פון שווערע ריזיקע הענט און אָט גאָר ווי אַ שטיק פון אַ וויג־ליד פון אימיצן אַ גוטן, אַ געטרייען, וואָס וויל אַז מענטשן זאָלן שלאָפן, אַז מענטשן זאָלן רוען, אַז מענטשן זאָלן גוט און וואויל זיין.

פרענקל איז מיט ליזאַן געגאַנגען איבער אַ גרויסער, לאַנגער און איינגעשטילטער גאַס אַפן וועג צו דער אויבערשטער שטאָט־באַן. דער סיגאַר־רויך, דער ווין, די געשפּרעכן און די געשעענישן פון דעם היינטיקן אָוונט ביי די פיינמאַנס און אָט־דער גאַבריעל... דאָס האָט אים איינגעטונקען ווי אין אַ טעמפּן פּלאָנטער. דאָס האָט אים ווי געשליידערט פון מויער צו מויער. און איצט גייט ער איבער דער שטילער, גלייכער גאַס לעבן ליזאַן, הערט דאָס גערויש וואָס שלאָגט פון מאָל־צו־מאָל אָפּ ערגעץ ווייט און נאָענט און קוקט פאַר זיך ווי אַן אויסגעליידיקטער, כאָטש אַלץ שטייט פאַר די אויגן ווי פאַר אַ ניי־געבוירענעם. אָט־די גלייכקייט פון דער לאַנגער און שטילער גאַס זעט מיטאַמאָל אויס ווי אַ זאַך, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געזען, ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי מען קאָן איבערהויפּט אין אַזאַ גרויסער און טומלדיקער שטאָט אויסלייגן אַזוינע גלייכע גאַסן... די גרויסע מויערן זיינען עפּעס איצט געשטאַנען, ווי אויסגעמאָלענע... אָדער גאָר ווי אויפגעשטעלטע פון קאַרטאָן־פּאַפּיר... און ער אַליין איז עפּעס אויך, דאַכט זיך, ווי אַ פּאַפּירענער... ער איז אַן אויסגעשעפּטער. כמעט אַלעמאָל ווען ער גייט אַרויס פון אַ געזעלשאַפט שפּעט באַנאַכט, פילט ער אָט ווי

איצט... און די אויגן קוקן אַף אַלץ אַט ווי איצט, ווי אַ מינוט פֿאַרן טויט, ווי אַ מינוט נאָכן טויט... און אַזוי מן הסתם ביזן טויט אַריין... און אַלץ וואָס אַ מענטש דאַרף, איז נאָר זען ווי־ניט־איז דערשלעפּן ביזן טויט... מעג דאָס זיין מיט באַנקעטן, מיט דעבאַטן, צי מיט אַנדערע וויכטיקע נישטיקייטן, אַבי־ווי־ניט־איז דערשלעפּן ביז דעם טויט אַריין.

און איבערהויפּט אַט־די דעבאַטן! אַט די ליידיקע וואַנט, וואָס מענטשן שטעלן אויף צווישן זיך, כדי זיי זאָלן דעבאַטירן... כדי זיי זאָלן קאָנען פּרואוון צו צעברעכן די בלומרשטע אייזערנע וואַנט, וואָס שטייט צווישן זיי. — ערשט די וואַנט איז גאָר ניט פֿון אייזן, נאָר גלאַט אַ ליידיקע, אַן אויסגעטראַכטע. אָבער אַט טאַקע דערפֿאַר, וואָס זי איז אַן אויסגעטראַכטע, אַן איינגערעדטע, שטייט זי נאָך שטאַרקער ווי אַן אייזערנע און לאָזט זיך ניט צעשטערן.

און וואָס פֿון די מענטשן איז געוואָרן! דאַכט זיך ערשט נעכטן געלעבט אין אָרימקייט, צווישן קאַקראָטשעס און וואַנצן און איצט — אַ לעבן אין פּאַלאַצן ממש, מיט עלעקטרישן־ליכט, מיט אָטאָמאָבילן אפילו און מיט אַזוינע פּערווערזע איינפֿאַלן — זאַקן־טענץ און וואָס ניט. ווי אַזוי האָבן זיי זיך דאָס אַלץ אויסגעלערנט און איינגעאייגנט? ווי איבערנאַכט איז דאָס אַלץ געוואָרן און זיי זיינען נאָך דערביי אַלץ סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן. אַלץ, פֿאַרשטייט זיך, די אַלטע מעשה מיט זינגערן. מעשות, מעשות אַלץ אַזוינע און דורך די אַלע מעשות דאַרף זיך דער מענטש דורכשלאָגן זיין וועג. דאַרף זען ניט פֿאַלן און גיין זיין וועג. אָבער, אַז איך זעץ זיך מיט זיי ביי אַט־די פֿאַרפּוצטע טישן. איך זעץ זיך דאָך מיט זיי ביי אַט־די רייכגעגרייטע טישן... און ער בלייבט אַזוי ווי אַ ווילע שטיין, טראַכטנדיק און ניט טראַכטנדיק, און כאַפּט זיך נאָכדעם אַף אין אַן אומדערוואַרטער באַשטימונג: אַלע זאַכן האָבן אַ דרויסנדיקן און אַ אינעווייניקסטן אמת, און איך פּלאָנטער זיך צווישן דרויסנדיקן און אינעווייניקסטן אמת, פּלאָנטער זיך און קאָן פֿאַר זיך קיין וועג ניט געפֿינען, ווייל איך בין אַ שוואַכער מענטש. אַ זינדיקער, אַ נישטיקער.

און ווידער אַט־די מעשה מיט דעם אַרטיקל וועגן אידישער מוזיק, וואָס ער דרוקט ניט כאָטש ער רעדט שוין אַליין נאָך די געדאַנקען פֿון אַט־דעם אַרטיקל... ווי קומט דאָס? פֿאַרוואָס? — פֿאַר מורא... מורא פֿאַר־

וואָס?... מורא פאַר געלעכטער, מורא פאַר געוויין... פאַר אָט־דעם בי־טערן געוויין, וואָס האָט אויפגעוואַכט אין האַרצן אין יענער שרעקלאַכער נאַכט נאָך זיין פּלוצלונדיקן אוועקפאָרן. דאָס גאַנצע געזינדל איבערגע־לאָזט ווייט הינטער זיך און אַריינגעפאַלן אין אַ האַרטער, פרעמדער וועלט. און זיך דאָרט אַזוי ביטער צעוויינט...

און ער טראַכט:

צוליב וואָס לעבן מענטשן אַף דער וועלט? — צוליב דעם, אַז זיי זאָלן לאַכן, צוליב דעם, אַז זיי זאָלן וויינען.

און ווער מאַכט זיי צום לעבן, און ווער מאַכט זיי צום לאַכן, און ווער מאַכט זיי צום וויינען?...

און ער דערשרעקט זיך: ווידער אָפן וועג צו יענעם געדאַנק...

—און ער רופט זיך אָן:

— ליזאַ, נאָך ווייט צו דער באַן? וואָס?

קאַפּיטל פערצן

די נאַכט איז געווען אַ שטיפערישע. דער פּאַרק מיט זיינע פאַר־שנייטע בוימער, מיט זיינע ווייסע און הויך אויפגעבעטע בערג, האָט זיך געוויזן אין דער לבנה, ווי אַ נאַקעטער, ווי אַ נאַר־וואָס אָפּגעדעקטער.

— הו, וואָסער אַ וואונדערלאַכע נאַכט! — האָט גערטרוד פאַר אַלע־מען אויסגערופן — קומט גיכער!

און גערטרוד האָט גענומען לויפן פאַרויס, נאָכשלעפנדיק איר שליטל נאָך זיך, און איר שאָטן איז נאָכגעשפּרונגען נאָך איר, מיטשלעפנדיק אויך זיין שליטל. און די אַנדערע נאָך איר — מיט זייערע שליטנס און זייערע שאָטנס.

און אָט האָבן זיך שוין גענומען הערן די געלעכטערס און אויפגע־שרייען פון קאָמפּאַניעס שליטלער, דאָס לויפנדיקע, אויפטויכנדיקע רויש פון אָפּגעלאָזטע שליטנס. און אָט איז דער שליטל־פּלאַץ, וואָס זעט אויס ווי אַ מילכיקער, מיט נידעריקע און העכערע אויפגעשלאָגענע מילך־בערג־לאַך, איבער וועלכע עס פּראַלן אויף ווי אויפגעקנאַלטע בייטשן, פרייליכע און האַסטיק־לויפנדיקע שליטנס און מענטשן, מיט מענערישע אויפגע־שרייען און ווייבערישע אויפקוויטשונגען, ווי זיי וואָלטן זיך באָדן אין פאַנאַנדערגעפלוידערטן, לאַכנדיקן שוים.

די נאַכט, די מענטשן, די לבנה, די בערג און דער שניי האָבן דאָ צעעפנט קוואַלן פון געטויש און פון פרייד.

ווי נאָר גערטרוד איז צוגעקומען צום ברעג פון אויבערשטן באַרג, האָט זי זיך אומגעקוקט אַף דער שנייאיקער לאַנדשאַפט, ווי זי וואָלט פאַר זיך געטראָגן אַלעמענס אויגן אין אירע אויגן. איר קאָפּ האָט אַ שטאָלץ אויפגעשטעלטער, אַן אויפגעפּראַלטער אַ קוק געטאָן פאַר זיך. אָט־דער וויל־דער פאַרלאַנג, וואָס זי האָט דעם גאַנצן אָוונט געפּילט, דער דראַנג, — זיך אַ הויב צו טאָן און אַ פלי טאָן איבער אַלעמענס קעפּ, האָט דאָ פאַר זיך מיט אַמאָל דערזען זיין גאַנצע, גרויסע מעגלאַכקייט. האָט זי אַ הויב געטאָן

איר שליטן, אים אָנגעשטעלט פאַר זיך. גאַבריעל האָט זיך אַ דריי געטאָן הינטער איר און אויסגעשטרעקט זײַנע הענט אַף אָנצוכאַפּן איר טאַליע, אָבער איידער דאָס האָט זיך אים אײַנגעגעבן, האָט זי זיך אין איר גאַנ־צער גרויס ווי אַ קינד, אַ וואָרף געטאָן מיטן בויך אַפן שליטן און מיט אַ פריידיקן „הו־ו־הוך!" זיך אַ ריס געטאָן פון דעם ווײַסן באַרג מיט אַזאַ האַסט, ווי די ערד וואָלט זיך אונטער איר אָפּגעריסן.

גאַבריעל איז געבליבן פאַר אַ ווײַלע שטיין מיט ליידיק־אויסגע־שטרעקטע הענט און אינאיינעם מיט זינאַן, בראַוורמאַנען און דאָקטאָר און מיסעס מינדלין נאָכגעקוקט נאָך דעם אויסגעצויגענעם פּאַס פון גערט־רודס קערפּער און נאָך דעם אויפגעשלאָגענעם ווײַסן שניי־שטויב, וואָס האָט זיך ווי צוויי ווײַסע פליגלען געהויבן אַף ביידע זײַטן פון איר שליטן.

— נו, מײַן גרויסער העלד, — האָט זיך דאָקטאָר מינדלין לאַכנדיק אָנגערופן צו גאַבריעלן, — האָסט פאַרגעסן מיטנעמען אַביסל זאַלץ אין די הענט. זעסט — הו־הו־טיו!... אַוועקגעפלויגן.

קאַפּיטל פופצן

מינדלין האָט לאַנג ניט געקאָנט פאַרגעסן די גרויסע פרייד, מיט וועלכער גאַבריעל האָט זיך אַריינגעוואָרפן צווישן די פרויען נאָכדעם, ווי מען איז אַזוי אומדערוואַרט געוואָר געוואָרן פון דעם גרויסן סוד פונם פאַרביקן זאָקן־טאַנץ, מיט וואָס פאַר אַ פייער אַט־דער גאַבריעל האָט עס נאָכדעם גענומען אַרומלויפן צווישן די פרויען און שרייען:

— איר זענט געטלאַך! איר זענט געטינס!

און ווי מענלאַך ער האָט דאָס פאַר אַלעמען אין די אויגן אַרומגענומען זיין בעסין... עס איז דאָך אין דעם געווים דאָ עפּעס גרויסעס. אפשר אויך געטלאַכס — האָט מינדלין נאָכדעם ניט איינמאָל געטראַכט מיט זיין אייגנאַרטיקן שמייכל — עס איז אין דעם דאָ אַסאַך לעבנס־פרייד. און אַט־דער קאַמישער קאַלמאַנאָוויטש נאָך אים: „אוי, ווייבעלאַך, טייבעלאַך!" און אַט־דער בראַווערמאַן, וואָס איז געבליבן שטיין ווי אַ נאָך־ניט קיין אויסגעקריטע הענדל... און אַט־דאָס אויפקוויטשען פון די ווייבער!... אַזוי געזונט און שטאַרק, כמעט ווי די שיקסעס, וואָס פלעגן אויפשרייען ביי דעם ברונעם פון זיין שטעטל, ווען זיי פלעגן איבערגעפאַלן ווערן פון די פּאָר וואָוויליוונגערישע שקצים... און ער האָט ווייטער געשמייכלט:

— און אַז מען דאַרף שוין יאָ נאָר דערלעבן ביז אין טויט אַריין, ווי פרענקל האָט אַמאָל ליב אַ זאָג צו טאָן, טאָ פאַרוואָס זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ געזונטער לעבנס־לוסט און לעבנס־פרייד?... גערעכט, גערעכט... נאָר איך בין, ווייזט אויס, ניט קיין „גרויסער" מענטש, איך בין אַ פּיליסטער. צו אַלדי גוטע יאָר. מיר ווילט זיך אַ ווייב, אַף וועמעס ברוסט קיינער וואָלט ניט געוואַגט אַזוי פרעך אַרויפלייגן זיינע הענט...

און ער שמייכלט:

— מיר, דעם פּיליסטער, ווילט זיך, ווייזט אויס, די לעצטע צייט אַליין אַזאַ ווייב, וואָס וויל און קאָן געבוירן קינדער, צו אַלדי גוטע יאָר!

— אַ, בעסי, איך בין אַ פּיליסטער! — האָט ער געטראַכט וועגן בעסין — אַ פּיליסטער צו אַלדי גוטע יאָר!

קאַפּיטל זעכצן

ווי אַ פליג, וואָס שלאָגט זיך אָפּ אין דעם גלאָז פון אַ פענצטער אינ־מיטן פון איר פליען, ווייסט ניט וואָס אייגנטלאַך עס לאָזט זי ניט ווייטער פליען און זי פּרואווט זיך איינמאָל און צוויי מאָל ביז זי הוזשעט זיך פאַנאַנדער איבער דעם גלאָז ווי אַ געפאַנגענע פון אַ זאַך, וואָס זי זעט ניט, אַזוי האָט זיך אינדערנאַכט פון דעם פאַרביקן זאַקן־טאַנץ פאַנאַנ־דערגעוויינט דער פאַרמאַן פון „דהי מאָדל העט ענד פעשאַן קאָמפּאַני".

זיין ווייב האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אַ דערשראָקענע גענומען פרעגן:

— "וואָס איז דער מער, טשאַרלי?"

האָט זיך זיין הוזשענדיקער געוויין גענומען שטיקן, ווי אימיצער וואָלט אים געוואָרגן, ביז ער האָט זיך אויפגעזעצט און האָט אויסגע־בראָכן אין אַ וואָיענדיקן וויינען.

אַלץ אין אים, זיין בלוט, זיין גערדאַנק, זיינע ביינער; אַלץ, וואָס וויל רעדן דורך געפיל, דורך וואָרט, דורך גערדאַנק, און קאָן ניט, ווייל ערגעץ איז עפּעס טעמפּ און שטום — האָט זיך מיטאַמאָל גענומען הויבן און גיסן איבער אים דורך טרערן און חיה'שן וואָיען, ווי עס גיסט זיך אַרויס אויפגעקאָכט וואַסער איבער די ברעגן פון אַ צוגעדעקטן טאָפּ.

ער האָט געוויינט אַף דעם, וואָס ער האָט היינט מיטאַמאָל דערזען, אַז אַלץ, אפילו זאַכן, טאַנצן. ווי אַזוי געשעט דאָס, וואָס זאַכן נעמען טאַנצן? פאַרוואָס האָט היינט אַלץ גענומען טאַנצן אַרום אים? די אַרבעטער טאַנצן שטענדיק אַרום מיט זייערע בענים, מענדלס, בערמאַנס, איצט איז נאָך צוגעקומען דער יוניאָן־טאַנץ, דער טאַנץ פון די באַלעבאַטים. פאַרוואָס האָט היינט אַלץ גענומען אַזוי ווילד טאַנצן פאַר זיינע אויגן? וואָס איז דאָס פאַר אַ פלוצלונגדיקער ווילדער טאַנץ? און פאַרוואָס האָט מען אים היינט אָנגערופן הונט, פאַרוואָס ווילן זיי האָבן, אַז ער איז שולדיק אינם סטרייק? און פאַרוואָס האָט בערמאַן היינט גאָרניט געוואָלט הערן וועגן נעמען

געלט פון דער פירמע, אבי עס זאָל ביי זיי קיין סטרייק ניט זיין ?... און פאַרוואָס האָט נאָך בערמאַן אַף אים אַזוי שלעכט געקוקט, ווען ער האָט צו אים גערעדט וועגן דעם ?... וואָס איז ער שולדיק ? מען האָט דאָך אים געהייסן רעדן צו בערמאַנען וועגן דעם. און קינדער, ווען זיי וואַקסן קומט דאָך זיי צו וואָג, פאַרוואָס קומט פון זיין קינד אַלץ אָפּ וואָג ?... ס'אַ ליגן, ס'איז ניט דערפאַר, וואָס די ווייב איז אַ גויע. וועמען אַרט עס, וואָס מערי איז אַ גויע ? ער האָט זי דאָך ליב און זי האָט אים אויך ליב. דאָס האָבן אים די אַרבעטער אַזוי פאַרשאָלטן דאָס קינד. וואָס האָבן זיי צום קינד ? איך קריג דאָך געצאָלט צו זיין אַ פאָרמאַן. ווען איך זאָל ניט זיין געטריי, וואָלט מען דאָך מיך אָפּגעזאָגט. אָבער דאָס קינד ?...
— וואַר־אַר־הו !...

אַ הונט וואָיעט אַזוי...

מערי האָט זיך אַ הויב געטאָן צו אים, האָט פאַרוואָרפן אירע וואַרימע הענט אַרום זיין האַלדז און האָט זיך אַ וויינענדיקע גענומען בעטן :

— הער־אויף, טשאַרלי ! הער־אויף ! גאָט וועט העלפן...

און אַ דערשראָקענע פון זיין וואָיען האָט זי נאָכאַמאָל איבערגעזאָגט :

— גאָט וועט העלפן !...

דער „גאָט וועט העלפן" האָט זיך אָבער מיטאַמאָל אינדערפינצטערניש ווי אַ פייערדיקע בייטש איבערגעשניטן און איינגעגעסן אין זייערע האַלב־נאַקעטע לייבער — די גאַנצע וועלט האָט גענומען טאַנצן אַרום זיי מיט אויסגעשרייען :

— „גאָט וועט העלפן"

— וואָסער גאָט ? !... וועלכער גאָט ? !... וועמעס גאָט ? !...

און זיי האָבן זיך מיט שרעק גענומען טוליען איינער צום צווייטן, ווי צוויי פאַרטריבענע, ווי צוויי פאַרלאָזענע, ווי צוויי פאַרוואָגלטע אינמיטן פון אַ ווילד־פרעמדער וועלט, וואָס טאַנצט און שרייט אַרום זיי.

קאַפּיטל זיבעצן

ווען גערטרוד, בראַווערמאַן, גאַבריעל, די מינדלינס און זינא זיינען געקומען פון גליטש האָבן זיי נאָך געטראָפן אַ פּאָר פון די געסט שפּילן אין קאָרטן. די אַריינגעקומענע זיינען אַלע געווען פאַרפלאַמט און אויפגע־לייגט. מ'האָט נאָך אַביסל פאַרבראַכט, צוזאַמען געטרונקען ווער אַ שוואַרצן קאַפע און ווער טיי מיט ליקער.

פאַרן אוועקגיין האָט זיך גאַבריעלן איינגעגעבן אַנצוטרעפן גער־טרודן גייענדיק איבערן שמאָלן, לאַנגן קאָרידאָר. ער האָט זיך פאַר איר אַזוי אַוועקגעשטעלט, אַז זי האָט געמוזט בלייבן שטיין קעגן אים. דער עלעקטרישער לאָמפּ, וואָס האָט אין דעם האַלב־טונקעלן קאָרידאָר גע־ברענט ניט ווייט פון זיי, האָט אַזוי ווי ווייסער געמאַכט איר אָנגעווינ־טיקט פּנים, וואָס האָט זיך פריי און אָפן געהויבן פון איר הויך־האַלדזיק קלייד. מיט איין האַנט האָט זי ווי אונטערטראַגנדיק געהאַלטן די לאַנגע שנור אַגאַטן, וואָס אַף איר האַלדז. זי האָט אים גאָרניט געזאָגט, נאָר ווי אַ פאַרווירטע געקוקט אַף אים. גאַבריעל האָט אַ ווײַלע געקוקט אַף איר, אַף איר אויפגעראַמט פּנים, אַף אירע לאַנגע, בלאַסע פינגער, וואָס זיינען ליב־כּיק־ווײס געבליבן שטיין מיט דער שוואַרצער שנור אַגאַטן צווישן זיי, אַף אַט־די גרויס־פאַרווילדטע אויגן אירע, און זיך נאָכדעם צו איר געווענדט שטרייננג:

— הײנטיקע צײטן דאַרף אַ מײדל ווי איר שוין וויסן מער ווי איר ווייסט. איר זענט איין דומקאָפּ! איר ווייסט וואָס איך וויל?!... איך וויל מיט מיינע הענט אַ נעם טאָן דאָס קלייד ביי דער זוים אַרום האַלדז און דאָס אַרונטערפליקן פון אייך! — דערביי האָט גאַבריעלס האַנט אָנגערירט דאָס קלייד לעבן האַלדז. גערטרוד האָט אויפגעציטערט.

זינא איז אָנגעקומען.

— אָ, פריילין פרענקל! — האָט גאַבריעל זיך אָנגערופן, לויז־לאַזנ־דיק גערטרודן און אַרויפלייגנדיק זיין האַנט אַף זינאָס אַקסל — פאַר־

וואָס ווייסט אייער פריינדין אַזוי ווייניק?... דאָס איז אויך אייער שולד. דעם אמת, וואָס מען ווייסט, דאַרף מען אויך אַנדערע לערנען.

זינא האָט אים אויף דעם גאָרניט געענטפערט, זייענדיק רויט און פאַרפּלאָמט פונם שניי. זי איז נאָר שמייכלענדיק נאָך רויטער געוואָרן און גערן געפילט זיין האַנט אויף איר אַקסל.

גערטרוד האָט זיך אַרויסגעדרייט און איז אַריין צו זיך אין צימער און האָט זיך פאַרשלאָסן. פאַרן אַרויסגיין האָט מען געקלאַפּט צו איר אין טיר. זי אָבער האָט געענטפערט, אַז מען קאָן צו איר ניט אַריינקומען און האָט יעדן געוואונטשן אַ גוטע נאַכט דורך דער טיר.

נאָכדעם איז גערטרוד איינע־אַליין אַ לאַנגע צייט געשטאַנען, געקוקט אויף דעם דרויסן. גרוים איז דער דרויסן און איז פאַרשפּרייט מיט אַזויפיל דעכער. אויסגעמאָסטענע, צוגעשניטענע, גרויסע פיר־עקיקע שניי־פּלאַכן. נידעריקערע, העכערע און גאָר הויכע — וואַקסן איינע לעבן די אַנדערע, הויבן זיך צאַקיק און שטעלן זיך אַזוי ריטמיש אויס איבער דער פאַנאַנ־ ־ערגעוואָרפענער גרויסער שטאָט. אָט־דער גאַנצער דרויסן הויבט זיך אַרויף און אַראָפּ מיט אַלץ נידעריקערע און אַלץ העכערע דעכער. די שטאָט בליט איצט אַזוי גרוים און אַזוי גרינג. שווערע מויערן, שווערע פירעקיקע גרויסן, טראָגן אַזוי שטיל און גערן פרישן שניי צום הימל, און צווישן אָט־די אַלע נידעריקערע און גרויסע גרויסן שטייט זי, גער־ טרוד, ווי אַ טויב אין דעם שפּאַלט פון אַ פעלז, און הויבט זיך און וואַקסט מיט די מויערן. דער הימל איז ווי אַ בלוי־פאַרשטערנטע היטל איבער דער שטאָט און איבער גערטרודן. זי איז איינגעשלאָסן אין דער שטאָט, וואו זי איז געבוירן, ווי אין אַ קאָלאָסאַלער וואַזע אַזאַ, און וואַקסט און בליט און אָטעמט אין דער וואַזע מיט הימל — ווי אָטעם פאַר די לונגען, מיט שטערן — ווי ליכט פאַר די אויגן. די מויערן הויבן זיך אַרויף און אַראָפּ ווי טרעפּ אויף אַלע זייטן — כאַטש נעם און לאָז זיך שפּרינגען איבער זיי. און דאָ און דאָרט — אַרויסגעשטעקטע, אַרויס־ געוואַקסענע מויערן, ווי גרויסע דערוואַקסענע ברידער. גאַנץ און שטאַרק זיינען אָט־די מויערן, נאָר די מענטשן און די „ראָשענס" זיינען עפּעס אַלע אַזוינע מאָדנע. די מויערן מיט זייערע ווייס־געבעטע, ווייס־פאַרצווי־ גענע דעכער אַן אַ שיר, חברן זיך אַזוי צופרידן מיט דעם איינציק גרויסן, בלייכן הימל איבער זיי, טראָגן אים אַנטקעגן ווי מתנות זייער

פריש־געוווייסטן שניי. און אַט־די „ראַשענס״ האָבן אַזויפיל אמתן — אמתן וועגן סאָציאַליזם, אמתן וועגן זייערע גרויסע העלדישקייטן, אמת וועגן אַ ווייסן פויגל, אמת אַז איך בין אַ דומקאָפּ. און דאָרט נידעריק, כּיף איינגעגראָבן צווישן די פיל־דאַכיקע הויכע מויערן ליגט דער גרויסער פּאַרק, און נאָך אַזוינע פּאַרקן און פּאַרקלאַך זיינען דאָ איבער דער פיל־דאַכיקער, פיל־מויערדיקער גרויסער שטאָט. זיי ליגן איצט אַלע ווי ווייסע אמתן איבער דער שטאָט, און אַט־דער שליטן־פּלאַץ אין אונזער פּאַרק איז אמת, אמת. ער איז אַזוי אויפגעשויבערט ווייס, און עס איז אַזוי גוט צו פליען איבער אים.

זי קוקט, קוקט אַזוי פאַר זיך און טראַכט: „מענטשן״, „ראַשענס״. „שינים״, — איר וואָלט זיך וועלן אַוועק פון זיי, איר וואָלט זיך וועלן זיין מיט זיי. און אַט. —

דער גאַנצער שליטן־פּלאַץ מיט זיינע בערג, מיט זיינע שליטלער האָט זיך מיטאַמאָל אַזוי ווי אַ הויב געטאָן פון דער ערד און האָט זיך גענומען טראָגן צום הימל, ווי אַ גרויסער, ווייסער וואונדער, ווי אַ פויגל, ווי אַ ווייסער פויגל... און זי אינאיינעם מיט אים.

האָט גערטרוד אַ ציטער געטאָן פון פרייד, האָט אַ שמייכל געטאָן און איז אַוועק פון פענצטער.

קאַפּיטל אַכצן

גאַבריעלן, בראַוועראַמאַנען און זינאַן איז אויסגעקומען צו פאָרן אַהיים מיט איין „טריין”. פאַר דער סטאַנציע „טי” האָט זינא זיך אָנגערופן צו בראַוועראַמאַנען:

— די נעקסטע סטאַנציע איז אייערע.

— ניין — האָט זיך בראַוועראַמאַן אָנגערופן — איך וועל פריער אייך באַגלייטן צו אייער היים.

— נו, נאַרישקייטן! וואָס פאַר אַ קאָנווענציאָנאַליטעטן! איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב דאָס פיינט.

— מאָדנע... עס איז דאָך שוין שפּעט.

— נישקשה, קיינער וועט מיך אָפּן וועג ניט אויפעסן. אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, הער סטודענט — האָט צו אים אויך גאַבריעל געזאָגט, אים דערלאַנגענדיק זיין האַנט.

בראַוועראַמאַן האָט זיך ניט געקאָנט העלפן און איז אַרויס פון באַן.

גאַבריעל האָט צופרידן געשמייכלט און געלויבט זינאַן:

— אָך, יאָ, פריילין פרענקל, יאָ. איר וועט זיין דער מאָדעל פון אַ פרוי, פון איין מאָדערנער פרוי. דאָס פרייט מיך. מיין בלוט און מיין האַרץ פרייען זיך. און דאָנער וועטער, וואָס איז דען מיט דער פאַניא און מיט דעם פאָול? וואָס האָבן זיי דאָס די געדטרוד אַזוי ערצויגן? וואָס האָבן זיי דאָס פון זייער הויז איין מאָנאַסטיר געמאַכט?

— זיי זיינען אין דעם גאָרניט שולדיק — האָט זיך זינא געפּרואווט פאַרענטפערן די פיינמאַנס. גאַבריעל אָבער האָט איר איבערגעשלאָגן:

— דער פאָול איז איין גרויסער אייזל. ווען זי וואָלט מיין טאָכטער געווען, וואָלט איך געוועזן דער ערשטער זי קלוג צו מאַכן. יאָ, איך וואָלט ניט געלאָזט, אַז מיין טאָכטער זאָל ביז די יאָרן אַרומגיין ווי אַ נאַר... אָך, יאָ, יאָ. ווען זי וואָלט מיין טאָכטער געווען. דער פאָול איז איין אייזל.

ער איז דאָס אויך שטענדיק געווען. יאָ, יאָ. איך גייט דאָך מיט מיר אַרויף אין מיין האָטעל, פריילין פרענקל? איך זענט אַ יונגע און בלו־טיקע פרוי און איך האָב אייך ליב, יאָ.

זינא האָט אים אַף דעם גאָרניט געענטפערט, זי איז בלויז רויט געוואָרן. נאָר ווען די באַן האָט זיך ביי דער נעקסטער סטאַנציע אָפּגע־שטעלט און גאַבריעל האָט זי גענומען אונטערן האַנט, האָט זי זיך מיט אים אויפגעהויבן און איז מיט אים מיטגעגאַנגען.

קאַפּיטל ניינצן

ליזא פרענקל האָט זיך אינמיטן דער נאַכט אומגעקוקט, אַז זי ליגט מיט אָפענע אויגן.

ס'איז פינצטער, זי דערהערט פרענקלס אָטעמען, דערפילט דאָס בעט אונטער זיך און וואונדערט זיך: עס איז, דאַכט זיך, קיין זאַך ניט פאָרגעקומען, טאָ פאַרוואָס־זשע זיינען אירע אויגן עפּעס אזוי מאָדנע צעעפנט?... און ווי לאַנג זיינען דאָס אירע אויגן אזוי צעעפנט? און זי ווייסט אפילו ניט ווי לאַנג. קנייטשט זי אזוי אויף מיט אירע אָנגעוואָריטע, פולע אָקסלען און דערמאָנט זיך דערביי, אַז זי טראַכט פון זינאן. און זי דערמאָנט זיך, אַז זי דאַרף אַראָפּגיין און געוואָר ווערן צי זינא איז שוין אינדערהיים. און זי דערמאָנט זיך, אַז זינא איז שוין זיכער אינדערהיים, ווייל עס איז שוין, ווייזט אויס, זייער שפּעט אינדערנאַכט...

אָבער ליזא איז פאָרט אַראָפּ פון בעט און איז אריין צו דער טאָכטער אין צימער און דאָרט מיט שרעק אויסגעפונען, אַז זינא איז נאָך ניט געקומען אהיים...

און ליזא האָט זיך מיטאַמאָל דערשראָקן פאַר צוויי זאַכן: פאַר דעם, וואָס ווער ווייסט וואו זינא איז איצט, און אויך פאַר דעם, וואָס זי טראַכט און זאָרגט זיך, דאַכט זיך, וועגן זינאן ווי אַ אידענע, ניט ווי אַ מאָדערנע פרוי... זינא איז דאָך שוין אַ דערוואַקסענע, אַן אַנטוויקלטע... פון דעם אָבער איז ליזא נאָך מער נערוועז געוואָרן. זי האָט שיר ניט אויסגעשריען פון שרעק. האָט זי אָנגעצונדן פייער און זיך גענומען רויכערן. דאָס רויכערן האָט זי געקרעפטיקט און האָט זי פאַרזיכערט, אַז זי איז ניט קיין אַבי־וואָסער פרוי, און זי האָט אפילו גענומען שמייכלען: האָ־האָ־האָ, ווער ווייסט וואָסער אַ ברען זינא וואַקסט. געוויס ניט אַזאַ אַסקעטקע ווי איר פאָטער... נו, איז וואָס? גוט אזוי. זאָל זי הנאה האָבן פון לעבן. זאָל זי הוליען.

— און אפשר איז זי גאָר געבליבן ביי די פיינמאַנס אף נאַכט? זי האָט דאָך אָבער צוגעזאָגט צו קומען אהיים... און אפשר פאַרברענגט זי מיט בראַווערמאַנען?... און דערביי האָט זי זיך אַזוי ווי אף עפּעס געכאַפּט און האָט זיך צעשמייכלט... ניין. ס'איז ניט קיין אייפערזוכט, נאָר עפּעס קוקט איר בראַווערמאַן אויס ווי א אינגל אַנטקעגן איר זינאַן. זינא איז דאָך אַזאַ אַנטוויקלטע, אַזאַ פאַרשטענדיקע, און ער... אָבער דאָס, וואָס ער איז פאַרליבט אין מיר, איז דווקא שיין... מאָדנע ווי איך טראַכט: אין דער מאַמען — דווקא שיין, און אין דער טאָכטער — אינגלש...

וועגן זיך אַליין האָט אָבער ליזא לאַנג ניט געקאָנט טראַכטן. עפּעס האָט זי געפילט ווי א גערדיכטע שוואַרצע מאַסע נעמט זיך שפּרייטן איבער איר, און אין איר... וואָס איז דאָס? שרעק?... שרעק!... אפשר האָט זיך זינא דאָרט אפן שניי אויסגעבראָכן א האַנט, א פוס?... ניין, ניט דאָס!... ניט דאָס! נאָר וואָס דען?!... עט נאַרישקייטן! —האָט זי כיטאָמאָל אויסגעערעדט אינדערהויך און זי האָט זיך מיט קוראַזש אויפגעהויבן, האָט אַוועקגעלייגט אין אַש־טעלער דאָס רויכערדיקע שטיקל ציגאַרעט און האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט.

באַלד אָבער האָט זיך דערהערט א קלאַפּ פון דער מיט־אייזן־באַדעקטער גלעזערנער דרויסן־טיר. אימיצער איז אַריין און זיך גענומען גיין אף די טרעפּ. ליזא פרענקל איז, דאַכט זיך, געווען זיכער, אַז דאָס איז ניט איר טאָכטערס טריט, פונדעסטוועגן האָט זי זיך געשפּאַנט צוגעהערט צו יעדן טראָט און ווען די טריט זיינען צוגעקומען ביז צו איר וואוינונג, איז זי אַזש פאַרציטערט געוואָרן. — — — די טריט אָבער האָבן זיך גענומען הויבן אַלץ העכער און העכער, און דאָס האָט ליזאַן גענומען הויבן ווי פון בעט אַרויס, כאָטש זי האָט דאָך פריער געוואוסט, אַז דאָס איז ניט זינא...

און ווידער האָט זי דערפילט ווי א גערדיכטע שוואַרצע מאַסע גיסט זיך איבער איר און זי האָט זיך ווידער געפרעגט: וואָס איז דאָס? שרעק?... אָבער איז דאָס דען דאָס ערשטע מאָל, ווען זינא קומט אהיים שפּעט?... טאָ פאַרוואָס־זשע גראָד איצט?... מיט וואָס איז היינט ערגער ווי אַלע אַנדערע מאָל?!... „היינט איז ערגער ווי אַלעמאָל, ווייל...” האָט זיך אין איר עקשנות'דיק גענומען הויבן דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט מיט געוואַלט צוריקהאַלטן, און כדי עס זאָל טאַקע אויך איצט ניט אַרויס

קלאָר, האָט זי זיך איבערגעריסן דעם געדאַנק מיט: „אָ, דער גוטער יאָר וועט זי ניט נעמען. קיינער וועט זי ניט אויפעסן! וואָסער אַ באָבע איך בין עס נאָכאַלעמען!" און זי האָט זיך אויפגעהויבן און האָט ווידער פאַררויכערט אַ סיגאַרעטל, זיך דערמאָנט ווי זי איז געלעגן אין גאַב־ריעלס אָרעם, ווי ער האָט געקושט איר האַנט מיט זיינע פולע, גרויע ליפּן, ווי זי האָט צו אים געזאָגט: „אָבער זעט, אַז איר זאָלט אַף איר גוט אויפּ־פּאַסן", און ווי ער האָט אַף דעם מאָדנע געענטפערט: „נו, יאָ, נו, יאָ. אַז איר וועט נאָר ניט שטערן..." דאָס בלוט קילט־אויף, דאָס בלוט קילט־אויף! ווי אימיצער לייגט אַרויף אַ קאַלטע האַנט אַף איר קאָפּ און נעמט זי אָן פאַר די האָר...

מיטן ווייסן טאָג איז זינאַ געקומען אַהיים אַ מידע, אַן אויסגע־מאַטערטע און אַ שמייכלענדיקע.

ווי נאָר די מיסעס פרענקל האָט דערהערט, ווי אימיצער לייגט אַריין דעם שליסל אין טיר, איז זי גלייך אויפגעשפּרונגען פון איר בעט, געעפנט די טיר און מיט שרעק דערזען פאַר זיך זינאַן און כמעט ווי אָן אָטעם ביי איר געפרעגט:

— וואו ביסטו געווען?!

— פאַרוואָס פרעגסטו, מאַמאַ? — האָט זינאַ איבערגעפרעגט מיד און מאָדנע צופרידן שמייכלענדיק.

— וואו ביסטו געווען די גאַנצע נאַכט?! — האָט מיסעס פרענקל מיטאַמאָל אויסגעשריען צו איר טאָכטער גאַרניט ווי אַ פאַרגעשריטענע פרוי.

— מיט גאַבריעלן, מאַמאַ, אין האָטעל ביי אים — האָט זינאַ גע־ענטפערט.

די מאַמע איז פּלוצלונג אויפגעגליווערט געוואָרן, איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען און געקוקט אַף איר טאָכטער מיט אַ טעמפּן שרעק. נאָכדעם האָט זי מיטאַמאָל צוגעטראָגן אירע פינגער צום מויל, האָט זיך איינגע־ביסן אין זיי און אַ וויינענדיקע, ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה, אַרויסגעשריען:

— זינאַ! אוי־אוי־אוי — — ! — — — —

דער געוויין איז באַלד געוואָרן אַזאַ, אַז פרענקל האָט זיך אויפגע־כאַפּט און ווען ער איז געוואָר געוואָרן פון דער סיבה איז אים אויך אַ

שרעק אַריבער איבערן לײַב. נאָר פֿונדעסטװעגן האָט ער פֿונאַנהױב גע־נומען פֿילאָזאָפֿירן, אַז עס איז זײַער ניט שײן פֿאַר אַ פֿאָרגעשריטענעם מענטשן צו מאַכן אַ סצענע װעגן אַזאַ זאַך, נאָר װען די טאָכטער איז אַװעק צו זיך אין צימער און ער איז אין זײַן מאָרגן־כאַלאַט געבליבן זיצן בײַם טיש אײנער־אַלײן, האָט ער אַראָפּגעלאָזן זײַן קאָפּ אױף די הענט, גע־טראַכט שװער און לאַנג ניט װיסנדיק פֿון װאָס.

דער געדאַנק האָט זיך געעגבערט, זיך דערטראַכט, געמאַנט און דערמאָנט — װען איז דאָס געװען, אַט־דער שרעק, אַט דאָס בײזע געפֿיל? עס איז שױן געװען, געװען. מיטאַמאָל איז פֿרענקל אױפֿגעשפּרונגען מיט אַ שרעקלאַד־װילדן, כמעט משוגענעם בליק אין זײַנע אױגן: „װאָס איז דאָס? ! װאָס איז דאָס? !"

— — — אין דעם פֿרימאָרגנדיקן ליכט — עפּעס אַ מאָדנע לאַבנ־דיקע אידענע, װאָס זעט־אױס װי זײַן שױן־לאַנג פֿאַרשטאָרבענע מאַמע, און דידאָזיקע מאָדנע לאַבנדיקע פֿרױ גײט אַזױ מאָדנע צו צו אים: „קינד!" און װערט נאָכדעם פּלוצלונג װילד און שרײַט אױס שרעקלאַך שאַרף: װאָס, דו ביסט אַ טאַטע? און פֿונדעסטװעגן רעדסטו צו מיר װי אַ משוגענער און װילסט מיר גאָרניט העלפֿן? ! דאַן זאָלסטו האָבן אַ װיסטן, פֿינצטערן סוף פֿון דײַן טאָכטער װי איך האָב פֿון מײַנער!...

פֿרענקל האָט זיך דערמאָנט, זיך דערמאָנט און זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן, און זיך פֿאַנאַנדערגעװײנט אױף אַ הױך און הילכיק קול. ליזאַ איז אַרײַנגעלאָפֿן. ער איז געבליבן שטײן, זי אָנגעקוקט, דערזען װי אױסגעמאַטערט זי איז. האָט ער זי אַרומגענומען, אַ זאַך, װאָס ער האָט שױן אַזױפֿיל יאָרן ניט געטאָן, און זיך גראָד דערפֿאַר, אַזױװױ פֿונדאַסנײַ, פֿאַנאַנדערגעװײנט װי אַ באַלײדיקטער, װי אַ געשלאָגענער.

— מיר זײַנען אַזױנע שװאַכע, אַזױנע אומבאַהאָלפֿענע, אַזױנע אומ־באַהאָלפֿענע, אַזױנע...

III

ראָס האַרץ

קאַפּיטל צוואַנציק

געבענטשט זאָל זיין דער ווינטער, ער גיט מענטשן צו אַזוי פיל רו און ריינקייט — זאָל ער זיין געבענטשט!

עס האָט דער ווינטער אַזוי פיל שיינע טעג, ער שפּרייט פאַנאַנאַ־ער אַזוי פיל ווייס־גאָלדיקע מאָרגנס איבערן ווייסן שניי און ראַשן ווינטער־ווינט, אַז מענטשן דערפילן זיך געקושטע, אַרומגענומענע, געקרעפּטיקטע. די נאָזלעכער דערפילן אַ שאַרף קרעפּטנדיקן וואויל גערוך. די ביינער, די ציין דערפילן אַ טעם פון עפּעס, וואָס איז גוט און זיס צום גומען און פאַר די אויגן איז אַזאַ אומענדלאַכע גרויס פון ליכט און שניי און פרייד ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך מיטאַמאָל אַן איבערגעכישופטע אַ הויב געטאָן צום שוועבן.

ווער האָט אַזוי פיל גליק דער וועלט געשיינקט?!

וועלט! דו ביסט דאָך איצט אַ גרויסער ווייסער פויגל מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע פליגלען, און טראָגסט אונז אַף דיין רוקן ווי עס טראָגט אַן אָדלער זיינע יונגע.

בערמאַן האָט זיך דעם מאָרגן אויפגעכאַפּט פון שלאָף פריער ווי אַלע מאָל. דער ווינט און דער ווינטער־מאָרגן האָבן זיך עפּעס ווי געראַנגלט מיט דעם פענצטער פון זיין צימער... דעם מאָרגן האָט דאָס פענצטער יאָ געוואָלט אַריינלאָזן און דעם ווינט — ניט. דאָך האָט זיך אין צימער געפילט אַ פרישער ווינט־אָטעם און דאָס, אינאיינעם מיט דער געטרייער באַרעדעוודיקייט פון דעם איינציקן לויזן פענצטער, האָט אים אויפגעוועקט. אַ ווײַלע איז ער געלעגן ווי אַ צעטומלטער — אים האָט זיך געוואָלט צוריקכאַפּן דעם חלום, וואָס איז מיטאַמאָל איבערגעריסן געוואָרן. וואָס איז דאָס געווען? — אַ גוט באַדייטנדיקער צי אַ שלעכט באַדייטנדיקער חלום?... אַ?... אָט... — נאַכט, אַ גרויס און ברייט וואַסער. אַ לבנה שווימט איבערן וואַסער... און אָט איז אַ גאַנדז... אַ ווייסע

גאַנדז מיט אַ ראָזלאָד־רױטן שנאָבל... די גאַנדז שװימט און שװימט...
אָט איז זי שױן אַריבער די לבנה װאָס אין װאַסער... זי שװימט צום ברעג
װאו ער שטײט, און קומט אַזױ צו ביז צו אים און זי בלײַבט אַ
שװימענדיקע שטײן פֿאַר אים. געפּעלט דאָס אים זײער און ער שטרעקט
אױס זײַן האַנט און גלעט איר װײַסן קאָפּ... און — — ער כאַפּט זיך אױף.
און װי נאָר בערמאַן האָט פֿאַר זיך װידער דערזען דעם חלום האָט ער
בײַ זיך גלײַך באַלשאָסן, אַז דאָס איז אַ גוט־באַדײַטנדיקער חלום. איבער־
הױפּט איז אים געפּעלן דאָס, װאָס ער געדענקט אים אַזױ קלאָר, און אַ
צופֿרידענער האָט ער פֿון זיך מיטאַמאָל אָראָפּגעשלײַדערט דעם צודעק.
זײַן צעװאַרימט לײַב האָט זיך אױף זיך גלײַך דערפֿילט די קרעפּטנדיקע קאַלט־
קײט פֿונם צימער. אױך דאָס איז אים געפּעלן געװאָרן. ער איז פֿון דעם
גלײַך געװאָרן פֿלינק און רירעװדיק און האָט זיך אױף גיך אָנגעטאָן. אײַנ־
געװאַשן און איז אַרױס אין גאַס.
אױפֿן װעג איז ער אַרײַן אין אַ רעסטאָראַן, האָט דאָרט אױף גיך
איבערגעביסן. דאָס פֿרישע פּוטער־געבעקס און די הײסע קאַװע האָבן אים
געשמעקט אַזױ גוט און באַטעמט, אַז ער האָט דערפֿילט װי דאָס לײַב
פֿילט זיך אין אים אָן מיט גוטסקײט. נאָכדעם איז ער װידער אַרױס אין
גאַס אַ נאָך שטאַרקערער און רירעװדיקערער און מיט אַ באַזונדער מאָדנעם
פֿאַרלאַנג אין די פֿיס: צו גײן און גײן...
ער האָט זיך אומגעקוקט אױפֿן זײגער און האָט בײַ זיך אָפּגעמאַכט,
אַז ער האָט נאָך אַ גוטע געלעגנהײט צו באַגעגענען די מיס פֿעלדמאַן און
ער האָט טאַקע גלײַך פֿאַרנומען זײַנע געדאַנקען, זײַנע אָנגעצױגענע שטאַר־
קע פֿיס און זײַן לײַב און איז אַװעק צו דער ענער גאַס. ער מוז זי זען.
הײַנט אָװנט איז דער מאַס־מיטינג. מיטיק־צײַט װעלן זײַן צװײ גאַסן־
מיטינגען און פֿאַרנאַכט צװײ, אָדער, אױב עס װעט זיך אײַנגעבן, איז —
דרײַ אָדער גאָר פֿיר. און אַזױ װי אַ גליקלאָכער חתן איז ער איצט נעגאַנ־
גען אַנטקעגן דעם טאָג. און װי אַ ליכטיקע כלה איז דער טאָג געקומען
אַנטקעגן אים מיט אױפֿגעלױכטענע גאַסן, מיט מענטשן, מיט פֿענצטער,
מיט הימל און ליכט.
און אָט איז ענער גאַס. ער קוקט זיך אום אױפֿן זײגער, ער קוקט
זיך אום אַרױף, אױף די היט פֿון דער אומענדלאָכער לאַנגער מענטשן־מחנה,
װאָס ציט זיך איבער דער גאַס װי אַ גרױסע קײט װאָס װערט פֿון אימיצן

געשלעפּט און געשליידערט. און אָט דערזעט ער צווישן די היט אַ באַוועג־לאַכן בלויען פּאַס. דער פּאַס פאַרשווינדט, און אָט איז ער ווידער... יאָ. דאָס איז דאָך דער פּאַס פון איר הוט... מאָדנע, ער האָט גאָר ביז איצט ניט געטראַכט, אַז זי האָט אַ בלויען פּאַס אין איר הוט... און איצט זיך גלייך דערמאָנט און געפונען... יאָ, דאָס איז דאָך טאַקע זי. ער גייט איר אַנטקעגן.

— אַ גוטער מאָרגן, אַ גוטער מאָרגן! — שרייט ער צו איר אויס אַ צופרידענער און גיט איר די האַנט און קוקט אַף איר אַ צופרידענער, אַ פאַרשעמטער און קוקט אַף איר אַזוי, אַז זי דערפילט אַף זיך איר לייב און ווערט רויט און זי שמייכלט:

— וואָס איז דער מער מיט אייך היינטיקן מאָרגן?

— איך בין שיכור. — ענטפערט ער.

— וואָס, איר טרינקט דען?

— ניין, איך טרינק ניט. איך זויף.

— טאַקע! — שרייט זי אויס און קוקט זיך אַף אים אום, ווי מיט שרעק.

— טאַקע, טאַקע. — ענטפערט ער און קוקט אַף איר ווי אַ פאַר־שעמטער, ווי אַ באַזויפענער... און ער זאָגט:

— מיר זעט דאָך איצט די פאַרשנייטע ערד אויס ווי אַ גרויסער ווייַ־סער־פויגל מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע פליגלען.

—דאָס איז גאַנץ שיין. — זאָגט זי אָפּ ניט קוקנדיק אַף אים.

— זיכער איז דאָס שיין! — ענטפערט ער. — וויפיל שיינקייט און גוטסקייט עס איז דאָ אין דער ערד. זי טראָגט דאָך אונז אַף איר רוקן, ווי עס טראָגט אַן אָדלער זיינע קינדער.

— דאָס איז גאַנץ פּאָעטיש... — ענטפערט די מיס פעלדמאַן. — נו, און וואָס הערט זיך מיט די היינטיקע מיטינגס?

— גוט! — ענטפערט ער.

— איר האָט דאָך געזאָגט, אַז איר וועט קריגן נאָך אַ רעדנער צום מאַס־מיטינג.

— האָב איך געקראָגן.

— וועמען? — פרעגט זי.

— אַ זייער וואוילן יונג. אַ סטודענט. בראַווערמאַן. אפשר האָט

איך געהערט פון אים.

— בראַוווערמאַן? אַ קליינער אַזאַ, מיט שוואַרצע וואָנסן?

— יאָ... פון וואַנען קאָנט איר אים? — פרעגט ער.

— ער איז דאָך אויך איינער פון די „עם-עולם" גרופּעס. פון דער „באַלטער" דאַכט זיך געווען. טשאַרלי ווייסמאַן האָט מיר אים איינמאָל געזאָגט, נאָר ניט גוט באַשריבן — האָט זי געזאָגט זיך פאַרטראַכטנדיק און צוגעגעבן:

— מען זאָגט, אַז ער איז זייער אַן איבערגעגעבענער סאָציאַליסט.

פאַר די אַנטרינענע „עם-עולמניקעס" איז אין יענע יאָרן געווען שווער צו רעדן פון „עם-עולם". און זיי האָבן זיך דערפאַר גלייך אָפּגעהאַקט. בערמאַנען האָט זיך אָבער נאָך אַלץ געוואָלט אָנהאַלטן די גוטע, שטי־פערישע שטימונג, האָט ער זיך אָנגערופן:

— אָט-דעם טשאַרלי קאָנט איר אויך?...

יאָ. — האָט זי געענטפערט און דערביי אַף אים אַ קוק געטאָן אַזוי ווי אַ פּאַווע ווען זי שטעלט אויף איר פילפאַרביקן עק...

— אָ, איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז איר שטודירט דאָך אויך.

— נו איז וואָס?... — פרעגט זי.

— איך מיין, איר גייט מן הסתם מיט דעם טשאַרלי אין איין נאַכט־שול?

— שור. — זאָגט זי אָפּ אין ענגליש. —

— איז קאָן דאָך זיין, אַז איר וועט מיט דער צייט ווערן אַ דאָקטאָר.

— נו, איז וואָס? — פרעגט זי אַלץ ווי זיך מיט עפּעס פּוצנדיק.

— דאַרף מען, הייסט דאָס, שוין באַצייטנס נעמען בעטן גאָט, אַז אייער האַרץ זאָל זיין גוט צו אידן...

ווערט זי רויטלאַך און צעלאַכט זיך און זאָגט:

—אַזוי גאָר!...

— ניין, ניין. — זאָגט ער לאַכנדיק. — איר דאַרפט זיך ניט נעמען צום האַרצן. עס קאָן דאָך זיין, אַז איר זאָלט זיין אַ גאָר גרויסמוטיקע, איר וועט זיין גוט צום אָ ר ע מ ע ן אַרבעטער, וועט אפשר אַמאָל נאָך קומען צו זיינעם אַ מיטינג און מן הסתם ווערן אַ מעמבער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אַ?...

— איר לאַכט צי איר זענט ערנסט? — פרעגט זי ביי אים.

— נו, נו, לאָמיר ניט זיין ערנסט. עס איז אַן עבירה די ערב־מיטינג־דיקע שטימונג און דער גוטער טעם, וואָס איך פיל איצט אין מויל און כמעט אין אַלע מיינע ביינער.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ טעם? — פרעגט זי פאַרוואונדערט און צו־פרידן.

—עפּעס איז דאָך אין דער היינטיקער מאָרגן־לופט דאָ אַזוינס, וואָס רייצט די נאָזלעכער. איך בייס, דאַכט זיך, אַלץ שטיקער לופט און שלינג זיי אַראָפּ ווי פרישע פלעצל מיט פּוטער.

— גייט, איר זענט אַ ווילדער מענטש.

בערמאַן נעמט זי אונטערן האַנט, דערפילט איר אָרעם און אינ־איינעם מיט דעם אַ פרישע וואַרימקייט. אים דאַכט זיך, אַז זי האָט זיך ווי אַ ציי געטאָן פון זיין באַרירונג. און ער זאָגט צו איר:

— גיט נאָר אַ קוק אויף די מענטשן־כוואַליעס. פריער האָב איך גע־קוקט פאַר זיך און האָב צווישן די קעפּ דערזען אַ הוט מיט אַ בלויען פּאַס... מיטאַמאָל איז דער הוט פאַרשוואונדן און האָט זיך באַלד ווידער באַוויזן צווישן די כוואַליעדיקע קעפּ. אַלע זיינען פאַר מיר מיטאַמאָל געוואָרן ווי איין כוואַליעדיקע מאַסע, ווי אַ צונויפגעגאָסענע קראַפט וואָס קאָן אָפּשטעלן די וועלט. און ס'איז עפּעס אַזוי גוט צו קוקן אויף דעם גרויסן כח. אַ? אַ יאָ?... און דאָס וואָס אונז האָט זיך איינגעגעבן צו פאַר־אייניקן מיט די הוט־פּיצעריננס איז דאָך גוט. ניט? איך מיין אויסער דעם, וואָס די צווי צוויי צווייגן פון איין פאַך דאַרפן איבערהויפּט אַרבעטן אינ־איינעם, איז נאָך דער פאַקט, וואָס אונזער צווייג באַשטייט מערסטנס פון מענער און זייערער בלויז פון פרויען, זייער אַ גוטער.

— פאַרוואָס? — פרעגט זי לאַכנדיק.

און ער ענטפערט:

— גאָר פּשוט. דאָס גיט צו פאַרב. פאַרב איז בלוט.

די מיס פעלדמאַן האָט זיך מיטאַמאָל פאַררויטלט און געפרעגט:

— וואָס מיינט איר?

בערמאַן קוקט זיך אויף איר אום אַ שמייכלדיקער און זאָגט:

— צו וואָס לייקענען? איך האָב פון אָנפאַנג זיך אַביסל געשראָקן פאַר דער פאַראייניקונג. איצט אָבער געפעלט דאָס מיר גראָד. מיר דאַכט, אַז דאָס וועט אַריינברענגען אַטעם און פרישקייט.

— עס איז צום לאַכן... — האָט זי זיך אָנגערופן.

—נו, נו, לאָמיר זיך ניט קריגן אין אַזאַ טאָג. און דערצו פֿיל איך זיך כמעט זיכער אין דעם דערפֿאָלג פֿון דעם היינטיקן מאַס־מיטינג. עפּעס דאַכט זיך מיר אַלץ, אַז איך זע ווייסע פֿליגלען שוועבן פֿאַר מיינע אויגן. און דערצו נאָך האָט זיך מיר אַזאַ שיינער חלום געחלומט היינטיקע נאַכט, אַז נאָך איצט זע איך די ווייסע גאַנדזן.

— וואָסער גאַנדזן! ? — פֿרעגט זי.

און ער ענטפֿערט לאַכנדיק:

— אַ ווייסע גאַנדז. זי שווימט פֿאַרביי דער לבנה וואָס אין וואַסער. קומט ביז צו מיר און איך גלעט איר ווייסן קאָפּ.

זי קוקט זיך אום אויף אים, צעשמייכלט זיך און זאָגט:

— איך חלומט צופֿיל...

און ער ענטפֿערט:

— יאָ. איבערהויפּט רעד איך היינטיקן פֿרימאָרגן צופֿיל.

זי שווייגט.

— נו, גענוג — זאָגט ער אָפּ, ווי אָפּהאַקנדיק. און ער הויבט גלייך אָן מיט אַן אַנדער טאָן:

— אַלזאָ, איך גלויב, אַז איר געדענקט דאָך: אויף „בי" און ענער גאַס וועט איר פּונקט צוועלף בייטאָג, טרעפֿן אַ וואָגן מיט גרויסע שילדן. איר וועט פֿון דעם וואָגן עפֿענען דעם מיטינג. איך וועל פּונקט אין דער צייט עפֿענען דעם מיטינג אויף דער וועער גאַס. ווי נאָר איך וועל פֿאַר־טיק ווערן מיט מיין רעדע, וועל איך פֿאָרשטעלן אַן אַנדער רעדנער, און איך וועל גלייך אַוועק צו אייך און איר וועט קומען אַהער.

— און ווי וועט זיין מיט די פֿאַרנאַכטיקע „אָפּען עיר" מיטינגס?

— פֿאַרנאַכט וועלן מיר מאַכן דעם אייגענעם בייט.

— אָבער פֿאַרנאַכט האָט איר דאָך דריי.

— אָבער אויף דער וועער גאַס האָט איר דאָך אָפּגעמאַכט מיט צוויי מיידלאַך און בעניז, און פֿרידבערגן וועל איך אויך אַהין צושיקן.

— ס'וואָלט אפשר געווען בעסער, אַז איר אַליין זאָלט דאָרט זיין.

— נו, דאָס איז שוין צו שפּעט, און דערצו קאָן מען זיך אויף פֿריד־בערגן זייער גוט פֿאַרלאָזן. אגב, נאָט אייך דאָ נאָך אַביסל טיקעטס פֿאַר דער בולאַק־אונטערנעמונג. איר האָט דאָך שוין יענע פֿאַרקויפֿט.

— ווי, עס איז דאָך שוין באַלד קיין צייט ניט געבליבן צו פאַר־קויפן.

— נו, פאַרקויפט וויפיל איר קאָנט. די איבעריקע וועלן מיר אומ־קערן, און איר ווייסט? — בלייבט ער שטיין — איך האָב אייך געוואָלט זאָגן, אָבער עס קאָן דאָך זייער זיין, אַז פרענקל אַליין זאָל אויך קומען צו אַדרעסירן דעם מיטינג.

— טאַקע? דאָס וואָלט געווען ניט שלעכט.

— נו, אוודאי, עפּעס אַ קלייניקייט, פרענקל. — האָט זיך בערמאַן אָנגערופן. אין דעם אויסרוף איז, דאַכט זיך, געווען אַ פאַרלאַנג באַ־טאָנען אַן איבעריקן מאָל די וויכטיקייט פון פרענקלען, נאָר ארויסגע־קומען איז דאָס אזוי, אַז בערמאַן האָט דערפילט אַ שעמעוודיקע וואַרעמ־קייט ארום זיינע אויגן.

— וואָס, איר האַלט ניט פון פרענקלען, — האָט אים די מיס בעלדמאַן איבערגעפרעגט, און דערביי אזוי אים און זיך אַליין ווי גע־כאַפּט ביי עפּעס.

— ניין — האָט בערמאַן אָפּגעענטפערט, זיך דערפילט אַ געכאַפּטער און טאַקע גאָר אָפן און שולדיק לאַכנדיק צוגעגעבן:

— איך האַלט גראָד פון אים זייער שטאַרק. נאָר ער האָט מיר עפּעס אַלץ ליב צו זאָגן, אַז איך דערמאָן אים אַן אים... און איך האָב שוין אפילו געהערט אַנדערע זאָגן, אַז איך בין עפּעס אַ מין צווייטער פרענקל.

— איך מיין... — זאָגט די מיס פעלדמאַן, בלייבט שטיין אַ ווייל און זאָגט:

— וואָס איז דאָס אזוי שלעכט?...

— איר ווייסט, איך האָב אַמאָל מיט מיין אייגענעם טאַטן געהאַט אזוינע ניט באַקוועמלאַכקייטן.

— וואָס מיינט איר?

— עס קומט אזוי מאָדנע — צעלאַכט זיך בערמאַן אומבאַשלאָסן — פאַראַנען מענטשן, איבערהויפּט עלטערן, וואָס מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי האָבן שוין אַלץ פאַר אייך אָפּגעטאָן. און אַלץ וואָס דו טוסט איז עפּעס זייערע אַ זאַך — — —

און בערמאַן בלייבט שטיין אַ ווײַלע און גייט גלייך צו:

— כאַטש נעם און לייג זיך אַריין צו אים אין קעשענע, ווי א גאָלדן זייגערל, אָדער נעם און זעץ אים גאָר אַרויף אַף דיינע אַקסלען און טראָג אים איבער די גאַסן.

און בערמאַן דערפילט זיך מיטאַמאָל גאָר שטאַרק שולדיק, און ניט גלייך צו מיט א געפיל פון אמתער חרטה:

— אָבער ער איז דאָך, באמת, א זייער וואוילער, א זייער ריינער, אַן אידעאַלער מענטש.

— יאָ, — באַשטעטיקט די מיס פעלדמאַן בערמאַנס לעצטע רייד און אויך מיט א געפיל פון חרטה. און כדי אָפּצוּאוועגדן דעם שמועס, גיט זי מיט א געענדערטן טאָן א פרעג:

— אָבער זענט איר טאַקע זיכער, אַז ער וועט זיין?

— זייער מעגלאָך, — ענטפערט בערמאַן א צופרידן־באַפרייטער.

— זייער מעגלאָך.

דער גאַנצער שאָפּ איז דעם טאָג געווען ערב יום־טובדיק געשטימט. אפילו דער פאָרמאַן און די פאָרליידי האָבן זיך געפילט ערב יום־טובדיק אויפגעלייגט.

בעני האָט אָנגעכאַפּט ראַזין און זי גענומען „טיזן”: „זעסטו, ווען דו וואָלסט אָבער ניט געווען דעם פאָרמאַנס א פלימעניצע וואָלסטו דאָך אויך געקאָנט גיין צום מיטינג. אַזוי אָבער — „נאַטהינג דואינג!”

ראַזי ווערט רויט און נעמט זיך שווערן, אַז זי האָט ניט קיין מורא פאַרן אַנקל און זי „קערט” פאַר אים ניט. און זי וואָלט אפילו צום מיטינג געגאַנגען, נאָר זי האָט ניט ווער עס זאָל זי נעמען אַהיים.

— גיי שוין, גיי! שעם זיך! וואָס הייסט דו האָסט ניט ווער ס'זאָל דיך נעמען אַהיים?

זי ווערט נאָך רויטער און זאָגט:

— ריכטיק, בעני, אַף מיין וואָרט!...

— דאָס איז ניט ריכטיק. וואָס הייסט! און וואו בין איך? וואָס, די פיס האָבן מיר אָנפּגענומען?!...

די רויטקייט גייט אָלץ ניט אוועק פון ראַזין און זי זאָגט:

— וועל, אויב דו זאָגסט צו, אַז דו וועסט מיך נעמען אַהיים, קום איך.

— זיכער וועל איך, — ענטפערט בעני, — זיכער.

בראַווערמאַן האָט אָפּגערופן גערטרודן אַפּן טעלעפאָן און געזאָגט, אַז אויב זי וויל קאָן ער זי היינט אָוונט מיטנעמען אין אַ זייער אינטערע־סאַנטן פּלאַץ.

—וואָס איז דאָס פאַר אַ פּלאַץ?

— דאָס איז אַ מאַס־מיטינג פון אַרבעטער און אַרבעטערינס, וואָס גייען זיך גרינדן אין אַ יוניאָן. און איך בין דאָרט איינער פון די רעדנער.

— דאָס איז זייער גוט. איך דאַנק אייך זייער. אָבער וועט דאָס ניט אויסקוקן מאָדנע?

— פאַרוואָס?

— ווי קום איך אַהין?

— ס'וועט הייסן, אַז איר זענט מיינע אַ באַגלייטערין.

און בראַווערמאַן האָט מיט איר אָפּגעמאַכט, אַז זי זאָל וואַרטן אַף אים און צו דער באַשטימטער צייט איז ער געקומען און זי מיטגענומען צו דער מאַסנפאַרזאַמלונג.

קאַפּיטל איינאונצוואַנציק

פון זינט־אַן בערמאַן איז מיטיק־צייט אַרויף אַפן ערשטן וואָגן צו האַלטן זיין רעדע, האָט ער מיטאַמאָל דערפילט אַ באַזונדער פייער אין די ביינער. דער פייער האָט אים געגעסן, האָט אים געצונדן, האָט אים גע־לייגט ווערטער אין מויל, האָט אים געטריבן מיט אַ פיבערהאַפטער שנעל־קייט פון איין וואָגן צום צווייטן, און זיין האַלדז איז מיטאַמאָל געוואָרן ווי ברייטער און זיין קול האָט זיך דערפאַר געהויבן פולער און העכער. דאָט זיך פאַרמאַסטן ווי מיט גוואַלד אָפּצושטעלן די פאַרביי־לויפנדיקע מענטשן און האָט זיך אַן אויפהער געפּרואווט איבערשרייען דאָס הויך ראַלנדיקע קלאַפּן פון די פאַרביי־פאַרנדיקע שווערע וועגענער. און פאַר־נאַכט איז דער כח אין אים ווי פאַרדאָפּלט געוואָרן. עס האָט אים גע־טראָגן צו יעדן פון די גאַסן־מיטינגען. ער מוז זיין ביי יעדן פון זיי, ער מוז, אַז ניט ווער ווייסט מיט וואָס עס וועט זיך, חלילה, אויסלאָזן?... און נאָכדעם אין אָוונט, ווען ער איז געקומען אין האַל, איז ער געווען הייזע־ריק, דער האַלדז איז מיטאַמאָל געוואָרן ענג, די ליפּן פאַרטריקנט, דאָס פּנים איז געווען אויפגערעגט, רויט און בלאַס און זיין גאַנצער אויסזען האָט זיך ווי איבערגעאַנדערשט.

דער האַל איז געווען גרויס, ווי אַ גרויסע שטאַל. דאָס וואָס אין אַ מיטינג־זאַל איז דאָ אַזוי פיל פּוסטער, ליידיקער רוים, פלעגט בערמאַנען שטענדיק אויפרעגן. עפּעס וואָלט מען געדאַרפט צוטראַכטן אַזאַ מין פאָרם פון געבוי פאַר אַט־די זאַלן, אַז די לופט, אַז די גרויסע ליידיקייט, זאָל ניט אויסזען ווי אַ גרויסע שטיק אומגעצאַמטער אומזין. נאָר גיי רעד איצט צו מענטשן וועגן אַזוינע זאַכן, אַז אַלץ אַרום איז אַזוי ברוטאַל און וואולגאַר, כאָטש געוואַלד צו שרייען. די עלעקטרישע באַ־לייכטונג איז ווי פאַרלוירן געגאַנגען אין דער גרויסער פּוסטקייט; די עטלאָכע טוער האָבן נערוועז געקוקט אַף די ליידיקע ביינק. בערמאַן אָבער האָט דאָס אַלץ ניט געזען, און טאָמער האָט מען אים געזאָגט וועגן

דעם, האָט ער ניט געהערט... ער איז געווען זיכער, אַז ס'איז אַ דערפּאָלג; אַז עס מוז, עס וועט זיין אַ דערפאָלג — אַזוי פיל אַרבעט, גוט אַריינ־געלייגטע אַרבעט, גייט ניט פאַרלוירן אומזיסט. דאָס איז ביי אים געווען אַ לאַנגאַניקער, אַן איינגעבוירענער גלויבן: אַזוי פיל גוטע אַרבעט גייט ניט און קאָן ניט גיין פאַרלוירן. און טאָמער האָט זיך אַ צווייפל יאָ געוואָלט אַריינכאַפּן אין אים, האָט ער אים כמעט ווי מיט די הענט אָפּגעוואָרפן פון זיך, ווי מען ווענדט פון זיך אין צייט אָפּ אַ שטיין, וואָס טראָגט זיך אַף דיר. און... ווי דורך אַ וואונדער ווי דורכדעם, וואָס ער האָט אַנדערש ניט געוואָלט, האָבן זיך געגומען באַוויייזן אַלץ מער און מער פּנימער, און יעדער פּנים האָט מיט זיך מיטגעבראַכט ליכט און זיכערקייט. און אַט — מען קוקט זיך אום דער האָל איז ליכטיק. דער גרויסער האָל שיינט מיט פּנימער, מיט קליידער, מיט אויגן, מיט באַגריסנדיקע בליקן, מיט האַלבע געשפּרעכן און ווערטער, וואָס האָבן זיך גענומען טראָגן איבערן האָל ווי זשומענדיקע בינען. די נאַרישע, זינ־לאָזע, באַלויכטענע פּוסטקייט האָט זיך אַזוי ווי איינגעשטילט, און זיך גענומען, וואַרטנדיק, איינהערן.

אַט קומט אַן בראַוועראַן. ער שטעלט אים פאָר אַ מיידל, עפּעס אַזאַ מאָדנע, אַ הויכע, מיט אַזוינע שרעקלאַך גרויסע אויגן. די מיידל איז דעקאָלטירט, און האָט עפּעס אַזאַ מין ליכטיקן האַלבן שמייכל אַף די פולע ליפּן, אַ שמייכל, וואָס שמייכלט זיך ווי אַ בליץ וואָס הערט ניט אויף. זי איז אַ טונקעלע און דאָך עפּעס ווי אַ ליכטיקע. עפּעס אַזאַ מאָדנע־נאָענטע און אַזאַ שרעקלאַך ווייטע — — — ער קאָן ניט קוקן אַף איר. דער דעקאָלטירטער טייל, וואָס לאָזט אַזוי פריי איר שטאָלצן האַלדז, די שיינע לאַנגע הענט, וואָס קוקן אַזוי פינקטלאַך אָפּגעררונדיקט אַרויס פון די קורצע אַרבל מאַכן אים נערוועז, פאַרשעמט. און דאָך איז זי עפּעס ווי אַ גאַנדז, אַ ווייסע, ווי אַ שוואַן, ווי די לבנה, ווי דאָס ליכ־טיקע וואַסער, ווי די ווייסע גאַנדז מיטן ראָזלאַך־רויטן שנאַבל, וואָס ער האָט לעצטע נאַכט אין חלום געזען... און אַט, — דער מיטינג איז שוין געעפנט. מען קלייבט אַ פאָרזיצער, מען דערמאָנט אויך זיין נאָמען... און יענע זיצט דאָרט ערגעץ אַרויף. זי זעט אויס ווי איינע פון די, וואָס מען זעט אַמאָל אין אָפּערא... וועד דאַרף זי דאָ האָבן? ! צו וואָס האָט ער זי געבראַכט אַהער אַזאַ אויסגעפּוצטע? כדי צו ווייזן איר אַ „שאָו",

אָדער אפשר איז ער גאָר אַליין אויך פון „יענע"... און נאָך אַזוינע פאַר־דראָסיקע און בייזע געדאַנקען האָבן זיך גענומען קאָכן אין אים.

— מיסטער בערמאַן! נעמט איר אָן אַלס פּאַרזיצנדער? — פרעגט די מיס פעלדמאַן הויך איבערן גאַנצן האָל...

— ניין! — ענטפערט ער מיט כעס. — וואָס איז ער דאָס פאַר אַ פּאַרזיצנדער?!...

די מיס פעלדמאַן איז געבליבן פּאַרזיצנדער.

גוט אַזוי, האָט בערמאַן געטראַכט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך מיט דעם אין אימיצן נוקם געווען. און ער האָט געהערט און געזען ווי זי רעדט, ווי זי שמייכלט, אַ שטאָלצע, אַ צופרידענע און אָט ווערט זי ערנסט — איר קול שטאַרקער, די אויגן שאַרפער. זי מאַכט מיט די הענט. איר העמדל איז אַ ווייסע, אַ זיידענע, איר קליידל שוואַרץ און אינגאַנצן איז זי איצט ווייסער און ליכטיקער און אָט ווערט זי מיטאַמאָל שטאַרק רויט. די אויגן צינדן זיך איר אָן. איר קול ווערט גליענדיק, שאַרף. זי שרייט אויס ווי אַ שלאַנג וואָלט זי געביסן, אָדער ווי אימיצער וואָלט פּלוצלונג מיט אַ בייטש גענומען זי שמייסן איבער איר נאַקעטן לייב:

— רויבער! מערדער! בלוטזויגער! שקלאַפן־טרייבער! מענטשן־פרעסער!

— גוט, גוט אַזוי! — שרייט בערמאַן אויס און נעמט אַפּלאָדירן אײנ־איינעם מיט אַנדערע.

נאָכדעם האָט גערעדט נאָך אימיצער און נאָך אימיצער. נאָכדעם האָט גערעדט בראַווערמאַן וועגן סאָציאַליזם, וועגן קלאַסנקאַמף, וועגן קאַרל מאַרקס, פרידריך ענגלס, ראַבעספּיר, וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און נאָך און נאָך.

דער עולם האָט שטאַרק דורך־און־דורך געקראָגן פאַר אָט־די אַלע נעמען און שווערע ווערטער, וואָס בראַווערמאַן ווייסט אַף אויסווייניק און האָט דורך־אַרצדיק אַפּלאָדירט. נאָכדעם האָט מען פאַרגעשטעלט פרידבערגן. און ווען פרידבערג האָט דערקלערט וויפיל מיטגלידער עם האָבן זיך היינטיקן אָוונט אַנגעשלאָסן אָן דער יוניאָן, האָט גלייך אויסגעבראָכן אַ גאָר הילכיקער פּאַטשן און אַ הוראַ־געשריי. בערמאַנען האָט דאָס אַזש אַ הויב געטאָן פון זיין אָרט אַ צעטומלטן און אַן אַנגעצונדענעם; און אַזוי ווי דורך אַן עלעקטרישן שטראָם האָבן זיך אַלע אַ הויב געטאָן פון זייערע

ערטער, דער זאָל האָט זיך מיטאַמאָל ווי פאַנאַנדערגעבליט מיט אויפגע־שפּרונגענע מענטשן, מיט אויפגעשפּרונגענער הילכיקער פרייד, מיט פּאַטשנדיקע הענט, מיט שרייענדיקע העלדזער, מיט שיינענדיקע פּנימער און פינקלדיקע אויגן.

נאָכדעם האָט פרידבערג זייער קלאָר און געשעפטסמעסיק גערעדט. האָט פאָרגעשלאָגן זאַכן און ווען ער האָט צום סוף דערמאָנט, אַז דער איצ־טיקער דערפאָלג איז צום גרעסטן טייל די אַרבעט פון אונזער בערמאַן, האָט ווידער אויסגעבראָכן אַ גרויסער שטורם, ווידער האָבן זיך אַלע אויפגעהויבן פון זייערע ערטער ווי אויפגעפלויגענע שרייענדיקע פויגלען.

בערמאַן איז פאַר אַ ווײַלע געבליבן זיצן ווי אַ פּאַראַליזירטער. נאָכ־דעם האָבן אים אָט־די געשרייען אויפגעהויבן פון זיין אָרט, האָבן אים אַרויפגעהויבן אַף דער פּלאַטפאָרם. אַ פאַרשעמטער האָט ער זיך אומ־געקוקט אַף די אַלע באַגייסטערט שרייענדיקע פּנימער און שאַקלענדיקע הענט, אַז די ווענט זיינען זיך פאַנאַנדערגעשוואומען. עס איז, דאַכט זיך, גאָר ניטאָ קיין אָנהויב און קיין סוף צו די ליכטיקע מענטשן־כוואַליעס און ער שפּאַרט זיך, דאַכט זיך, אַף גאָר ניט אָן, ער שווימט איבער זיי... נאָר אָט דרייט ער זיך אויס, ער דערזעט פאַר זיך דאָס ווייסע זיידענע העמדל פון דער מיס פעלדמאַן. ער דערזעט אירע אויפגעשיינטע אויגן, זי שטייט לעבן אים, ער נעמט זי אונטערן אָרעם, דער דינער זייד גיט כיט אַזויפיל רו און זיכערקייט אַרויס די וואַרימקייט פון אירע אָנגעצווי־גענע מוסקולן. ער דערפילט זיך מיטאַמאָל רואיק און זיכער. ער בעט זי זי זאָל זיי זאָגן, אַז ער איז הייזעריק. זי טרעט אַרויס פאַר אים. דאָס רייסט איבער דעם עולמס צערייצטקייט. דער עולם שטילט זיך איין. זעצט זיך אויס.

און אָט רעדט ער שוין. די ערשטע עטלאַכע ווערטער הערט ער נאָך און דערפילט אַ שרעק פאַר זיי. נאָכדעם ווערט אים מיטאַמאָל ליכטיק און הייס. ער הערט מיטאַמאָל אויף צו הערן און זען. אים ווילט זיך וואָס מער לופט און קראַפט אַף דורכצוברעכן אָט־די הייזעריקייט, וואָס האָט זיך ווי אַ דין נאָר פאַרעקשנט הייטל אויסגעשפּרייט אין זיין האַלדז. ער שרייט אַריבער זיין הייזעריקייט: „געדיינקט, געדיינקט! עס איז דאָך ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר הויבן אָן פון דאַסניי, און אויך איצט וועט אונזער דערפאָלג זיין געזיכערט נאָר דעמאָלט, ווען יעדערער

פון אונז וועט וויסן, אַז עס זיינען ניט די עטלאַכע סענט וואָס מיר ווילן געווינען. עס איז די גרויסע און וויכטיקע אידייע וואָס ברייינגט אונז צו־זאַמען! עס איז דער גרויסער אמת, וואָס שוועבט איבער אונזערע קעפּ. דער אמת, נאָך וועלכן אַלע מענטשן לעכצן, אַלע, אַלע. ניט נאָר מיר, נאָר אויך זיי, די אונטערדריקער אונזערע. זיי זיינען בלינד און מיר דאַרפן זיי עפענען די אויגן. זייערע הענט זיינען אין בלוט, אפילו ווען זיי וויסן דאָס ניט. זיי באַפּעסטיקן זייערע היימען אַף מענטשלאַכע רוקנס און זיי מיינען, אַז דאָס זיינען פעלזיקע שטיינער. דער קלאַסן־קאַמף, וואָס איז געקומען באַפרייען די וועלט, איז געגליכן צו דער וואונדערלאַכער גע־שיכטע פון רבה בר בר חנא. (דאָס האַרץ האָט ביי בערמאַנען אויפגע־ציטערט: פאַרוואָס אינמיטן דרינען דווקא רבה בר בר חנא?... אָבער ער מוז שוין ווייטער, עס רעדט זיך שוין אַליין) רבה בר בר חנא, דער מאַן פון קאָלאָסאַלע גוזמאות מיט אַ טיפן מענטשלאַכן זין, ער דער־ציילט אַזוי: (קלאַסנקאַמף און לויבגעזאַנגען פאַר רבה בר בר חנא — גיט בערמאַנען ווי אַ פיבער פאַר די אויגן. — שלעכט, גוט, שלעכט...) אַמאָל זיינען מיר — דערציילט ער — אַרוים אין אַ שיף אַפן ים און מיר האָבן פון דערווייטנס דערזען יבשה, האָבן מיר דאָס אָנגענומען פאַר אַן אינזל און מיר זיינען צו דעם צוגעפאָרן, פאַראַנקערט און זיינען אַף דעם אַראָפּגעגאַנגען, האָבן דאָרט פאַנאַנדערגעשטעלט אונזערע געצעלטן, פאַ־נאַנדערגעלייגט אַ פייער און זיך גענומען קאָכן, באַקן און בראָטן. פּלוצ־לונג האָט זיך דער גאַנצער אינזל אַ קער געטאָן אינמיטן פון דעם ים און מיר זיינען שיעור ניט דערטרונקען געוואָרן. עס האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז דאָס איז ניט געווען קיין טויטער אינזל, נאָר אַ לעבעדיקער פיש אַזאַ, וואָס האָט, ווייזט אויס, פאַר יאָרן לאַנג געהאַט אַרויסגעהויבן זיין רוקן איבערן וואַסער ביז עס האָט זיך אַף אים אָנגעקליבן ערד און פלאַנצן און מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אַ טויטער אינזל. ווען אָבער אונזער פייער האָט זיך פאַנאַנדערגעברענט און דער פיש האָט דערפילט אַ ווארימקייט אַף איין זייט האָט ער זיך אַ קער געטאָן און מיר האָבן זיך קוים מיטן לעבן געראַטעוועט. — און מיר וואָרענען די אונטערדריקער אונזערע; זעט, איר נעמט אונז אָן פאַר אַ טויטן אינזל; זעט, מיר לאָזן אייך פאַנאַדערשטעלן אייערע געצעלטן אַף אונזער רוקן אָבער דאָס פייער הויבט שוין אָן צו ווערן צו היים און ווי וועט זיין צו אייך!!

דער עולם אַפּלאָדירט. עס געפעלט אים די מעשה. עס געפעלט זיי בערמאַנס הייזעריקער אויסגעשריי. בערמאַן כאַפּט דעם אָטעם, טראַכט ווידער אַ ווײַלע: געדאַרפט צי ניט געדאַרפט אַרײַנפאַלן אין מיטן דרינען מיט אַזאַ מעשה? און באַשטימט אינמיטן פון זײַן אויפגעהיצטער אויפרעגונג: געדאַרפט. געדאַרפט! און צערייצט און אויפגערעגט הויבט ער ווידער אָן:

— אָבער זיי זיינען בלינד! זיי ליגן אין דער פינצטערניש! ווײַל זייערע נשמות זיינען פאַרשמידט אין קייטן פון דעם שוואַרץ-געלן טײַוול! אונז אָבער איז געגעבן געוואָרן צו רייניקן דאָס געוויסן פון דער מענטשהייט. אין אונזערע הענט איז דאָס ליכט און דאָס פייער, מיר גייען פאַרברידערן די מענטשהייט. אונזערע אַלעמענס הערצער ציטערן דאָך איצט מיט אַזוי פיל פרייד! אונזערע אַלעמענס אויגן שיינען דאָך איצט מיט אַזוי פיל גליק! איז דאָס דען נאָר צוליב די נישטיקע עטלאַכע סענט, וואָס ווינקען צו אונז? !— ניין! !! טויזנט מאָל ניין!...

די לעצטע פאַר הייזעריקע אויסגעשרייען האָבן זיך מיט אַ בלוטיקער, מיט אַן איבערגעוואַלטיקער מאַכט אַרויסגעריסן, ווי דורכרײַסנדיק די הייזעריקייט מיט אַזאַ בליציקן ציטער, אַז אַ גרויל איז אַריבער די הונדערטער לײַבער. דער עולם האָט געקומען אַפּלאָדירן כמעט פון שרעק. פון צעטומלטקייט. און בערמאַן איז אַף אַ ווײַלע געבליבן שטיין. ער איז געוואָרן בלאַס, כמעט ווייס. ער האָט דערפילט אַ שאַרפן שניט אין זיך, ווי דאָס האַרץ וואָלט צעריסן אָדער אָפּגעריסן געוואָרן... ווען די אַפּלאָדיסמענטן האָבן זיך איינגעשטילט, האָט בערמאַן פאַר אַ רגע נאָך אַלץ ניט געקאָנט אָנהויבן איבער דעם שרעקלאַך שאַרפן ווייטיק אין האַרצן. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט און האָט ווי ניט איז דערקלערט די גרויסע וויכטיקייט פון דעם, וואָס זייער הוט-מאַכער יוניאָן האָט זיך איצט פאַראייניקט מיט דער הוט-פּוצערינס יוניאָן. מיר ווילן זיך איינע די צווייטע העלפן מיט ראַט און טאַט. מיר ווילן אויך פאַראייניקן די דראָט-אַרבעטער, די בלומען-אַרבעטער און אַזוי וועלן מיר אויך דערגרייכן די אייזן-אַרבעטער און די וועבערס. וואָס זיינען שוין פאַראייניקט אין צוויי מעכטיקע יוניאָנס. מיר קאָנען ווערן דער בריק צווישן זיי און צווישן די פיל אַנדערע טויזנטער און מיליאָנען מענטשן צווישן דער גאַנצער וועלט, צווישן דער גאַנצער מענטשהייט. דאָס וואָס מענטשן האָבן ניט

געקאָנט דערגרייכן דורך רעליגיעס און געטער וועלן מיר דערגרייכן דורך אונזער ליכטיקן בליק, דורך אונזערע ליכטיקע אויגן. און הערט איר אימיצן זאָגן, אַז אַ מ אַ ל י ק ע דורות האָבן געהאַט גרויסע חלומות — לאַכט זיך אויס פון אים! ווייל דאָס גרעסטע וואונדער, דער גרעס־טער חלום קומט ערשט איצט, שפּרייט איצט פּאַנאַנדער זיינע פליגלען און מיר זיינען די וואָס גיבן דעם חלום די פליגלען און מיר זעען אים שוועבן איבער אונזערע, איבער אַלעמענס קעפּ!

נאָך איידער ער האָט דערזאָגט די לעצטע עטלאַכע ווערטער האָט ער דערפילט, אַז ער מוז ענדיקן, ווייל דער ווייטיק אונטערן הארצן איז גע־וואָרן ניט צום פאַרטראָגן, איבערהויפּט ווען ער האָט איצט געפּרואווט אויפהויבן זיין הייזעריק קול.

ער האָט געענדיקט. מען האָט אַפּלאָדירט, מען האָט זיך גענומען אויפהויבן אין מאַסן. מ'איז ארויס פון זאַל. די מיס פעלדמאַן איז מיט אים געגאַנגען ביזן ארויסגאַנג. אים איז געווען גוט פון דעם. עפּעס איז אין אָט־דעם מאָדנעם, אויפגערייצטן מענטשן איצט געווען אַזוינס, וואָס האָט געבעטן פאַר לאַסקעס, פאַר הילף. ביים טיר אָבער האָבן זיי אָנגע־כאַפּן טשאַרלין. ס'איז, ווייזט אויס, ביי דער מיס פעלדמאַן און דעם טשאַרלין געווען אַן אָפּגעמאַכטע זאַך, אַז ער זאָל זי קומען נעמען. בער־מאַן האָט דערזען, אַז זי איז מיטאַמאָל געוואָרן קאָקעטיש, בויגנדיק... בערמאַן האָט גאָר ביז איצט ניט געוואוסט, אַז זי קאָן זיך אַזוי קנייטשן און בויגן... און איר קאָקעטעריי איז דווקא געווען געווענדט ניט צו טשאַרלין, נאָר צו אים, צו בערמאַנען — אָבער אוועקגעגאַנגען איז זי מיט טשאַרלין... און אָט איז אויך בראַווערמאַן מיט אָט־דער אַריסטאָקראַטי־שער מיידל. ווי אַ פאַרפּוצטע כלה, אַן עלעגאַנטע אַזאַ, אפשר גאָר זיין כלה. אַ קשיא אַף דעם בראַווערמאַנען. ער שטופּט זיך דאָך אַלץ צו די הויכע פענצטער. און ווי מאָדנע הויכגעשטאַלטיק זיי וואַקסן אָט־די אַריסטאָקראַטקעס, און ס'אַרא אויגן. אָט פּונקט ווי זי וואָלט זיך געקומען אָהער רייצן: — אָט זעט ווי מיר קליידן זיך, אָט זעט ווי מיר וואַקסן, אָט זעט ס'אַרא אויגן מיר האָבן. — גוט וואָס זיי זעען אים ניט. ער איז איצט אַף קיינעם ניט אין כעס, נאָר ער וויל זיין אַליין. ער דרייט זיך אויס צו זיי מיטן רוקן און גייט אַוועק. דאָס האַרץ טוט וויי, דער ווייטיק איז אַזאַ פיינלאַכער, אַ שטעכנדיקער, און עס נעמט

איִם אַזוי באַנג טאָן אַפן האַרצן ווי אַף אַ קליין קינד, וואָס ער האָט פאַרמוטשעט. ער פילט זיך אַזוי ווי שולדיק קעגן דעם. ער נעמט צונויף זיין מאַנטל, ניט פון וועגן זיין קערפּער, נאָר פון וועגן זיין האַרץ, ווי ער וואָלט דאָס וועלן פאַרהיטן פון קעלט, ווי ער וואָלט דאָס וועלן איינוואַרימען, איינליולען, און ווען ער האָט זיך גענומען אויפהויבן צו דער שטאָט־באַן, האָט ער מיטאָמאָל דערפילט, אַז ער איז ניט אַליין, אַז אַ שלאַנקע פרויען־געשטאַלט, מיט שטילע גרויסע אויגן, גייט מיט אים. דער געפיל איז געווען אַ גוטער, אַ טרייסטנדיקער. ווי אַ שיצנדיק ליכט איז אָט־די באַגלייטנדיקע פיגור אויפגעגאַנגען פאַר אים און פאַר דעם ווייטיקדיקן האַרץ. און אָט איז ער אין באַן. דאָס געשטאַלט איז מיט אים, איז לעבן אים, איבער אים. ער זאָל קאָנען וואָלט ער איצט צוגעמאַכט די אויגן און וואָלט אַנטשלאָפן געוואָרן אַ צופרידענער. זיין מידקייט איז, דאַכט זיך, ניט אין די ביינער, נאָר אין קאָפּ. און דאָס געשטאַלט מיט די גרויסע אויגן האַלט טאַקע אין איין קוקן אַף זיין קאָפּ. און מיט דעם קוקן היילט זי און שטאַרקט. און ער טראַכט איצט פון גאַרניט. ער וויל אויסהיילן זיין צעטראָגענעם קאָפּ, לאָזט ער אים פריי צו די בליקן פון אָט־דעם געשטאַלט, און אַזוי איז כמעט אַוועק די גאַנצע צייט, וואָס די באַן האָט אים געטראָגן.

פון דער באַן איז ער אַרויס אינדרייען: ער, זיין צעווייטיקט האַרץ און דאָס געשטאַלט מיט די היילנדיקע אויגן... און אַזוי איז ער אינדרייען געקומען צו זיך אין צימער. ער האָט אינדערפינצטער פון זיך אויסגעטאָן זיין אויבער־ראָק און זיין הוט. די נאַכט איז געהאַנגען איבער דער שטאָט און אריינגעקוקט אין זיין צימער, ווי אימיצנס אַ גרויס נאָכטראַכטנדיק אויג, ווי אימיצענס אַ ליכטיקער בליק. ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צום פענצטער און דערזען — ס'אַ מאָדנע נאַכט! די נאַכט האָט צעשניטן דעם אויסגעשטערנטן הימל אין פאַרשיידענע פירעקיקע און שפּיציקע שטיקער און געטאָן האָט דאָס די נאַכט אַף אַזאַ מין פאַרזיכטיקן אופן, אַז די אַלע פאַרשיידנפאָרמיקע שטיקער האָבן זיך פונקט אַריינגעפּאַסט צווישן די פאַנאַנדערגעטיילטע עפענונגען, צווישן די פאַרשיידנאַרטיקע אָפענע פאַרמירונגען וואָס צווישן די מויערן און גאַסן פון דער פאַנאַנדערגעוואָרפענער, גרויסער שטאָט. דאָ און דאָרטן האָבן זיך פון אַריבער דער שטאָט פאַר די אויגן, געהויבן הויך־אויפגע־

הויכטע מויערן, וואָס האָבן זיך אַנטקעגן די נידעריקערע — שוועדערע אויסגעזען ווי דינע, ווילד און הויכגעשניטענע מאַסטן, מאַסטן פון אַ שיף, וואָס איז גרויס ווי אַ וועלט אַ גרויסע. ניו יאָרק שלאָפט, ניו יאָרק שווייגט. ניו יאָרק איז פאַרפּוצט און פאַרהאַנגען מיט פאַרשיידנפאַרביקע, פאַרשטערנטע שטיקער הימל.

בערמאַן האָט אַזוי לאַנג געקוקט אַף דער נאַכט. קוקנדיק געטראַכט:

וויפיל אַרבעט עס איז היינטיקן טאָג אָפּגעטאָן געוואָרן! און, ווער ווייסט, וויפיל עס איז נאָך ב אַ ש ע ר ט אָפּצוטאָן? ! ווער ווייסט צוליב וואָס אַ מענטש ווערט געבוירן? און פאַרוואָס אַ מענטש רעדט אין דער צייט פון אויפרעגונג אַרויס זאַכן, וואָס ער וואָלט גאָרניט גע־גלויבט, אַז ער קאָן זיי זאָגן? זאַכן שלאָפן, דרימלען אין אונזערע גע־דערים און וואַכן אויף אין דער צייט פון גרויסער און פּלוצלונדיקער אויפרעגונג. שרייען זיך אַרויס, ווי רעוואָלוציע, און לייגן זיך נאָכדעם אוועק ווי אַן אויסגעברענטער צלם אַפן הארצן. — רבה בר בר חנא איב־מיטן פון רעוואָלוציע! מיין טאַטע, דער מגיד, האָט פון אַזוינע דרשות ניט געחלומט. ס'איז שלעכט, ס'איז גוט, — ס'איז רעוואָלוציע! אַ טאַטע און אַ מאַמע זיינען ערגעץ געווען, וואָס האָבן דערצויגן אַ זון לתורה, לחופּה ולמעשים טובים, שטייט ער איצט מיט אַ האַרץ, וואָס טוט וויי, ווי אַ חתן, וואָס האָט זיך פאַרקנסט צום קאַמף און שטייט איצט מיט זיין ליכטיק־אויגיקער באַשערטער אונטער דעם פאַרשטערנטן נאַכטיקן הימל, ווי אונטער אַ חופּה. ווי גרויס עס איז די וועלט, ווי גרויס עס איז דער הימל! מיריאַדן שטערן מאַכן אים דין און דורכ־זיכטיק ווי זייד. די רעוואָלוציע — מיין ליכטיקע כלה. די בית־שמאי און בית־הלל — די מחותנים. זיי קומען פון די שטערן. די בית־הלל שטילע, פאַרטראַכטע פּנימער מיט ברייטע באַרואיקטע גרויע בערד, און די פּנימער פון די בית־שמאי זיינען אויפגעקנאָכנטע, די בערד לאַנגע, שוואַרצע און שאַרף־פאַרשפּיצט. די שטאָט ניו יאָרק האָט צוליב די פילע מחותנים נאָנאַנדערגעשפּאַרט אירע גרויסע מויערן, און וואָס מער מחותנים עס קו־מען, אַלץ מער אָפענעם פּלאַץ מאַכן די מויערן פאַר זיי.

— גרויע און ברייט־בערדיקע בית־הלל!

כיצד מרקדין לפני הכלה?

ווי זאָל מען טאַנצן, ווי זאָל מען זינגען פאַר אַ כלה?

— מען זאָל טאַנצן, מען זאָל זינגען:
די כלה איז ווי זי איז:
כלה כמו שהיא!

—שוואַרצע, שטייף און שפּיציק־בערדיקע בית־שמאי!
כיצד מרקדין לפני הכלה?
ווי זאָל מען טאַנצן, ווי זאָל מען זינגען פאַר א כלה?
— מען זאָל טאַנצן, מען זאָל זינגען:
כלה נאה וחסידה.
לויטער צוויבער איז די כלה, ריין און ניט באַפלעקט.

דער פאַרביסענער קאַמף פון בית־שמאי און בית־הלל וועגן דעם, ווי אזוי זאָל מען טאַנצן פאַר א כלה, שפּילט זיך איצטער פאַנאַנדער ארום אים אין זיין גרויס־אויגיקער כלה־רעוואָלוציע... עס זיינען זיך צענויפגעקומען די תנאים. —ביידע קעמפנדיקע לאַגערן. איין צד — מיט בערד אזוינע ברייטע און דער צווייטער — מיט בערד שאַרפע, שפּי־ציקע. ביידע ווילן זיי געווינען די כלה און דעם חתן אַף אייביקן לעבן. ביידע ווילן בלייבן גערעכט. און ווי אונענדלאך עס הילכט אין דער גרויסער, שטערנדיקער בלייכקייט פון דער נאַכט:
— ווי אזוי זאָל מען טאַנצן פאַר דער כלה?
און עס ענטפערן די רואיקע בית־הלל"

„מען זאָל טאַנצן,
„מען זאָל זינגען:
„זעט אָן די כלה גוט,
„זעט אָן די כלה קלאָר!
„זעט די כלה איז —
„איז ווי זי איז".

און גלייך נאָכדעם הילכט פון דאָס ניי די אייגענע שאלה:
„ווי אזוי זאָל מען טאַנצן פאַר דער כלה?"
און עס שאַלן אָפּ די ענטפערס פון די פאַרעקשנטע בית־שמאי:
„מען זאָל טאַנצן פאַר דער כלה;
„מען זאָל זינגען פאַר דער כלה:

„לויטער־צויבער איז די כלה —
„ריין און ניט באַפלעקט —
„איז די כלה,
„אונזער כלה."

און אָט עפּנט זיך אַ פענצטער אין הימל; אימיצער קומט. עס קומט אַרויס אַ יונגער מענטש, כמעט אַ קינד, נאָר גרויס און גרוי איז שוין זיין קאָפּ און ער רייט, שטייענדיק, אַף אַ פייערדיקן לייב און ער קומט אַריין צווישן די בײדע קעמפּנדיקע מחנות און ער צעטיילט די מחנות אַף צווייען און ער בלייבט שטיין אינמיטן פון די בײדע מחנות און ער זאָגט:

„זיבן שלוחים לויפן איבער אַלע וועלטן;
„זיבן שלוחים — מיט זיבן ברכות.
„מיט זיבן מתנות
„פאַר דעם חתן מיט דער כלה.
„בין איך דער ערשטער דאָ געקומען — —
„שלום הײנט צו מאַכן דאָ,
„שלום צווישן פייער און וואַסער.
„צווישן בית־שמאי און בית־הלל, שלום.
און ער פרעגט:
„וואָס מאַכט שלום צווישן פייער און וואַסער?
און ער ענטפערט:
„—דער טאָפּ מאַכט שלום צווישן פייער און וואַסער.
„דער טאָפּ.
„האָב איך אַ טאָפּ געבראַכט פאַר אייך דאָ.
„געבראַכט אַ טאָפּ פאַר אַ מתנה.
„ווייל שלום מאַכט דער טאָפּ צווישן פייער און וואַסער, שלום.
„און איר קריגער פונם אייגן בלוט, —
„איר ברייט־בערדיקע בית־הלל און שפּיציק־בערדיקע בית־שמאי,
„פאַרוואָס קריגט איר זיך גראָד הײנט,
„ווי מען זאָל טאַנצן פאַר אַ כלה?
„פאַרוואָס ניט וועגן דעם, ווי אַזוי

„מען זאָל טאַנצן פאַר אַ חתן?
„אָדער טאַקע ווי אַזוי מען זאָל זינגען, מען זאָל טאַנצן
„פאַרביידן טאַנצן,
„פאַרן חתן און דער כּלה?..."

און דער מאַן מיטן קינדערשן קערפּער און גרויסן, גרויען קאָפּ, ענטפערט אַליין. ער ווענדט זיך, שטייענדיק אַף דעם פייערדיקן לייב צו דער כּלה, הויבט פאַר איר אויף זיין ערדענעם טאָפּ, קוקט אַף איר און זאָגט:

ווייל דו ביסט דער קוואַל אונטער זיבן ריגלען.
דער זיבן פענצטערדיקער, זיבן שלעסערדיקער מויער.
ווייל דו ביסט דאָס ליכט און דער באַפּרוכפּערנדיקער וואָלקן
ווייל דו ביסט די פאַרקערפּערונג פון יענעם גרויסן ליכט —
ווייל ליכט איז דער זין פון מענטשן.
פון יעדן מענטשן הויבט זיך אויף אַ ליכט אַזאַ.
אַלע מענטשלאַכע ליכטער גרייכן ערגעץ אין איין הויכן פּונקט.
דאָס איז אַ פינטל אַזאַ, וואָס נעמט און גיט ליכט.
ווי די כּלה פון דער וועלט שיינט פאַר די מענטשן
דאָס באַוואוסטזיין פון דעם ליכט־פּונקט פון דער וועלט.

כּלה ליכטיקע, כּלה ריינע!
אמתע אַנגעהעריקייט, דערפילונג אמתע,
שטראַלט איצט פון דיין אויפגעלויכטן פּנים.

דורכגעלויכטן איז דיין בלוט איצט,
דיינע געדאַנקען און דיין לייב,
און פול מיט אויפגעשפּילטן מענטשלאַכן געזאַנג.
דערפאַר ביסטו אונז היינט נאָענט אַזוי,
דערפאַר טאַנצן מיר היינט און זינגען אַרום דיר.

דו ביסט היינט די זון און מיר דיינע מזלות
דו ביסט די לבנה און מיר דיינע שטערן,
כּלה, כּלה, כּלה.
מיר זיינען ניט קיין מזלות, ניט קיין שטערן

און דו ביסט פּאָרט אונזער ליכט,
מיר זיינען מענטשן, לעבעדיקע מענטשן
און דו דערוויַיזט אונז די ריינע שיינקייט פון אונזער מענטשלאַך לעבן.

דעריבער זיינען גערעכט אונזערע אייביקע קריגער, די קריגער פון אונזער איין בלוט, די בית־שמאי און די בית־הלל, ווען זיי קריגן זיך דווקא וועגן דעם, ווי מען זאָל טאַנצן, ווי מען זאָל זינגען פאַר א כלה און ניט פאַר דעם חתן און דער כלה.

און דעריבער זיינען אוודאי גערעכט די בית־שמאי, ווען זיי זאָגן — מען דאַרף זינגען: „לויטער צוויבער איז די כלה, ריין און ניט באַפלעקט". און עס איז שוין ממילא אויך גערדונגען, אַז אויך די בית־הלל זיינען גערעכט, ווען זיי זאָגן — מען זאָל זינגען: „די כלה איז, ווי זי איז".

וואָרים ווי דען איז די כלה אין דעם אַנגעזיכט פון איר באַשערטן? ווי דען ביסטו כלה, אונזער כלה? ביסט דען ניט לויטער, ביסט דען ניט ריין, שיינסטו דען ניט ווי די לבנה, ווי די שטערן, ווי די זון פון הימל?

נאָר איינן בלוט מעג זיך פונדעסטוועגן קריגן, צוליב דעם גרויסן הליק פון דעם זאָג, און צוליב דער קלאָרקייט פון געדאַנק.

און דער מאַן, מיטן גרויען קאָפּ און קליינעם קינדערשן קערפּער, דעקט־אָפּ דעם ערדענעם טאָפּ, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט גע־האַלטן אין די הענט און אַ פלאַם־פייער זעצט פון דאָרט אַרויס, און ער דעקט נאָכאַמאָל אויף דעם טאָפּ און אַ שטראָם וואַסער שפּריינגט פון דאָרט אַרויס און דאָס וואַסער נעמט לויכטן, ווי דאָס פייער און דאָס פייער נעמט פרעסן דאָס וואַסער. און דאָס פייער נעמט ווערן ווייס ווי שניי און בלוי, ווי אַ טייך, און דאָס פייער און דאָס וואַסער ווערן נאָכדעם אַ שטיק נייער הימל.

און דער מאַן אַף דעם פייערדיקן לייב זאָגט:

„פון אש — פייער און מים — וואַסער איז, שמים — דער הימל באַשאַפן געוואָרן:

„פייער און וואסער האָבן זיך פאַראייניקט צוליב דעם וועלט־באַשאַף;

אין דעם ערשטן טאָג פון באַשאַף איז דאָס געשען;
און דערפאַר איז טאָקע דער טאָפּ
אַ צייכן פון פרידן,
ווייל מיטן טאָפּ קאָן מען ברייננגען
וואַסער אין פייער
צוליב גוטע און פרידלאַכע נוצן.
שיינק איך אייך דעם ערדענעם טאָפּ פון פרידן.
אויב דו ביסט קוואַלענדיק וואַסער
און דיין באַשערטע ברענעדיק פייער,
איז די ליבע ווי מיין אָפּגעהיטער טאָפּ.
ווי אָט־דער כישופדיקער טאָפּ פון ערד,
זאָל אייער ליבע זיין מיין מעשה
אין אָט־די שטיק הימל —
זאָל אייער פאַן גון פרידן זיין.

דאָס האָט זיך אַזוי פאַנאַנדערגעשפילט פאַר בערמאַנען אַ דרשה פון זיין טאַטן, דעם מגיד. בערמאַן האָט זיך באַטייליקט אין דער זעאונג, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז ער שטייט בלויז ביי זיך אין צימער לעבן זיין פענצטער מיט אַ האַרץ, וואָס טוט וויי.

ער האָט ניט געוואוסט, אָדער ניט געוואָלט וויסן, אַז דער טאַטע שפּילט איצט אויף דורך אים. אים האָט זיך געוואָלט אָפּלייקענען, אָדער באַצווינגען און צופּאַסן די זעאונג צו זיך, און ער האָט מיט אַ שמייכל אַ טראַכט געטאָן:

„ער ווייסט, ווייזט אויס, ניט אָט־דער מענטש אַף דעם פייערדיקן לייב, אַז זיין כלה איז ניט גלאַט אַ כלה. נאָר, אַז דאָס פאַרקנסט ער אים איצט אַזוי צו דער רעוואָלוציע" און ער גיט אַ זיפץ מיט זיין גאַנצן, צעבראָכענעם געמיט:

„וואָס קומט דאָ היינט פאַר מיט מיר? וואָס שלאָגן דאָס חיינט אַרויס פון מיר אַזוי שטאַרק זאַכן פאַרגעסענע? גראָד היינט. וואָס הוילן זיי פון מיר?"

און ער טראַכט נאָכאַמאָל:
„אַט, ווי עס ווייסט ניט אַ מענטש פאַרוואָס ער ווערט געבוירן, אַזוי ווייסט ניט אַ מענטש פאַרוואָס עס קומען אים גראָד אין דער צייט פון אויפרעגונג, אַזוינע אומדערוואַרטע, אַזוינע מאָדנע געדאַנקען און זעאונגען."
און בערמאַן האָט געהאַט אַ געפיל פון שרעק דערביי און געטראַכט:
„אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס דער ווילן איז ביי מיר איצט אָפּגעשוואַכט, און אפשר ניין. אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס דער ווילן ווערט געשטאַרקט? אַ ווילן אַזאַ האָט זיך געלייטערט גראָד דערפאַר, ווייל דער קערפּער איז צעטרייסלט. ווייל דער קערפּער איז אויסגעשעפּט. ניין. ער איז ניט צעטרייסלט, ניט אויסגעשעפּט; דאָס האַרץ נאָר טוט וויי, אָבער ער איז גאַנץ. נאָר מאָדנע גרינג איז ער איצטער, ווי אַ פעדער, ווי אַן אָטעם אַ גרינגער." און ער טראַכט פונדעסטוועגן ווידער, „אַז ווי עס ווייסט ניט אַ מענטש פאַרוואָס ער ווערט געבאָרן, אַזוי ווייסט ער ניט..."
ער האָט זיך אָבער באַלד, טראַכטנדיק, איבער:
„עס ווייסט טאַקע ניט אַ מענטש פאַרוואָס ער ווערט געבוירן, — אָבער, ווי עס איז דאָ אַ זיכערע און געזונטע לאָגיק אין דעם געבוירן ווערן, אַזוי איז אויך דאָ אַ מין זיכערער גאַנג אין אָט־די געדאַנקען, זעאונגען און ווערטער, וואָס קומען, דאַכט זיך, אַרויס אַזוי אומדערוואַרט און קומען גראָד קלאָרער און פּאַרטיקער דווקא אין דער צייט פון אויפרעגונג.
„און אָט די געשטאַלט, וואָס האָט אים באַגלייט פון זינט ער איז מיט אַ ווייטיקדיקן האַרץ אַרויס פון דעם זאַל ביז ער איז געקומען אַהערצו אַהיים, צו זיך אין צימער, און וואָס שטייט מיט אים איצטער אונטער דער חופּה, ווער איז זי? האָט ער ערגעץ וואו געזען אַזאַ? יאָ. ער האָט געזען. דאָס איז זי זיין אידייע וועגען אַ פרוי, זיין חלום וועגן רעוואָלוציע. „דאָס זינגט מיין געמיט איצט פאַר איר אַ שיר השירים אַ נייעם. איך האָב דאָך אַמאָל געפלאַנט, אויפצושטעלן פון דער גמרא און פון זוהר אַ שיר השירים אַ נייעם".
„רעוואָלוציע, מיין כלה! וואו און ווען האָב איך דיך ערגעץ פריער געזען אַזאַ?" — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

און אַט קומט פונם צעעפנטן הימל אַרוים אַף אַ ווייסן, שוועבנדיקן העלפאַנט אַ מענטש. און דער מענטש טראָגט אַ קאַרב אַף זיין קאָפּ און דער מענטש הויבט אויף זיין משל און זאָגט:

„חתן, זיבן ברכות דאַרף מען דיר היינט געבן...
אַ ברכה אַ טאָג, אַ ברכה אַ טאָג.
און איך בין היינט דער צווייטער;
דער צווייטער, אָבער אויך דער ערשטער,
וואָס האָט דערהערט, אַז דיין זיווג איז ניט גלאַט אַ כלה —
נאָר אַז רעוואָלוציע איז דיין כלה.
איצט הער —
— עס שטייט געשריבן:
„קשה זיווגו של אדם כקריעת ים־סוף"
שווער איז צו פּאָרן אַ מענטשן מיט זיין אמתער פּאָר, פּונקט,
ווי עס איז שווער געווען צו נעמען אַ גאַנצן ים און אים צע־
רייסן אַף צווייען."

„פאַרוואָס אָבער זאָל דאָס זיין אַזוי שווער, ווען זיי זיינען, נאָך פון פריער, אַ זיווג, וואָס דאָס מיינט דאָך, אַז זיי זיינען אַ פּאָר, וואָס זיינען לכתחילה געווען באַשערט איינס פאַרן צווייטן?

„איז אויף דעם דער תירוץ, אַז דעם ים, ווען ער איז געשפּאָלטן געוואָרן, איז אים אויך געווען באַשערט געשפּאָלטן צו ווערן; עס איז געווען אַ בפירושער תנאי ביי מעשה־בראשית.

„און גלאַט, וואָס איז דען שייך ביי גאָט שווער? עס שטייט דאָך געשריבן וועגן גאָט „ער זאָגט און עס ווערט". אָבער, פונדעסט־וועגן ביז עס איז ניט געקומען נחשון בן עמינדב, האָט זיך דער ים פאָרט ניט געקאָנט שפּאַלטן, וואָרים עס שטייט געשריבן, אַז ווען די אידן זיינען געלאָפן פון קנעכטשאַפט, האָבן די מצרים זיך געיאָגט נאָך זיי און האָבן זיי אָנגעיאָגט ביים ים; הינטער דעם באַפרייטן פאָלק זיינען געשטאַנען די פאַרקנעכטער זייערע, גרייט זיי ווייטער צו פאַרקנעכטן.

„פון פאָרנט איז געווען דער ים. און די האַרן פון פאָלק האָבן זיך אַלץ געישובט, זיינען געווען גרייט צוריק צו געבן דאָס פאָלק צו אונ־

טעריאַכונג, אבי צו ראַטעווען זייער אַנגעזאַמלטע רייכקייט און זייער מאַכט.

„האָט נחשון בן עמינדב, דער אינגסטער, אויסגעשריען:

„ברידער! איידער ווייטער קנעכטשאַפט, בעסער אין ים און אַף גאָטס באַראָט! און נחשון בן עמינדב האָט אַ שפּרונג געטאָן, ווי אַ לייב, און האָט זיך דער ערשטער געוואָרפן אין ים.

„און דאָס פאָלק האָט דערפילט, אַז ניט די האַרן דאַרף מען פאָלגן; אַז נחשון בן עמינדב האָט זייער וואָרט געזאָגט.

„און זיי זיינען אויפגעשטאַנען, ווי לייבן און לעמפּערטן, און האָבן זיך מיט גרויס אימפּעט גענומען גיין אין ים. אַף לעבן און אַף טויט. — אבי קיין קנעכט ניט בלייבן.

„און אפילו ווען זיי זיינען שוין געווען ביזן האַלדז אין וואַסער, האָבן זיי נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט גיין נאָך זייער פירער נחשון בן עמינדב. אַף לעבן און אַף טויט נאָך זייער פירער.

„דעמאָלט האָט דער ים דערפילט, אַז זיין צייט איז געקומען — אַז דאָס פאָלק איז ראוי און ערשט דעמאָלט האָט דער ים אויפגעציטערט פאַר גרויס פרייד; האָט צונויפגענומען זיינע אַלע וואַסערן און האָט זיי געשפּאָלטן פאַרן פאָלק, וואָס איז געווען ווערט. און דעם פאָלקס אונטערדריקער האָט ער נאָכדעם דערטרונקען אין זיינע אָפּגרונטן.

„און אַ חתן און אַ כלה זיינען אין דער בחינה פון נחשון בן עמינדב. אַ חתן און אַ כלה — דאָס זיינען צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך אַזוי שטאַרק ליב, אַז זיי זיינעןביידע גרייט צו וואַרפן זיך אין ים פון לעבן, וואָרים ערשט דעמאָלט קאָנען זיי דערוואַרטן, אַז דאָס לעבן וועט זיך פאַר זיי עפענען, ווי דער ים האָט זיך געעפנט פאַר נחשון בן עמינדב.

„היינט נאָך מיט וויפיל מער דאַרפסטו, חתן, זיין פאַרליבט אין דיין ליכטיק־אויגיקער כלה, וואָרים זי איז דאָך די שענסטע פון אַלע מעכטער, די אויסדערווײלטע טאָכטער פון ערד און פון הימל, זע דיין כלה איז דאָך די רעוואָלוציע!"

אַ גוטע וואַרימקייט פלאַטערט אויף אין בערמאַנס האַרץ פון די לעצטע פאַר ווערטער. ער ציטערט אויף מיט דאַנקבאַרקייט צו דעם גרייז אַף דעם ווייסן העלפאַנט, דערפאַר, וואָס ער האָט אַנגערופן זיין

כלה — רעוואָלוציע, און האָט אים דורך דעם איצט אַזוי זיכער פאַרבונדן מיט אַ ליכט, מיט אַ געזאַנג פון דורות און פון צייטן. און דער מאַן אויף דעם ווייסן עלפאַנט מיטן געפלאַכטענעם קאָרב אויף זיין קאָפּ פאַר־ענדיקט: דעריבער בענטש איך דיך און דיין ליכטיק־אייניקע כלה און זעט: איך שפּרייט פאַר אייך אויס דעם ים פון לעבן און וואַרף פאַר אייך אַביסל פון די ליכטיקע פיש פון מיין קאָרב. וואַרפט זיך אין דעם ים ווי נחשון בן עמינדב, וואַרפט זיך, ווי איך וואַרף מיינע פיש פון קאָרב אין ים אַריין.

די זעאונג האָט זיך נאָך ווייטער געצויגן. דער מאַן אויפן ווייסן העלפאַנט און מיטן קאָרב אויף זיין קאָפּ, האָט פאַרשטאַנען בערמאַנס ציטערדיקן פאַרלאַנג, און האָט אַלץ אָפּגעטייטשט מיט רעוואָלוציע.

און בערמאַן איז זיך אַלץ געשטאַנען פאַר זיין פענצטער, געלאָזט די זעאונג פריי שפּילן פאַר די אויגן און טיילווייז באַוואָונגען די זעאונג, אָפּט אויך אָפּגעשטופּט פון דער זעאונג זייטיקע זאַכן, וואָס האָבן געוואָלט אויפוואַכן. דערביי אַזוי ווי געשטאַנען אין אַ זייט פון זיך, געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ פרעמדן און זיך געוואונדערט וועגן זיך, שוין ניט צום ערשטן מאָל. און געטראַכט:

„מיט וויפיל איז אַ מענטש גרעסער פון זיין גרויס?... זע, וואָסערע טראַכטונגען עס קאָנען אויפטויכן אין אַ מענטשן, גראָד דעמאָלט, ווען ער איז מיד, אויסגעשעפּט און אויפגעטרייסלט ביז זיין טיפסטן אינווייניק.

„מען האָט שוין אויסגעטראַכט מאָסן אויף צו מעסטן די ימים, די ערד, די זון און די שטערן. נאָר אַ מאָס אויף צו מעסטן, מיט וויפיל אַ מענטש איז גרעסער פון זיין אייגענער גרויס — ווער וועט אַזאַ מאָס אויסטראַכטן?”

ווען בערמאַן האָט זיך נאָכדעם אָפּגעקערט פון פענצטער, האָט ער פאַר זיך ווידער דערזען די שטיל און גרויס־אויגיקע געשטאַלט. דאָס יידלש געשטאַלט, וואָס האָט אים באַגלייט ביז אַהיים. ווי בלייך זי איז!... זי שמייכלט ווי די לבנה און איז כמעט אַזוי הויך ווי ער. און דאָס איז ער דאָך מיט איר ערשט געשטאַנען און שטייט דאָרט נאָך איצט מיט איר אונטערן הימל... מען גייט נאָך אַ ריקודל אַרום זיי. נחשון בן עמינדב פירט אָן מיטן טאַנץ. די בית־שמאַי מיט זייערע געקנאָכטע בנימער און שפּיציקע בערד טאַנצן און זינגען אינדרויסן: „דאָס קול פון

רעוואָלוציע אַפן וואַסער, דאָס קול פון רעוואָלוציע אין קראַפט, דאָס קול פון רעוואָלוציע אין שיינקייט, דאָס קול פון רעוואָלוציע ברעכט בענעבוימער, דאָס קול פון רעוואָלוציע שלאָגט פלאַמען פייער, דאָס קול פון רעוואָלוציע טרייסלט אויף דעם מדבר, דאָס קול פון רעוואָלוציע באַוועגט די וועלט, דאָס קול פון...״

און מיט אַן אומדערוואַרטער פלוצלינגדיקער קלאָרקייט כאַפּט זיך מיטאַמאָל בערמאַן, אַז דאָס אַלץ, אינאיינעם מיט דער היינטיקער רבי בך בר חנאַס רעדע, זיינען דאָך דרשות פון זיין טאַטן. און אָט־דאָס גרויס־אויגיקע געשטאַלט פון דער מיידל, וואָס קוקט אַף אים אַזוי און וואָס שטייט מיט אים דאָרטן, איז דאָך גאָר דאָס געשטאַלט פון דער מיידל, מיט וועלכער בראַווערמאַן איז געקומען צום מיטינג. — דאָס איז דאָך די אַריסטאָקראַטקע!...

און בערמאַן דערפילט זיך מיטאַמאָל אינגאַנצן אַ צעדריקטער:

„איך און אָט־די אַריסטאָקראַטקע, איך...״

אַפן וועג אַהיים האָט בראַווערמאַן זייער פיל גערעדט צו גערטרודן פון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, וואָס איז געבויט אַפן לעבן. דאָס לעבן אַליין צווינגט אָט־די אַלע פשוטע אַרבעטער צו טראַכטן, צו פאַר־אייניקן זיך און צו קעמפן. און גערטרוד האָט אים צוגעהערט, ווי זי וואָלט אין זיך איינגעזאַפּט די גרויסע לערע, וואָס איז ערשט היינט פאַר איר געוואָרן האַפּטיק, אַמתדיק. כמעט אַזוי אַמתדיק ווי אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע. און איר אַליין וואָלט זיך אויך וועלן זיין איינע פון זיי — זי וואָלט פאַר זיי געשפּילט קאָנצערטן, זי וואָלט מיט זיי אינ־איינעם געגאַנגען איבער דער גאַנצער וועלט און וואָלט... און אָט־דער וואָס האָט אַזוי הייזעריק געשריען... פאַרוואָס זיינען ביי אים די האָר אַזוי צעשויבערט? ער וואָלט דאָך געקאָנט אויסזען אַזוי שיין ווי אַ לאַנגרין. ער איז כמעט ווי יענער, וואָס זי האָט אַמאָל ביים פּאַקל געזען... זיי זיינען דאָך אַזוי מאָדנע ענלאַך איינער אַפן צווייטן אָט־די „ראַשענס״... און אַ שמייכל שפּילט זיך פאַנאַנדער אַף אירע ליפּן — — אפשר איז ער טאַקע אַ פאַרוואַנדלטער לאַנגרין?... און זי דערזעט אים ווידער פאַר זיך, ווי ער שטייט אַפן פּלאַטפאָרם מיט זיין גרויסן צעשויבערטן קאָפּ, מיט זיינע פאַנאַנדערגעשפּרייטע גרויסע הענט און

שרייט אַ הייזעריקער וועגן דעם גרעסטן וואונדער, דעם גרעסטן חלום, וואָס קומט ערשט איצטער פאַנאַנדערשפּרייטן זיינע פליגלען און מיט־אַמאָל... גרויסער גאָט! ער איז דאָך טאַקע כּמעט ווי דער אייגענער, וועמען זי האָט לעבן פּאַקל געהערט רעדן וועגן ווייסן פויגל!... און אָט איז ער איצט, דאַכט זיך, גאָר נאָענט און שרייט אויס כּמעט גלייך אין איר פּנים אַריין:

„ווי אַ ווייסער פויגל וועט זיך דער אמת פאַר אייך אויפהויבן און מיט ווייט־פאַנאַנדערגעשפּרייטע פליגלען וועט ער שוועבן איבער אייערע קעפּ!"

און די ווערטער הילכן אַריין אין אירע אויערן אַזוי, אַז זי דער־שרעקט זיך אַזש, און זי הויבט אויף אירע אויגן. די גאַס אַף וועלכער זיי זיינען איצט געגאַנגען איז געווען אַ געשעפטס־גאַס, מיט פיל באַ־לויכטענע שויפענצטער, מיט גאַז־לאָמפּן פאַנאַנדערגעשטעלט אַף אייי־זערנע סטויפעס. פערד האָבן אַף רעלסן טראַמווייען מיט מענטשן גע־שלעפּט. דער הימל איבער דער גאַס איז געווען אַ לאַנגער, צעצויגענער, בלייכער פּאַס. ערגעץ דאָ אַרום, זאָגט מען, לעבן מענטשן אין קויט און אין שמוץ. אַרבעטן אין פאַרפּעסטעטע שעפּער, קומען זיך צונויף אַף מיטינגען, ווילן איבעראַנדערשן די וועלט. און ווי מאָדנע אָט־דער מיט דעם צעפּאַטלטן קאָפּ, האָט גערעדט... און גלייך דערויף ווענדט זי זיך צו בראַווערמאַנען און פרעגט:

— יאָ, ווי האָט איר געזאָגט, הייסט אָט־דער, וואָס איר האָט מיר פאַרגעשטעלט? אָט־דער וואָס האָט גערעדט צום סוף אַ הייזעריקער?

— בערמאַן, — ענטפערט בראַווערמאַן, אַביסל פאַוואונדערט פון איר פראַגע און זאָגט — אַ, ווי געפעלט ער אייך? אַ פאַנטאַזיאָר, אַ פאַנאַטיקער און אַן אָפּגעלאָזענער אַביסל, אָבער אַ וואונדערבאַרער מענטש!

— און ער אַרבעט אויך אין אַ שאַפּ?... — פרעגט גערטרוד צי־טערנדיק פאַר איר פראַגע.

— געוויס! — ענטפערט איר בראַווערמאַן. — דאָס זיינען דאָך אַלץ קינדער פון פאָלק, פון דער מאַסע, וועמען די עקאָנאָמישע באַדינ־גונגען עפענען די אויגן, און ווען זיי דערזעען די אומגערעכטיקייט פון

זײער לאַגע, לאָזן זײ זיך גלײַך אַװעק אַפֿן װעג פֿון פֿאַראײניגונג, װײַל זײ דערזעען אַז נאָר דורך אײניקײט קאָנען זײ זײער רעכט דערגרײכן.

גערטרוד איז דעם אָװנט לײַנגער װי אַלעמאָל געשטאַנען בײַ איר פֿענצטער. אַן אײַנגעװאַשענע און אין איר װײַסן נאַכט־העמד איז זי געשטאַנען און לאַנג געקוקט צו איר שטערן און צו דער לבֿנה און גע־טראַכט, אַז ער הײסט בערמאַן, און אַז ער רעדט װי אַ פּרײַדיקער, און אַז ער איז אַנדערש פֿון אַ פּרײַדיקער, און ער איז אַנדערש פֿון אַ גלח. און אַז ער איז אַזאַ, װאָס עס איז גאָר אַזאַ װי ער ניטאָ. און װען אַרום דער גרױסער לבֿנה האָבן זיך אַרומגעקליבן עטלאַכע טונקעלע װאָלקענד־לאַך, האָט זי מיטאַמאָל דערזען, אַז די װאָלקנדלאַך זעען אױס װי זײַנע צעשױבערטע האָר. פֿון די װאָלקנדלאַך איז געװאָרן אײן טונקעלער װאָלקן, װאָס האָט זיך אַריבערגעגליטשט איבער דער לבֿנה און נאָר דאָ און דאָרט האָבן אַרױסגעקוקט שײַנענדיקע שטיקער זילבער און דער גרױסער װאָלקן מיט דער אײַנגעשלונגענער לבֿנה האָט פֿאַר איר בײַם־לאַכװײַז אָנגענומען דעם אױסזען פֿון אַ גרױסן װײַסן פֿױגל. האָט זי צונױפֿגעלײגט די הענט אין אַ תּפֿילה און אַזױ שטום געשטאַנען און געקוקט צום פֿױגל ביז דער פֿױגל איז געװאָרן גרױס, זיך פֿאַנאַנדערגעװאַקסן איבערן שװאַרצן הימל, האָט זי פֿון דעם מיטאַמאָל דערפֿילט אַ קעלט אונ־טערן װײַסן נאַכט־העמד, האָט זיך דערשראָקן און איז אַװעק פֿון פֿענצטער.

IV

דער חפּוס און די וואָר

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

אין יענע צייטן, ווען די יוניאָנס זיינען אין אַמעריקע נאָך געווען שוואַכע און זייער ווייניק, פלעגן סטרייקס אויסברעכן אָפטער ווי איצט — אָפט דורך דער פשוטער פּראָוואָקאַציע פון געוויסע אַר־בעטער. עס זיינען אין יעדער „טרייד" און כמעט אין יעדן שאַפּ געווען אַזוינע אַרבעטער, וואָס פלעגן ביי דער קלענסטער געלעגנהייט העלפן אויפצורייצן צו אַ סטרייק, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז אויב גאָט העלפט אַ סטרייק, קאָן מען דורך דעם פאַרדינען „עטלאַכע טולער", ווייל אין דער צייט, וואָס די יאַלדן וועלן סטרייקן, וועט מען ביי די באַלעבאַטים קאָנען מאַכן אַ שיינע פּאָר טאָלער פאַר פאַרראַטן דעם סטרייק און מען וועט נאָך קאָנען אַריינקריגן לאַנג־טערמיניקע קאָנטראַקטן פאַר אַרבעט. די סעזאָנען אין די פאַרשיידענע טריידס, וואו די אַריבערגעקומענע זיינען געווען באַשעפטיקט, זיינען געווען זייער קורצע, און דער חלום פון אַ לאַנג־טערמיניקן קאָנטראַקט איז געווען דער העכסטער וואונטש פון יעדן אַרבעטער, אָבער קריגן אַזוינע קאָנטראַקטן פלעגן נאָר אַרבעטער, וואָס האָבן אָנגענומען „סקעב־דזשאָבס" אין דער צייט פון סטרייקס. צו דעם אויסברוך פון אָפטע סטרייקס פלעגט אויך צוהעלפן דאָס, וואָס צווישן די אַרבעטער אַליין פלעגן זיין האַלבע־גענגסטער, אָדער אַזעלכע, וואָס פלעגן זיך חברן מיט פּראָפעסיאָנעלע גענגסטערס. גענגסטערס, אָדער שטאַרקע — דאָס זיינען געווען אַזוינע באַרופענע יאַטן, וואָס פלעגן קומען אין צייט פון סטרייק צו פאַרדינגען די שטאַרקע קלעפּ, וואָס זיי קאָנען דערלאַנגען די אַריבערגעקומענע, וואָס האָבן געוואַגט צו סטרייקן.

בערמאַן האָט געהערט און אַ פּאָר מאָל געלעזן אין די צייטונגען און אַפילו שוין ניט איין מאָל געזען אין די צייטונגען פאָטאָגראַפישע בילדער פון צעשלאָגענע סטרייקער, מיט אונטערגעקלאַפּטע אויגן און אַרומגעבאַנדאַזשירטע קעפּ. יעדן מאָל, ווען ער פלעגט דאָס דערזען

פלעגט זיך דאָס האַרץ ביי אים פון דעם אויפברויזן מיט אַן אָנגעצונדענער הייסער ביטערקייט. יעדער גליד אין אים פלעגט, דאַכט זיך, פון דעם ווי אויפגעציטערט, ווי פּאַראַליזירט ווערן. דער געדאַנק, אַז מען שלאָגט מענטשן דערפאַר, וואָס ווילן פאַרבעסערן זייערע לעבנס־באַדינגונגען, דער געדאַנק, אַז מענטשן שלאָגן מענטשן, אַט ווי זיי שלאָגן אַ פערד, וואָס וויל זיך איבער עפּעס אַ סיבה אָפּשטעלן אינמיטן שלעפּן — דאָס פלעגט אים ווי דורכעקבערן דעם מאַרך פון די ביינער — מענטשן שלאָגן מענטשן ווי פערד און נאָך ערגער ווי פערד — שלאָגן ביז בלוט.

עפּעס אָבער פלעגן אָט־די מעשות פּאַרט אויסזען ווי אַ חלום. אָט־די באַשרייבונגען אין די צייטונגען מיט די אָפּגעדרוקטע פאָטאָגראַפישע בילדער און די צעשלאָגענע און פאַרבאַנדאַזשירטע פלעגן מיט אַ שטומען היהשן ווייטיק אויפקאָכן דאָס בלוט, כאָטש זיי זיינען געווען ווי אַ חלום.

אַ חלום, אפילו אַ בייזער, זעט פונדעסטוועגן פּאַרט אויס אַביסל מעשהדיק, און מעשות דערהויבן זאַכן אפילו מיט זייער אָפּשטויסנדיקן שרעק. דאָ האָט אָבער אַלץ געטראָפן אַזוי ניט־מעשהדיק, אַזוי ניט־גלויבלאַך, פּראָסט: בערמאַן און בעני זיינען זיך אין אַ געוויינטלאַכן פּאַרנאַכט געשטאַנען פאַר די טירן פון דער „מאָדעל העט ענד פּעשאַן קאָמפּאַני" און „געפּיקעט", געוואַרט, אַז אָט־באַלד וועלן די פּאָר סקעבס, וואָס אַרבעטן דאָרט, אַרויסקומען פון דער אַרבעט, וועט מען מיט זיי איבעררעדן, זיי דערקלערן ווי ניט ריכטיק עס איז זייער האַנדלונג. דערווייליע זיינען בערמאַן און בעני ביידע געווען אין כעס און אויפגערעגט, ווי עס זיינען געוויינטלאַך אַרבעטער אין אַזאַ פאַל. מען איז אין כעס אַף דעם, וואָס אינדרויסן איז עפּעס אַזוי געוויינטלאַך, פּונקט ווי עס וואָלט גאָר קיין זאַך ניט פאָרגעקומען, מען איז אויך אין כעס אַף דעם, וואָס אָט־די מיט אייזן־באַשלאָגענע גרויסע טירן פון דעם גרויסן פירקאַנטיקן מויער שטייען עפּעס אויך ווי פרעמדע, שטייען ווי גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס קוקן אַף דיר בלינד, זיי זעען דיך גאָרניט, זיי דערקאָנען דיך ניט, ווי זיי וואָלטן זיך מיט דיר גאָר קיינמאָל ניט אָנגעקערט, כאָטש אַזוי פיל וואָכן און יאָרן האָט מען זיי געקענט ווי אייגענע. עפּעס איז מיט פון אָט־די טירן און פון דעם מויער מיטאַמאָל אַזוי ווי אָפּגעהאַקט געוואָרן ווי נישטיקע שפּענער פון אַ קלאָץ אַ גרויסן, אַף ניט

איבערצובעטן זיך, אַף ניט צו דערקאָנען זיך מער. דאָס אייזן אַף די טירן איז, דאַכט זיך, געוואָרן האַרטער, שאַרפער, דאָס האָלץ און דאָס גלאָז איז געוואָרן קאַלטער. עס וואָלט זיך וועלן אַרויפלייגן די האַנט אַף דער גרויסער מעשענער קליאַמקע, אפשר האָט נאָך די קליאַמקע פאַרט אַביסל נאָענטקייט... נאָר די גרויסע שויבן פון די טאָפּלטע טירן מיט די אויסגעפלאַכטענע שטיקער אייזן איבער זיי קוקן אַף דיר, ווי אַ פּנים, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט מיט אַ קאַלטער, אייזערנער האַנט, כּדי צו קאָנען בעסער לאַכן פון דיר.

— פריער, בעני, דאַרף מען פונדעסטוועגן פּרוּוון רעדן מיט זיי מיט גוטן, נעם זיך ניט גלייך זידלען מיט זיי —זאָגט בערמאַן.

— אַ בראַנד אין זייערע ביינער, אַזוינע לויזיקע סקעבס — צעקאַכט זיך בעני.

אינמיטן דערינען אָבער קומט פון ערגעץ אָן ווילק, ברענגט מיט זיך אַ מאָדנעם שמייכעלע, גייט־צו, קוקט זיי אַזוי שמייכלענדיק אָן און זאָגט צו בענין:

— נו, בעני, וואָס זאָגסטו צו דעם, ראָזי סקעבט דאָך אויך.

— דאָס מוז זיין איר מומעס קאָפּ, זי האָט אַ מומע אַ צאַצקע, איך מוז זיך נאָך באַלד מיט איר דורכרעדן. עס וועט ביי מיר אַ רוח אין איר מומעס ביינער אַריין איניינעם...

אָבער איידער בעני האָט נאָך צייט געהאַט צו ענדיקן דעם פּזמון האָבן פּלוצלונג פון די פאַרבייגייענדיקע זיך אָפּגעטיילט צוויי חברה, האָבן זיך אַ שטעל געטאָן און מיט פאַרמאַכטע פויסטן גענומען שלאָגן בענין גלייך אין פּנים אַריין.

עפּעס אַזוי ניט־גלויבלאַך־פּראָסט.

בענים פּנים איז באַלד פאַרלאָפן געוואָרן מיט בלוט. ער האָט פאַר אַ ווײַלע געפּרוּווט אָנשטעלן זיינע עלנבויגנס, האָט אָנגעהויבן שרייען: פּאָלים! פּאָלים!

ווילק איז געשטאַנען און אַלץ מיט עפּעס אַזאַ מאָדנעם שמייכעלע געקוקט אַף בערמאַנען. בערמאַן איז אַ פּלוצלונג־פאַרטעמפּטער גע־שטאַנען פאַר אַ שווארצער, בליציקער רגע. מיט אַן אָפּגעשטעלט האַרץ און אויפגעשוואַרצטע אויגן געקוקט, געקוקט אַ פאַרגליווערטער. בעני ליגט שוין אַף דרערד. די פּאָר חברה קלאַפּן אים מיט די פיס. פּראָסט —

מיט די פיס איבערן קערפּער, איבערן קאָפּ. אימיצער, דאַכט זיך, אַ באַקאַנטער, גייט־צו צו בערמאַנען, קוקט אף אים אַזוי זיכער, אַט ווי ער וואָלט זיך געקליבן אים עפּעס זאָגן פּאַרטרויט, אָדער גאָר ברידעריש געבן די האַנט, און אָט איז שוין יענער אַזוי האַרט לעבן בערמאַנען, כמעט אף אים, און זאָגט:

— און דו, טכויר, וואָס טוסטו דאָ? וואָס גייסטו ניט צוריק קיין רוסלאַנד? וועלכער טייפל דאַרף דיך דאָ האָבן?!

אין בערמאַנען איז אַלץ פאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק, פון אומ־דערוואַרטקייט, פון כעס. ער זעט פאַר זיך אַן אָנגעשטרעקט פּנים, וואָס גרייט זיך כמעט אַרויפקלעפּן זיך אף אים, זעט רויטע האָר, בלויע אויגן, דערפילט אַ ריח פון בראָנפן אַרויסזעצן צו זיין פּנים, צו זיינע נאָזלעכער, און אָט אַ לעצטער אויסגעשריי:

— צוריק קיין רוסלאַנד, דו „סאַן אָוו איי...” — און איינעם מיט דעם אַ האַרטער קלאַפּ אפן שלייף פון קאָפּ.

מער האָט בערמאַן גאָרניט געדיינקט. ער האָט זיך נאָכדעם גלייך אַ וויג געטאָן און איז אומגעפאַלן.

קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק

אין הויז פון דער מאַדאַם פיינמאַן פלעגט זיך זינאַ האַלטן מיט גאַבריעלן אָפענער און פרייער ווי אין דעם הויז פון איר אייגענער מוטער. די מאַדאַם פיינמאַן האָט געקוקט אַף גאַבריעלן און זינאָן ווי אַף אַ „פּאָר־פאָלק", געזען שטענדיק ברענען אין זינאַס כמעט שטענדיק־ראָזן פּנים דאָס ריינע אויפגיין פון איר אייגענער יוגנט, זי אָפגעהיט ווי אַן אייגן קינד. די מאַדאַם פיינמאַן האָט געוואוסט, אַז מער פון אַלעמען טאָר גערטרוד פון דעם גאַנצן עסק ניט וויסן. עפּעס האָט, דאַכט זיך, פון דעם אייפערזיכטיק וויי געטאָן דער מאַדאַם פיינמאַן און עפּעס איז איר גראָד פון דעם געוואָרן ליכטיק אין די אויגן... פרייע ליבע, פרייע מענטשן. פריי לעבן. זינאַ איז אירע אַ תלמידה, זאָל זי לעבן. דאָס געפיל פון איי־בערזוכט, וואָס איז דערביי געווען, פלעגט דער מאַדאַם פיינמאַן אַזוי ווי העלפן זינגען איר מאָדנע פרייד וועגן דעם. די מאַדאַם פיינמאַן פלעגט אין אַזוינע מינוטן ליב האָבן דערזען איר אייגענע שלאַנקע פיגור אין דעם גרויסן שפּיגל, דערפילן דאָס גוטע דערפאַרענע לייב. אַ צופרידע־נער שמייכל פלעגט אויפטויכן ביי דעם געדאַנק. זי פלעגט זיך דערביי דערמאָנען אָן בערנשטיינען, אַפרופן, נעגיט און שטאָלץ אַ שמועס טאָן מיט אים און אָפּמאַכן זיך צו טרעפן מיט אים.

און גערטרוד טאָר פון דעם אַלעמען ניט וויסן. און גוט איז פון דעם, וואָס זי טאָר ניט.

ליזאַ, זינאַס מוטער, האָט גענומען אויסמיידן דאָס הויז פון די פיינ־מאַנס. פאַניאַ פיינמאַן האָט זי איינמאָל באַגעגנט און זי דערפאַר בייז אויסגעשטראָפט:

— שעמען מעגסטו זיך, דאָס איז דאָך פשוטע היפּאָקריטסטוואָ. פריידיקן פרייע ליבע צו אַנדערע און ווי נאָר עס קומט אַט־אַזוי־אַ — זיך אַרויסשטעלן אין אַזוינע פאַרבן.

— וואָס רעדסטו, פאַניאַ, — האָט זיך ליזאַ אַזוי ווי געוועקט און געבעטן — זי איז דאָך נאָך אַ קינד.

— וואָסער קינד! זינאַ איז אַ דערוואַקסענער מענטש, זי איז אַ מאָדערנע פרוי, און גאַבריעל מעג דיר אָנשטיין פאַר אַן איידעם. פאַראַן געגנוג מיידלאַך, וואָס וואָלטן זיך געשעצט גליקלאַך, אַז לעאָנאַרדאָ מ. גאַבריעל זאָל פאַר זיי חתונה האָבן. און דו אַליין האָסט אים, דאַכט זיך, אויך ניט פיינט.

— אָבער זי איז דאָך פאָרט אַ קינד — האָט ליזאַ ווידעראַמאָל זיך ווערנדיק געזאָגט.

— אָ, לאָז צורו, דו ביסט איינפאַך אַ רעאַקציאָנערקע!

האָט ליזאַ פאַררויכערט אַ סיגאַרעטל, שטאַרק פאַרצויגן און אַרויס־געלאָזט אַ געדיכטן רויך דורך דעם מויל און דורך די נאָזלעכער און האָט זיך אין אַ ווײַלע אַרום אָפּגערופן:

— ווי וואָלסטו זיך געפילט, פאַניאַ, ווען דאָס וואָלט געטראָפן מיט גערטרודן?

פאַניאַ האָט דערפילט ווי אַ שאַרפע בליציקע האַק וואָלט זיך אַריינ־געשניטן אינמיטן פון איר שטערן, האָט אָבער גלייך אַ שמייכל געטאָן. האָט צונויפגעצויגן אירע ביידע שוואַרצע אויגן־ברעמען, ווי אַף עפּעס אָפּצוּוועגן פון איר טונקל־הויטיקן הויכן שטערן, און זיך אָנגערופן מיט אַ פאַר איר אַליין ניט דערוואַרטער בראַווקייט:

— גערטרוד? גערטרוד איז דאָך אונז אַלעמען באַקאַנט אַלס אַ רע־אַקציאָנערקע, אָבער ווייטער, אַזאַ חתן ווי לעאָנאַרדאָ מ. גאַבריעל פאַר גערטרודן, עפּעס גאָר אַ קלייניקייט! ער אַ זינגער און זי אַ פּיאַניסטין... דער באַרימטער זינגער און זיין יונגע ווייב די טאַלאַנטירטע פּיאַניסטין...

ליזאַ האָט געהערט ווי פאַניאַ רעדט אַלץ אין די טערמינען „חתונה האָבן", „חתן", „יונגע ווייב", געוואָלט איר מאַכן אַ באַמערקונג וועגן דעם, האָט אָבער מורא געהאַט נאָך מער צו צעטרייסלען אַט־דאָס אַלטע געוועב מיט דעם רעאַקציאָנערן גאָלד־שטויב פאַר די אויגן. האָט זי נאָך נאָכאַמאָל שטאַרק פאַרצויגן דאָס סיגאַרעטל און האָט איר געענט־פערט:

— ביסט גערעכט, פאַניא, ביסט גערעכט, נאָר דו אַליין הערסט ניט וואָס דו זאָגסט.

— וואָס מיינסטו?

— איך מיין, אַז מיר זיינען טאַקע אַלע רעאַקציאָנערן, נאָר מיר ווייסן ניט פון דעם.

— רעאַקציאָנערן? ווער?...

— אַלע.

— אַ, לאָז צורו!

קאַפּיטל פּיראונצוואַנציק

ווען עס איז אין „דאָס ליכט" דערשינען דער ערשטער אַנאָנס וועגן דער פּראָגראַם פון דעם אָוונט פאַר דער בולאַק־צייטונג איז צווישן די נעמען פון די אַרטיסטן, וואָס וועלן זיך באַטייליקן אין דעם אָוונט, אויך געווען פּראָמינענט דערמאָנט גאַבריעל. אָבער אין די ווייטערדיקע אַנאָנסן האָט מען זיין נאָמען אַרויסגענומען. געשען איז דאָס אָט פאַרוואָס:

אין איין שיינעם טאָג נאָכן דערשיינען פון דעם אַנאָנס איז צו די פיינמאַנס אַרויפגעקומען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר צוואַנציק און זיך געפרעגט אף דעם אַפּערע־זינגער לעאָנאַרדאָ מ. גאַבריעל...

גאַבריעל איז אַרויסגעקומען צו דעם יונגנמאַן. דער יונגערמאַן האָט אים עפּעס אַזוי מאָדנע ברייט מיט פרייד און מיט שרעק אָנטקעגן געשמייכלט. גאַבריעל איז דאָ מיטאַמאָל געבליבן שטיין אפן מיטן וועג. די האָר ביי אים אפן קאָפּ האָבן זיך ווי אויפגעטרייסלט, ווי אויפגעבאַדלט. ער האָט אָנגעשטעלט צעטומלט זיינע גרויע וואַסערדיקע אויגן אף אָט־דעם הויכן, קרעפּטיקן און ברייט־פּלייצעדיקן יונגנמאַן און מיט אַ נערוועזער בייזקייט אים פונדערווייטנס אַ פרעג געטאָן:

— וואָס ווילסטו?!

דער יונגערמאַן האָט מיט פרייד און מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט זיך אַ צי געטאָן צו אים און אַרויסגערעדט:

— דאָס זענט איר גאַבריעל?

גאַבריעל האָט אים ניט־געבנדיק די האַנט געענטפערט „יאָ" מיט דער אייגענער נערוועזער בייזקייט און דערביי זיך אַזוי ווי צוריקגעצויגן, ווי עס ציט זיך צוריק אַן עלטערע חיה פון אַנטקעגן אַן אינגערער, אַ שטאַרקערער חיה, וואָס קלייבט זיך אַ שפּרונג טאָן אף איר. דער בחור איז דאָ גלייך צוגעלאָפן צו גאַבריעלן, אָנגעכאַפּט זיין ניט־אויפגעהויבענע קאַלטע האַנט און זיך אַ צעשטראַלטער, אַזוי ווי אינגאַנצן, אַ וואָרף געטאָן אף גאַבריעלן, גרייט זיך צו קושן.

גאַבריעל האָט האַסטיק אַרויסגעריסן זיין אַנגעכאַפּטע האַנט, דער־פילט ווי נאַקעטע ווערים איבער זיין לייב, און בייז און אויפגערעגט גענומען שרייען אויף דעם צערייצטן בחור:

— אַרויס פונדאַנען, דו דומקאָפּ, שנעל פאַרלאָז דאָס הויז!

— פּאַ! — האָט דער בחור אויסגעשריען מיט צעטומלטן שרעק — דו ביסט דאָך מיין פּאָטער. איך בין פּרעד.

גאַבריעלס שרעק איז פון דעם אַ וואַקס געטאָן אַזוי, אַז ער האָט כמעט אויפגעהערט זען פון שרעק. ווי אַ צעפּלאַסענע מאַסע האָט דער יונג זיך גענומען באַוועגן פאַר זיינע אויגן און גאַבריעל האָט מיט זיין פאַרגרעסערטן שרעק גענומען כמעט ווילד שרייען:

— אַרויס, דו אייזל! שנעל זאָלסטו אַרויס! אַרויס, דו אָפּגעריסע־נער נאַר! אַרויס!

דער בחור איז צעטומלט געוואָרן, דערהערט אין גאַבריעלס אויסגע־שריי דעם באַפעל פון אַ טאַטן, זיך ווי דערשראָקן צוריקגעצויגן מיט אומבאַהאָלפן־פאַנאַנדערגענומענע הענט, דערזען, ווי אין טיר האָט זיך גלייך באַוויזן אַ קורצינקע און נאָך איר אַ העכערע דאַמע... דער בחור איז נאָך מער צעטומלט געוואָרן, גענומען שטאַמלען:

— פּאַפּאַ, די מאַמע האָט מיך געשיקט צו דיר... די מאַמע...

גאַבריעל האָט דאָ געמאַכט אַ האַסטיקן טראָט צו דער טיר און אַליין ניט פילנדיק די פּאַטערלאַכע באַפעלערישקייט אין זיין קול אויסגע־שריען צום יונג:

— אַרויס, דו פאַרדאַמטער שורקע! און גלייך! צוריק צו דיין מאַמען דער...

און גאַבריעל האָט דאָ אַרויסגערעדט אַ זייער באַליידיקנדיק וואָרט אויף דעם אַדרעס פון דער מוטער.

דער יונג איז מיטאַמאָל שרעקלאַך בלאַס געוואָרן. עס האָט אים אַזש אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן. אַלץ אין אים האָט זיך מיט־אַמאָל איינגאַנצן געענדערט. ער האָט געמאַכט אַ טראָט צו גאַבריעלן און מיט אַן איינגעהאַלטענעם ברען אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האָסטו געזאָגט וועגן מיין מאַמען?!

גאַבריעל האָט ווידער געמאַכט אַ טראָט צוריק, זיך איבערגעמאָסטן מיט דעם יונגס אויגן און שאַרף געענטפערט:

— אַז זי איז אַ...

דעם יונג האָט דאָס גאַנצע בלוט אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ. ער האָט מיט אַן אײַזערנער האַנט פֿלינק אַ כאַפּ געטאָן דעם קלײנעם גאַבריעלן בײַ בײדע לאַצן און מיט אַ פֿאַרשטיקטן אָטעם אױסגעשריען:

— װאָס האָסטו געזאָגט װעגן דער מאַמען? װאָס האָסטו געזאָגט!

— רופֿט גלײַך אָפּ די פּאָליצײ! — האָט גאַבריעל אַ קאָמאַנדעװע געטאָן צו די פֿרױען.

זינאַ, בעסי פּינק און פֿאַניאַ פֿײַנמאַן זײַנען גלײַך באַפֿאַלן דעם בחור, אים אָנגעכאַפּט פֿאַר די הענט:

— אין אַ פֿרעמדער הױז! װאָס איז דאָס? שעמט זיך! איך רוף גלײַך פּאָליצײ.

דער בחור האָט אָפּגעלאָזט גאַבריעלס לאַצן, געבליבן שטײן אַ פֿאַר־לאָרענער פֿאַר די דרײַ פֿאַר יענער צײַט שטאַרק, דעקאָלטירטע דאַמען. איבער זײַן צערײַצטקײט האָבן זײ אים אַלע דרײַ אױסגעקוקט האַלב־נאַקעטע ער האָט בײַ זיך אַלײן אָפּגעמאַכט, אַז דאָס זײַנען דרײַ גאַסן־פֿרױען, װאָס זײַן פֿאָטער, דער גרױסער אָפּערע־זינגער, האַלט מיט זיך אין דעם רײַכן אַפּאַרטמענט. ער האָט אַף זײ געװאָרפֿן אַ בליק מיט זײַנע צע־שראָקענע אױגן און זיך אָנגערופֿן מיט כמעט גאַבריעלס אַרױסרופֿנדיקער עקשנות:

— טאָ זאָל ער אַרױסגײן מיט מיר אינדרױסן, זאָל ער אַראָפּגײן „דאַון סטעירז", איך װעל אַף אים װאַרטן „דאַון סטעירז" — האָט דער בחור צום סוף אױסגערופֿן, שױן שטײענדיק בײַם טיר. — איך מוז דאָס מיט אים „סעטלען". קײנער קאָן ניט באַלײדיקן מײַן מוטער, אַפֿילו װען דאָס איז אַן אָפּערע־זינגער, אַפֿילו איך זאָל אים דאַרפֿן אַראָפּשלעפּן פֿון אָפּערע־סטײדזש... איך װאַרט פֿאַר דיר „דאַון סטעירז" — האָט דער בחור מיט אַ לעצטן שאַרף־אָנגעצונדענעם בליק זיך אַרײַנגעשניטן אין גאַבריעלס צעטומלטע בליקן. גאַבריעל האָט זיך פֿון דעם דערפֿילט װי אַ דורכגעלעכערטער ביז דעם מאַרך פֿון די בײנער. אַ קאַלטער שװײס האָט גענומען אַרױסזעצן אַף זײַן לײַב. זינאַ האָט פֿאַרװאָרפֿן אירע הענט אַרום זײַן האַלדז, זיך גענומען פֿרעסן צו אים:

— פֿאַרװאָס האָסטו זיך אַזױ אױפֿגערעגט, טײַערינקער? — האָט

זי אים האַלדזנדיק געפרעגט — ער איז דאָך אַ נאַרישער אינגל, האָסט גאָרניט געדאַרפט רעדן צו אים. בארואיק זיך, ליבער, האַרציקער.

און בעסי מינדלין האָט אויפגעפּאַטשט מיט די הענטלאַך:

— אַט־דאָס הייסט געהאַנדלט ווי אַ מאַן! קיין מוסקול האָט דאָך ביי דיר ניט געציטערט. „וואָסער טאַטע? וואָסער מאַמע? ארויס פון מיין הויז, דו שורקע!” טאַטעס און מאַמעס ווילט זיך דעם נאָך אַלץ אין היינטיקע צייטן. ארויס צו דער מאַמען, דער... דו ביסט ווי אַ גאָט, גאַבריעל, ווי אַ גאָט. איך קני פאַר דיר — און זי האָט ארומגענומען זיין קאָפּ און האָט אים אַ קוש געטאָן.

און פאַניא האָט מיט איר שטאָלצן שמייכל אויך צוגעגעבן, אַז אַזאַ שטאַרקייט איז טאַקע באמת צו באַוואונדערן.

גאַבריעל איז שוין געווען גרייט צונויפצולייגן די ליפּן אין אַ העלדישן שמייכל. ער האָט שוין גענומען פילן ווי נאָך אַן אויסברוך פון פּאַרדינטע אַפּלאָדיסמענטן אין טעאַטער. איז אָבער דער מאַדאַם פיינ־מאַן איינגעפאַלן צוצוגיין צום פענצטער כדי צו זען צי דער בחור האַלט וואָרט, און זי האָט מיט שטוינען דערזען, אַז דער בחור האַלט טאַקע וואָרט און שטייט טאַקע אַ געגרייטער „דאָון סטעירז” און וואַרט.

— גאַבריעל, קום נאָר אַהער, זע נאָר! — האָט די מאַדאַם פיינ־מאַן אַ רוף געטאָן און האָט מיט איר האַנט אָנגעצייגט צום פענצטער.

גאַבריעל איז צוגעקומען, האָט אַ קוק געטאָן און דערזען מיט שרעק דעם בחור, ווי ער שטייט דאָרט אינדרויסן און וואַרט... דער שרעק האָט זיך גאַבריעלן אַזוי ווי צוגעקלעפּט צום לייב... פרעד, האָט ער געזאָגט. הייסט ער, פרעד... עס איז אפשר געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואָס גאַבריעל האָט דערפילט שרעק אַף אַזאַ שטייגער.

זינאַ איז ווידער צוגעקומען צו אים: קום אוועק, מיין טייערינקער...

ער האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון זיין שרעק, האָט ער זיך אַ דריי געטאָן צו איר און מיט שטרייכער אָנגעצווונגקייט זיך אָנגערופן:

— עפּעס ווערסטו מיר צו־קלעפּיק. זע נאָר, אויב מיט דיר האָט עפּעס ניט געטראָפן... איך האָב דאָס פיינט.

זי איז פון דעם ווי פאַרשטיינערט געוואָרן:

— גאַבריעל טייערער, וואָס רעדסטו?

— וואָס דו הערסט!

— איך וויל נאָר, אַז דו זאָלסט אוועקגיין פון פענצטער... קום...

קאַפּיטל פינפאונצוואַנציק

פריער איז ערגעץ אַף דער וועלט געווען אַ וואוילער יונג פיינמאַן אַף ניט אָפּצוטיילן זיך פון זיך אַליין, נאָכדעם איז צוגעקומען פאַניאַ און איז געוואָרן ווי אַ ניט־אָפּגעטיילטע ליכט פון די אויגן. נאָכדעם איז פונערגעץ פון דער לופט אַרום געקומען אַף צו פאַרבלייבן דער טיטול „פּראָפעסאָר", האָט פיינמאַן ממילא דערפילט, אַז מען דאַרף נעמען אַ גראָבן שטעקן אין האַנט, ווען מען גייט אין גאַס, ווייל אַז מען הייסט „פּראָפעסאָר" איז שוין בעסער צו גיין מיט אַ גראָבן שטעקן אין האַנט. האָט זיך מיט דער צייט אויך אָט־דער גראָבער שטעקן אַזוי איינגע־וואָרצלט, אַז ער איז געוואָרן ווי אַ טייל פון דעם טיטול „פּראָפעסאָר" און איז שוין ממילא אויך פאַרבליבן ווי אַ ניט־אָפּגעטיילטער טייל פון פיינמאַנען. דער שטעקן האָט אונטערגעהאַלטן די זיכערקייט, האָט גע־בראַכט רו און ווירדע, האָט געהאָלפן מעסטן די טריט און די געדאַנקען. האָט געוועקט פאַרשטענדניש פאַר כינעזישע אַנטיקן, פאַר כינעזישע געשיר, פאַר שיינע טעפּיכער אַף די דילן, פאַר אַ בילד אַפן וואַנט, פאַר שיינע גאַרטלען פאַר זיין טאָכטער גערטרוד און שטיקערייען פאַר זיין ווייב.

איז פּראָפעסאָר פיינמאַן מיט זיין גראָבן שטעקן אין האַנט און מיט אַ ווירדיקן פּראָפעסאָרישן טראָט אַנגעקומען אַף דער גאַס, אַף זיין וועג צו זיין הויז, און ווי ער גייט אַזוי דערזעט ער אַ יונגנמאַן אַרומדרייען זיך אַף דער גאַס און אַרויפקוקן פון־מאָל־צו־מאָל צו דער טיר און צום פענצטער פון זיין הויז. פונאָנהויב האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז הוגאָ, וואָס דרייט זיך אַרום און וואַרט אפשר אַף גערטרודן זי זאָל אַרויס און זיך מיט אים איבערבעטן. ערשט, ער קוקט זיך איין און דער־זעט, אַז דאָס איז ניט הוגאָ, נאָר אַנאַנדער בחור, אַ פרעמדער. איז זיך פיינמאַן פונדעסטוועגן ווייטער רואיק גענאַנגען מיט זיין פולער פיגור, מיט זיין גרויסן קאָפּ, מיטן גראָבן שטעקן אין האַנט.

דער יונגערמאַן, פרעד, האָט דערזען אַט־דעם מאַן מיט די לאַנגע האָר אַפן גרויסן קאָפּ, מיטן גראָבן שטעקן אין האַנט, איז אים פון קוק אויס איינגעפאַלן, אַז אַט־דער מאַן גייט, דאַכט זיך, אויך צו דעם הויז, האָט ער זיך אוועקגעשטעלט פאַר דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען פאַר דעם אַריינגאַנג צום הויז, און געוואַרט. פיינמאַן איז צוגעגאַנגען גלייך קוקנדיק אַף פרעדן און האָט געפרעגט:

— וואָס איז?

— וואָס זאָל זיין? — האָט פרעד צוריק געפרעגט קוקנדיק אַף פיינמאַנען ארויסרופנדיק.

— איר ווילט מיר עפּעס זאָגן? — האָט פיינמאַן געפרעגט קאַלט.

פרעד איז צעטומלט געוואָרן, האָט אויפגעהערט שמייכלען און געזאָגט:

— איך וואַרט דאָ אַף אימיצן.

— אַזוי, אַף אימיצן... נו, זעצט זיך אַוועק, יונגערמאַן, איר וואַרט? פאַרוואָס ניט? אָבער צו וואָס זיין צעטראָגן? אַט, לאָמיר זיך ביידע אַוועקזעצן. דאָס איז גוט — האָט פיינמאַן צוגעגעבן, זיך אַוועקזעצנדיק אַפן באַנק — זעצט זיך אַוועק.

דער בחור איז נאָך מער צעטומלט געוואָרן. עס איז אים במעט ווי אַריין טרערן אין די אויגן; ער האָט זיך אַזויווי מיט גוואַלט אַוועקגעזעצט.

— נו, אדרבה, דערציילט — האָט פיינמאַן זיך צו אים ווי פאָטער־לאַך געווענדט — זאָגט, אַף וועמען וואַרט איר?

— אַף מיין טאַטן — האָט זיך דער בחור מיט כעס אָפּגערופן.

— אַף אייער טאַטן? — האָט פיינמאַן מיט שטוינען איבערגע־פרעגט. עפּעס איז דאָ דער מער מיט דעם בחור — האָט פיינמאַן אַ טראַכט געטאָן און געפרעגט:

— איז פאַרוואָס־זשע זענט איר אַזוי צעטראָגן? איך מיין, וואָס זענט איר אין כעס?

דער בחור שווייגט.

פיינמאַן קוקט אים אַלץ אָן פאַרדעכטיק און פרעגט ווייטער:

— איר זאָגט אייער פאָטער?

— יאָ! — ענטפערט דער בחור.

פײַנמאַן שטעלט צו אים אַן זײַן גאַנצן גרױסן קאָפּ און פֿרעגט:

— װער און װאו איז אײַער פֿאָטער?

דער בחור גיט זיך צו אים מיטאַמאָל אַ דרײ, כּמעט װי אַן אונטער־געביסענער, און רעדט אַרױס מיט אַ גיפֿטיקן כּעס:

— ער איז „עי ראַטן מען". ער װאױנט דאָ אין דעם הױז מיט זײַנע קורװעס — האָט דער בחור אױסגעשריען, װײַזנדיק מיט אַ פֿינ־גער פֿון זײַן אױסגעשטרעקטער האַנט צו פֿײַנמאַנס פֿענצטער. — ער איז אַן אַפּערע־זינגער, אָבער ער קאָן ניט באַלײדיקן מײַן מאַמען, אַפֿילו אויב ער איז אַן אַפּערע־זינגער! — האָט ער זיך צעשריען.

דער בחור איז דאָ מיטאַמאָל אױפֿגעשפּרונגען. פֿײַנמאַן האָט זיך אױפֿגעהױבן מיט שרעק און האָט דערזען אין דעם צערײַצטן בחור אַ נײַ־אױפֿגעקומענעם, אַ גרעסער־געװוּקסיקן גאַבריעל.

— ער װאױנט דאָרט מיט זײַנע קורװעס — האָט דער בחור װײַטער געשריען און די ליפּן זײַנע זײַנען אים כּמעט פֿאַרדעקט געװאָרן מיט אַ װײַסן שוים — איר זענט מן־הסתּם אױך אַזױ װי ער, טפֿוי!... — האָט דער בחור אױסגעשפּיגן, זיך אַ דרײ געטאָן אַ צערײַצטער און איז אַװעק לױפֿנ־דיק, װי ער װאָלט געלאָפֿן פֿון אַ שרעקלאַכער פּעסט.

פֿײַנמאַן האָט אים נאָכגעקוקט אַ װײַלע און נאָכדעם אַזױ גע־בליבן זיצן אױף דער באַנק, אַרױפֿגעלײגט בײדע הענט אױפֿן קאָפּ פֿון דעם גרױסן שטעקן, געקוקט פֿאַר זיך, געטראַכט, װי מאָדנע זאַכן לײגן זיך צונױף, געטראַכט: אַט־װאָס איז געבױרן געװאָרן פֿון גאַבריעלן!... געטראַכט װעגן דעם װאָרט, װאָס דער בחור האָט געזאָגט װעגן די פֿרױען. געטראַכט: סאַראַ שאַרפֿער װאָרט! װי קומט דאָס צו אַ בחור אַזאַ שאַרפֿקײט? אַזאַ װאָרט! גאַבריעלס זון, יאָ!

אין פֿײַנמאַנען פֿלעגן באַרעדעװדיק און שטיל אָנגײן מאָדנע געדאַנ־קען פֿון־צײַט־צו־צײַט. פֿײַנמאַן האָט געװענליך געטראַכט, אַז די געדאַנקען פּאַסן צו זײַן פּראָפֿעסאָרישקײט. אַרױסרעדן די געדאַנקען האָט פֿײַנ־מאַן דאָך קײנמאָל ניט געקאָנט, עפּעס אַזױ װי ער װאָלט מורא געהאַט, אַז עס זאָל פֿון זײ גאָרניט װערן, װי נאָר ער װעט זיך פּרוּװן עפֿענען דאָס מױל. און װי נאָר דער בחור איז אַװעק און אים דאָ איבערגעלאָזט אױפֿן באַנק, האָט זיך אַן אַלטער געדאַנק אַזאַ, װאָס פֿײַנמאַן האָט שױן אַ פּאָר מאָל פֿריער געטראַכט אָבער קײנמאָל ניט אַרױסגערעדט, פֿאַר

אַ מינוט לאַנגזאַם ווידער אַ וויג געטאָן אין זיין גרויסן, שווערן קאָפּ: מענטשן מיינען, אַז חתונה האָבן מיינט געשלעכט. מענטשן ווילן ניט מיינען, אַז פון יעדן מענטש גייט־אויף אַ ליכט אַזאַ. אַט־דאָס ליכט איז — חתונה ראָס איז אַ באַהעפטונג פון מענטשלאַך ליכט מיט ליכט. ווען מענטשן זאָלן עס ווייסן, וואָלט גאָר קיין זינד אַף דער וועלט ניט געווען. און עס קאָן פונדעסטוועגן זיין, אַז ווען אַט־דער בחור וואָלט דאָ אין הויז געטראָפן גאַבריעלס ווייב, און ניט זיין לעצטע, ווער ווייסט די ווייפּלטסטע געליבטע, וואָלט אים גאָרניט איינגעפאַלן, אַז דאָס זיינען אַזוינע פרויען, ווי ער מיינט, ווייל אַ ליכט אַזאַ וואָלט פון דעם אויפגעגאַנגען אין הויז און וואָלט געריייניקט אַלעמען אין הויז. אַ ליכט אַזאַ גייט־אויף פון מענטשן. מענטשן וואָלטן געדאַרפט אויסטראַכטן אַזאַ אַפּאַראַט צו קאָנען פאָטאָגראַפירן אַט־דאָס ליכט. אַט־דאָס אמתע ליכט, וואָס גייט־אויף פון זיין פּאַניאַן, האָט זי קיינמאָל קיינעם ניט געקאָנט אָוועקגעבן. אַט־דאָס ליכט איז נאָר אירס און זיינס, ווייל מיט אַט־דעם ליכט האָט זי חתונה געהאַט. דאָס איז אַזאַ ליכט, מיט וועלכן מ׳פאַרקנסט זיך צום מאַן, צום באַשערטן. און מענטשן ווייסן דאָס ניט. און ווען מען זאָגט זיי דאָס, וואָלטן זיי... געלאַכט, אויסגעלאַכט... נאַריש...

פּלוצלונג אָבער גיט עס פיינמאַנען אַ שלאָג אין קאָפּ:

— האָט דער בחור מיט אַט־דעם וואָרט מאַקע געמיינט אַלע פרויען, וואָס ער האָט דאָרט אויבן געזען?... און איז דאָרטן גערטרוד איצט אויך דאָ?

אַט־דער לעצטער געדאַנק האָט פיינמאַנען אויפגעהויבן פון באַנק:

— מען דאַרף אומיסטן אַרויפגיין און זען.

קאַפּיטל זעקסאונצוואַנציק

אַף מאָרגן אינדערפרי, ווען גאַבריעל איז צוגעקומען צום פענצטער, אַרויסגעקוקט צום שיינעם מאָרגן און דערזען, אַז קיינער וואַרט ניט אַף אים, ניט פאַר דער טיר און ניט פאַרן פענצטער, האָט ער זיך דערפילט ווי אַ באַפרייטער. גערטרוד האָט זיך אַנגעטאָן: זי גייט געבן אַ לעקציע. האָט ע ר זיך אויך אָנגעטאָן, ער וועט זי גיין באַגלייטן. ער האָט זיך לעצטנס באַפריינדעט מיט גערטרודן, ווייל ער האָט מיט איר איינגעשטודירט צו אַקאָמפּאַנירן אים די לידער, וואָס ער האָט געזאָלט זינגען אַף דעם אָוונט פאַר דער בולאַק־ציטונג. זי פלעגט יעדן מאָל פונדאַסניי איבערראַשט ווערן פון דער גרויסקייט פון זיין שטימע, פון זיין איינגעבאָרענער פיינער מוזיקאַלישקייט, פון זיין וואונדערלאַכן איבערגיין פון רעגיסטער צו רעגיסטער. זיין כמעט יעדער איבערגאַנג פלעגט פאַר איר זיין אַ קינסטלערישע איבערראַשונג. ער האָט דאָס געזען און פאַרשטאַנען און גענומען רעדן צו איר כמעט ווי אַפן אויער:

— אַך, גערטכען, גערטכען, דו ביסט אַ טאַלאַנטירטע קינסטלערין. דו האָסט, שוועסטערליכע, פאַרשטענדניש פאַר דער קונסט פון קלאַנג, דו האָסט טעמפּעראַמענט און געטלאַכע פינגער, נאָר דיר פעלט ליבע — און ער בעסערט זיך גלייך אויס — ניט די אייזל־טרוימען וועגן ליבע מיין איך, זיי האָסטו שוין צופיל וואָרשיינלאַך, נאָר די וואָרע ליבע מיין איך. דיין ליבע איז ווי די ליבע פון אַ קליינעם דומקאָפּ, אין ווי די ניט־צייטיקע טרויבן, פון וועלכע עס ווערן בלויז אייליק די ציין. וואָרע ליבע איז פאַרקערט, וואָרע ליבע רייפט דאָס באַוואוסטזיין, דאָס גיט צייטיקייט. דו ביסט אַ גאָלדן קינד. דיין טאַלאַנט איז עכט ווי דיין האָלדעם לייב, ווי דיין שטאָלצער קאָפּ, ווי דער שטאַנדהאַפטער בליק פון דיינע לאַנגזאַם־קוקנדיקע, גרויסע אויגן, אָבער ניט רייף איז דיין טאַלאַנט, עס פעלט דיין לייב דאָס אמתע באַוואוסטזיין פון לייב. פאַראַן אַזאַ זאַך ווי לייב־באַוואוסטזיין, דו פאַרשטייסט? בלויז דער שוים פון

קינסטלערישן בלוט זינגט אַרויס דורך דיינע פינגער. אָבער איך זאָל דיר העלפן ניט דער שוים בלויז, נאָר דאָס בלוט אַליין זאָל מיט זיין גאַנצער עכטקייט צוקומען ביז צו די נעגל פון דיינע שיינע לאַנגע פינגער. דאָס איז די וואָרהייט, גערטכען! איך, דער דערפאַרענער קינסטלער, לערן דיך די וואָרע וואָרהייט. קונסט — דאָס איז שפּיל פון לייב, שפּיל פון בלוט, אַ פרייד אַזאַ, גערטכען, וויל איך דיר געבן.

אָבער גערטרוד פלעגט אים הערן ניט ענטפערנדיק קיין וואָרט, הערן און פילן, ווי עס בייטן זיך פון דעם אין איר אירע בלוטן. און דערביי פלעגט פאַר איר אין גליווערדיק־קאַלטן און שאַרפן ליכט אויפגיין בערמאַנס געשטאַלט — שטאַרק, גרויס איז דאָס געשטאַלט און אַנדערש פון אַלעמען. עס פלעגט אַזוי שטיין לעבן איר און זי ווי באַשיצן. האָט זי געהערט גאַבריעלס רייד, געגליווערט און האָט גאָר קיין מורא ניט געהאַט. זאָל גאַבריעל רעדן וואָס ער וויל, איר ליבע און איר בערמאַן ווערן דורך דעם נאָך גרעסער און געלייטערטער. עס איז גוט צו הערן גאַבריעלן רעדן אַזוי מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם, ווען בערמאַן שטייט דערביי אַזוי ביי דער זייט. די בלוטן וואַשן זיך אין איר אַזוי איינע אין איינע. בערמאַן, בערמאַן! — שרייט דאָס אין איר אויס — הערסט, ער רעדט דאָך אויך פון וואָרהייט, פון וואָרער וואָרהייט. ער איז אַ גרויסער קינסטלער, אָבער צי קאָן ער ווי דו אַ באַפעלערישן באַוועג טאָן מיט דער האַנט און אויסרופן מיט אַ וואַרפנדיקן גרויל:

„ווי אַ ווייסער פויגל וועט זיך דער אמת פאַר אייך אויפהויבן און מיט ווייט־פאַנאַנדערגעשפּרייטע פליגלען וועט ער שוועבן איבער אייערע קעפּ!" ?

אָט־אַזוי פלעגט גאַבריעל רעדן און גערטרוד פלעגט אַלץ הערן מיט אָנגעשטעלטע אָדער מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און דערביי טראַכטן אירע טראַכטונגען וועגן בערמאַנען.

גאַבריעל האָט געוואוסט, אַז זי הערט אים, פונקט ווי ער וואָלט גערעדט צו איר אין חלום, און איז אַלעמאָל געווען אין כעס אַף איר דערפאַר, און איצט נאָך מער. נאָך דער נעכטיקער באַגעגעניש מיט זיין זון האָט זיך גאַבריעל היינט ווי אַ ווילדער אָנגעוואָרפן אַף דער געלעגנהייט צו באַגלייטן גערטרודן.

— איך וועל באַגלייטן די גערטכען אין שטאָט אַריין און דערביי וועל איך שוין דאָרט אינאיינעם אַריין אין „דאָס ליכט" און אָפּגעבן דעם אייזל פרענקל וואָס אים קומט. איך האָב אים געוואָרנט ניט אַריינ־צושטעלן מיין נאָמען אין זיין צייטונג. און דערפאַר, וואָס ער האָט דאָס געטאָן, וועל איך שוין אַף דעם אָוונט ניט אויפטרעטן. זיכער ניט! ניט און ניט! ווען ניט ער, וואָלט דער קערל דאָ אהער געסטערן ניט גע־קומען.

אַפן וועג האָט ער גענומען רעדן צו גערטרודן מיט פאַרשטאַרקטן אייפער: קום, לאָמיר ביידע אַוועק פון דעם פאַרפלוכטן לאַנד. קום, גער־טכען, איך פאָר מיט דיר קיין פּאַריזש, קיין בערלין, קיין רוים! איך וועל מיט דיר אויפטרעטן אין אַלע גרויסע צענטערן פון דער וועלט. איך וועל דיך מאַכן באַרימט אין דער וועלט. דו ביסט אַ גאָלדן קינד. דו ביסט באַגאַבט, דיר פעלט בלויז ליבע. איך וועל דיר דאָס געבן אין פולער מאָס. איך מאַך דיך רייך, איך גיב דיר צייטיקייט. דו ווערסט מיין ווייב. דאָס האָלדע ווייב פון דעם באַרימטן לעאָנאַרדאָ מ. גאַבריעל! אָ, גערטכען, פאָרן מיר? קום, אויב דו ווילסט שוין. דאָס וועט דאָך זיין אַזוי ראָמאַנ־טיש...

גערטרוד האָט אים געהערט, געקוקט פאַר זיך מיט אירע גרויסע זעערישע אויגן און געשוויגן ווי אַלעמאָל.

— נו, דומקאָפּ, וואָס שווייגסטו! רעד דאָך אַמאָל! צו דיר רעדט דאָך גאַבריעל... פירשטינס זיינען דאָך ביי מיינע פיס געלעגן. אָך, דו אייזל, דו נאַר און דומקאָפּ, זאָג די וואַרהייט, ביסט דאָך אין אימיצן פאַרליבט, ניכט וואַר? דאָס מוז דאָך זיין אַ ניט־דערפאַרענער און קליין־קעפּיקער נאַר. ווי זעט ער אויס? קליין צי גרויס? נו, רעד דאָך!

און גערטרוד ענטפערט אַלץ ניט. נאָר ווי עס ווערט אָפּט פאַר איר פאַרגאַנצט אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע דורך פּלוצלונג־אויפגעטויכטע בילדער, אַזוי האָט איצט פון איר אייזיק־קאַלטן און טיף־פאַרשטילטן שווייגן אויפגעשאַלט איר אָן־ווערטערדיקער ענטפער:

„ער זעט אויס גרויס, און אַז דו קוקסט אַף אים ווערט ער נאָך גרעסער... אַלץ גרעסער און גרעסער. ער וואַקסט פאַר די אויגן, וואָס קוקן אַף אים, און אַז ער גיט אַ בליק אָדער אַ באַוועגונג מיט דער האַנט, גייט־

איבער אַ גרויל איבערן לייב, ער איז אַזוי פיל גרעסער פון דיר מיט וויפיל דיין שטימע איז גרעסער און שענער פון דיר אַליין.

„דו ביסט אַזאַ קליינינקער, און אַז דו הויבסט־אויף דיין קול גייט אַזש אַריבער אַ ווינט איבערן לייב. אַ קרעפטיקנדיקע שטאַרקייט שטראָמט־אויף. אַזוי איז ער אין פאַרגלייך מיט דיר... און ער איז ריין ווי לאַענגרין. ער איז לאָענגרין.

„און דו קושסט זיך מיט זינאַן און מיט אַלע ווייבער, און אַ זון איז ביי דיר נעכטן געווען, וועמען דו האָסט אַרויסגעטריבן פון הויז. נאָר אַ גרויסער קינסטלער ביסטו! עס איז אמת, אמת, כאָטש זינגט דו ביסט דאָ ביסטו נאָך אין קיין איין אָפּערע ניט אויפגעטראָטן, און איצט ווילסטו שוין אויך צום אָוונט ניט אויפטרעטן. עפּעס ביסטו און ביסט ניט. עפּעס ביסטו ניט — ניט".

אַזוי האָט גערטרוד גערעדט, כאָטש דאָס מויל האָט זיך ניט גע־עפנט, דאָס פּנים איז געבליבן פאַרעקשנט־בלאַס און דער שטאַנדהאַפ־טיקער בליק אין די גרויסע אויגן פאַרטראַכט און שטיל.

און גאַבריעל האָט דערביי צו איר אַלץ אַזוי גערעדט אַז אויפגע־רעגטער און זיך כמעט ביי יעדן עק גאַס ארומגעקוקט, צי עס קוקט אַף אים ניט אַרויס דער יונג... און פון־צייט־צו־צייט אַרויסגעפּלאַצט:

— אַזאַ פאַרדאַמטער אייזל! אַ טאַטן ווילט זיך אים גאָר! און באַ־ליידיק ניט די מוטער זיינע! סאַ שרעק אַביסל! זיין נאָבעלע מוטער! זאָ וואָס! „מעג דאָס זיין אַן אָפּערע־זינגער, וועל איך אים פון אָפּערע־כטיידזט אַראָפּשלעפּן". אַך, זאַ, זאָ. און די זינאַ האָט מיר שוין גענומען ווערן קלעפּיק, יאָ. שוואַנגערט געווים, יאָ.

— גערטרוד! — האָט ער זיך פּלוצלונג לעבן איר אַ שטעל געטאָן און זי געפּרואווט אָננעמען ביים עלנבויגן — גערטרוד, קום, לאָמיר אַוועק־לויפן פון דעם פאַרפלוכטן לאַנד, נאָך פאַר דער אונטערנעמונג. איך וועל אַף דער אונטערנעמונג סיי־ווי ניט אויפטרעטן. איך האָס די גאַנצע יודן־באַנדע, קום מיט מיר, דו ביסט דאָך ווי אַ יונגע געטין, ווי אַ גאָלדענע פּרינצעסן, עס ליגט דאָך אַזויפיל גלוטיקע ליידנשאַפט אונטער דיין בלאַס פאַרקלערט געזיכט מיט די פולע ליפּן; אונטער דער שטילער קלאָרקייט פון דיינע גרויסע שטילע אויגן. קום, מיר טרעטן אין אַ פּאָר וואָכן אַרום אויף אין פּאַריזש, אין בערלין, אין מילאַן! איך וועל

פאַר דיר זינגען ווי אַ גאָט. דו וועסט זיין מיין שטאָלצער קאָפּ און איך — דיינע געטלאַכע אַקסלען. אונזער רייזע איבער אייראָפּאַ וועט אין איין טריאומף־צוג פאַרוואַנדלט ווערן.

גערטרוד האָט שטענדיק הנאה געהאַט פון גאַבריעלס נערוועזע רייד. אָבער פון זיין באַרירונג פלעגט זי אויפשוידערן. איז דעריבער, ווי נאָר ער האָט איצטער אָנגערירט איר עלנבויגן, האָט זי איר האַנט שאַרף אַ ריס געטאָן פון אים, האָט אַ נאָך בלאַסערע זיך אָפּגעשטעלט און געבליבן שטיין פאַר אים. ער האָט זיך פון דעם דערפילט ווי אַן אָפּ־געגאָסענער מיט פייער און אַזוי שטייענדיק פאַר איר אויסגעבראָכן אין פלוצלונגדיקן כעס, זי גענומען רופן:

— דו נאַר, דו דומקאָפּ. אָבער איך רעד דאָך צו דיר, איך, גאַבריעל. לעאָנאַרדאָ גאַבריעל.

קאַפּיטל זיבנאונצוואַנציק

בערנשטיין האָט גוט געוואוסט, אַז נאָך דעם געשלעג, וואָס איז פאָרגעקומען ביי זיין שאַפּ, איז פאַר אים בעסער ניט צו גיין צום אוונט, וואָס איז אָראַנזשירט געוואָרן פאַר בולאַקס ציַיטונג. די ווייב זיינע האָט ער אָבער ניט אָפּגעהאַלטן. אַדרבה, זאָל זי גיין און זאָל זי אויך קויפן אַ שיינעם בוקעט בלומען פאַר גערטרודן, וואָס וועט דאָרטן שפּילן ביי דעם אָוונט. ווען ניט, וועלן דאָך די פּיינמאַנס מיינען ווער ווייסט וואָס?

—יאָ, אָבער פאַרוואָס זאָלסטו אויך ניט קומען, ליאָווא? זיי וועלן דאָך טאַקע מיינען ווער־ווייסט־וואָס? וואָס, מיר האָבן שוין גאָר קיינע אידעאַלן ניט? דער אָוונט איז דאָך פאַר אַ סאָציאַליסטישער ציַיטונג.

ער איז געבליבן שטיין פאַר איר, זי אָנגעקוקט אַ ווײַלע. זי האָט דערזען, אַז זיין געוויינטלאַך־רויט פּנים איז איצטער ניט אין זיין אמתער פאַרב. עפּעס איז ער שטאַרק צעטראָגן.

— וואָס איז דער מער, ליאָווא? די געשעפטן גייען שלעכט?! — האָט זי איבערגעפרעגט מיט שרעק.

— ניין, גאָרניט. גיי צו דער אונטערנעמונג. קויף אַ שיינעם בוקעט בלומען פאַר גערטרודן. טאָמער מאַכט מען דאָרט אַ זאַמלונג פאַר דער ציַיטונג, גיב אַ פינפאונצוואַנציקער, אָדער אפילו מער אויך, אויב מען וועט דאַרפן.

— און פאַרוואָס איז קאַלמאַנאָוויטש פּונקט אַוועקגעפאָרן אַף היינטיקן אָוונט?

— גאָרניט. ער האָט דערהאַלטן אַ בריוול פון אַניוטקאָן, אַז שליאָפּניקאָוו איז שטאַרק קראַנק. נעם טאַקע מיט ליאַן אויך מיט זיך. זאָג איר, אַז זי מעג אויך געבן אַ גוטע בייסטייערונג פאַר דער ציַיטונג. קאַלמאַנאָוויטש וועט פון אַזאַ זאַך זיין צופרידן.

אַט פון דער גרייטקייט צו געבן פינפאונצוואַנציקערס, פון דעם קלאַנג פון זיין קול און אַט־דעם מאָדנעם בליק אין די אויגן איז איר מיטאַמאָל איינגעפאַלן און זי האָט מיט שרעק געפרעגט:

— וואָס, שוין ווידער אַ סטרייק?!...

— וואָס איז די נפקא־מינא? כ'ווייס...

— זאָג, זיי ווילן שוין ווידער סטרייקן? — איז זי צוגעשטאַנען צו אים מיט צעטומלטן שרעק אין די אויגן.

ער האָט זיך מיט איר שאַרף איבערגעמאָסטן מיט די בליקן און קורץ געענטפערט:

— יאָ.

— אוי, ווי איז מיר געשען, וואָס ווילן זיי האָבן מיט די סטרייקס? שאָדן אַנדערע און שאָדן זיך אַליין, אַבי סטרייקן. וואָלטן זיי כאָטש געבראַכט דעם סאָציאַליזם, איז אַן עק מיט אַ סוף. אָבער דאָס איז דאָך גלאַט זיך אָנגעזועצט אַף יענעמס קאָפּ... און אַז מען זאָל אײַנגאַנצן צו־מאַכן דעם שאָפּ וועט זיי דען בעסער זײַן? זיי וועלן דאָך ניט האָבן מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען... — און זי בלײַבט אַזוי שטיין מיט טרערן אין די אויגן, קוקט פאַר זיך און זאָגט מיט אַ פּלוצלונגדיקן פעסטן באַשלוס:

— הערסט, אויב מען וועט הײַנט דאָרט מאַכן אַ "קאָלעקשאָן" פאַר דער צײַטונג וועל איך אָראָפּנעמען מײַן בראָש, אָדער מײַן גאָלדענע קייט פון האַלדז און וועל זיי דאָס אַוועקגעבן.

בערנשטיין און קאַלמאַנאָוויטש פלעגן געוויינטלאַך גיין אַף אַלע ראַדיקאַלע אונטערנעמונגען. דאָרטן פלעגן זיי זיצן אין די ערשטע רייען, אָדער גאָר אַף דער פּלאַטפאָרמע, און אַז עס פלעגט קומען צו אַ געלט־זאַמלונג, פלעגן זיי זײַן פון די ערשטע גרעסערע געבער. זיי האָבן זיך דורכדעם ניט נאָר אָנגעהאַלטן אין דער באַוועגונג, נאָר זײַנען נאָך געוואָרן אָנגעזעענערע מיטגלידער, מיוחסים. זיי פלעגן אויך הנאה האָבן צו אַפּלאָדירן און געבן דעם טאָן פאַר אַפּלאָדיסמענטן און אַף אַזאַ אופן מיטשלעפּן די אַנדערע. זיי האָבן געקראָגן אַ באַזונדערע דערפאַרונג צו וויסן ביי וואָסער אַ וואָרט אָדער פראַזע מען דאַרף באַגייסטערט אויפפּאַטשן מיט די הענט. זיי האָבן אַף אַזאַ אופן כמעט גענומען קאָנ־טראָלירן די אַפּלאָדיסמענטן פאַר דעם אָדער יענעם רעדנער, זינגער אָדער שפּילער. אוודאי פלעגט בערנשטיין און מיט אים אויך קאַלמאַנאָ־וויטש שטאַרק אַפּלאָדירן פאַניאַ פײַנמאַן יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט זינגען ביי אָט־די אונטערנעמונגען.

קאַפּיטל אַכטאונצוואַנציק

— גערטרוד טייערע, וואָס ביסטו אַזוי נערוועז?

— מאַמע, מאַמע, איך האָב מורא, אַז מיר וועט היינט ניט גיין. די פינגער ווערן מיר אַלעמאָל פאַרגליווערט, די פינגער ווערן מיר ווי אייז־צעפּלאַד אַף די הענט. ווי וועל איך קאָנען שפּילן, אַז די פינגער ווערן מיר אַלעמאָל אַזוי קאַלט? איז דאַרטן אפשר דאָ וואַרימע וואַסער אַף צו דערוואַרימען זיי?

— אָבער וואָס ביסטו היינט מער נערוועז ווי אַלעמאָל? עס איז דאָך אַ קאָנצערט פון היימישע מענטשן בלויז, — פרעגט די מוטער.

— מאַמע, מאַמע, ווער וועט דאַרטן היינט זיין?...

גערטרוד האָט ניט דערוואַרט, אַז די מוטער וועט איר זאָגן צי בערמאַן וועט יאָ אָדער ניט זיין. זי האָט אפילו ניט געוואוסט, צי זי אַליין טראַכט איצט וועגן דעם, נאָר זי האָט פונדעסטוועגן פאַרט מיט אַזויפיל דערוואַרטונג און ציטער געפרעגט:

—ווער וועט דאַרטן היינט זיין, מאַמע?

די מוטער האָט גאָרניט חושד געווען און געזאָגט:

— ווער קאָן וויסן?

— אפשר וועט דאָרט היינט קיינער ניט זיין — האָט גערטרוד אָפּגעזאָגט מיט שרעק און איז פאַרציטערט געוואָרן — וועסט זען, ס'וועט קיינער ניט זיין. קיינער וועט ניט זיין — האָט פאַר גערטרודן באמת געמיינט איינער, בערמאַן, וואָס זי האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט אפשר ניט זיין, כאָטש קלאָר פאַר זיך האָט זי דאָס אַלץ ניט געטראַכט.

— כ'מיין, וואָס רעדסטו?! וואָס קומט דאָ מיט דיר היינט פאָר? פיינמאַן, קום נאָר אַהער! עפּעס נערוועטשאַיעט היינט דיין טאָכטער מער ווי אַלעמאָל.

— איך בין ניט נערוועז! וואָס ווילסטו? לאָז מיך צורו! וואָס האָסטו זיך אָנגעטשעפּעט?

— אַ שיינער אַנגעטשעפּעט. זע נאָר, די אויגן קריכן דיר דאָך אַרויס פון קאָפּ.

גערטרודס אויגן האָבן באמת אויסגעקוקט ווי די גרויס־צעשראָ־קענע אויגן פון אַ פּלוצלונג־געכאַפּטן הירש, כאָטש זי האָט עס ניט גע־וואָלט צוגעבן און האָט אַף דעם געענטפערט:

— איך בין ניט נערוועז. די אויגן שטייען ביי מיר אין קאָפּ אַזוי ווי אַלעמאָל. איך וויל נאָר וויסן, אויב איך זאָל איבערבייטן מיין ווייס אַוונט־קלייד? אפשר גאָר אַף מיין שוואַרצן?

— וואָס פאַלט דיר איין „שוואַרצן"? פאַרוואָס גאָר איבערבייטן דאָס קלייד נאָכדעם, ווי דו האָסט עס שוין אָנגעטאָן, נאָכדעם ווי דו האָסט עס ספּעציעל פאַר דעם אָוונט געפּלאַנעוועט און געמאַכט. און דיר איז דאָך אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן דאָס. וואָס די ווייסקייט פון דעם קלייד קוקט אַרויס פון אונטער דעם דינעם, עטוואָס־גרווילאַכן גאַז, ווי פון אונטער אַ לייכטן רויך. און אַט־די ווייסע האַלבע־לבנות און די זיידענע שטערנדלאַך, מיט וועלכע דו האָסט דעם גאַז באַצירט.

— אָבער ווי זעט דאָס אויס? ווי זע איך אויס אין דעם? עס פּאַסט מיר ניט. עס הייגנט אַף מיר ווי אַף אַ פרעמדער.

— דאָס קלייד איז זייער שיין און דו זעסט אויס גוט אין דעם. זעסט אויס לייכט און ליכטיק. און דער זילבערנער פּאַס אַרום, ביי דער טאַליע, מאַכט דיך נאָך לייכטער. די זיידענע האַלבע־לבנה אַף דער זייט פון דיין ברוסט מיט די האַלבע־לבנהלאַך, וואָס דו האָסט געלאָזט לויפן צווישן צוויי געדיכטע שורות שטערנדלאַך ביי דעם זוים פון קלייד, הויבן דיך אַזויווי אויף, מאַכן דיך לייכטער, איז וואָס ווילסטו האָבן?

— אָבער די פינגער זיינען מיר קאַלט ווי אייז. פאַרוואָס ווערן זיי מיר אַזוי קאַלט ווי אייז? איך וועל ניט קאָנען שפּילן, איך וועל ניט קאָ־נען אָנרירן די פּיאַנע. איך וועל ניט גיין. איך טו זיך אויס. דאָס קלייד פּאַסט מיר סיי־ווי־סיי ניט. דו זאָגסט מיר ניט דעם אמת, איך ווייס. עס זאָל דיר אָנהויבן אַרן; אַבי דו זעסט אויס שיין. אַלץ, וואָס דו האָסט זיך אָנגעטאָן, פּאַסט דיר און מיין קלייד פּאַסט מיר ניט. מיין פּנים זעט אויס גרוי אין דעם. און איך וועל סיי־ווי־סיי ניט קאָנען שפּילן. איך האָב ניט גענוג פּראַקטיצירט די לעצטע צייט. — און גערטרוד האָט

זיך נאָכדעם אַ פאַרווירטע אַ וואָרף געטאָן, ווי זי וואָלט וועלן איינ־
געזונקען ווערן אין דעם ווייכן שטול.

— פיינמאַן, קום נאָר אַהער, איך בעט דיך. די טאָכטער דיינע איז
דאָך גאָר עפּעס ווילד היינט — האָט זיך די מאַדאַם פיינמאַן ווידער אַ
ווענד געטאָן.

פיינמאַן איז אַריינגעקומען. אַליין אַביסל אַ נערוועזער פון דער
טאָכטערס און ווייבס אויפטרעטן אַף דעם היינטיקען אָוונט. ער האָט דער־
זען זיין בלאַסע, שטאָלצע טאָכטער זיצן אין פאָטעל ווי אַ פאַריאָגטע
חיה. אפשר נאָר ווי אַ געטין פאַר אַ שלאַכט. ער האָט זיך פאַרזאָרגט
אָוועקגעזעצט לעבן איר, אָנגענומען איר האַנט:

— טאָכטער — האָט ער מיט אַ נערוועזן ציטער געזאָגט — דאָס
איז ביי דיר בלויז אַזאַ „בינע־פיבער". די מאַמע האָט דאָס געהאַט. איך
האָב דאָס געהאַט. מיר האָבן דאָס נאָך אויך איצטער. דו האָסט עס אין
אַ גרעסערער מאָס. אפשר דערפאַר, וואָס דו ביסט אַ גרעסערע קינסט־
לערן — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ נערוועזן שמייכל.

— אָבער די פינגער ווערן מיר אַלעמאָל קאַלט, טאַ ווי אַזוי וועל
איך קאָנען שפּילן? פּונקט פאַרן שפּילן וועלן מיר די פינגער ווערן ווי
שטיקער אייז.

— ביז דו וועסט דאַרפן שפּילן וועלן דיר נאָך די פינגער ווערן
וואַרעם. אָט, ווי נאָר דו וועסט אָנהויבן שפּילן וועט דיר געוויס דיין
שרעק אַוועק און די פינגער וועלן דיר ווערן וואַרעם.

— אָבער זאָג מיר, ווער וועט דאָרט היינט זיין?...

— וואָס הייסט, ווער וועט דאָרטן זיין. ווער ווילסטו זאָל דאָרטן
זיין? אַ גרויסער ראַדיקאַלער עולם וועט דאָרטן זיין.

— וואָס האָסטו מורא? — רופט זיך אָפּ די מאַמע — וואָס אַרט
דיך, ווער עס וועט דאָרט זיין. דיין חתן וועט דאָרט געוויס ניט זיין.

גערטרוד איז דאַ פּלוצלונג אויפגעשפּרונגען פון שטול ווי אַ ווילדע
און אויסגערופן:

— אַט־דאָס, זעסטו, איז זייער שיין פון דיר. אַ שיינעם דאַנק דיר,
מאַמע. דאָס איז שיין, שיין!

— עס איז דאָך פון איר פּשוט ניט אויסצוהאַלטן! — האָט די
מאַדאַם פיינמאַן זיך צעשריען. — וואָס ביסטו אַזוי אויפגעשפּרונגען?

וואָס האָב איך דאָ אַזוינס געזאָגט? טו נאָר אַ קוק אַביסל...

— וואָס הייסט, וואָס דו האָסט געזאָגט? — רופט זיך אָן פּיינ־מאָן מיט אַ ברייטן שמייכל — וואָס הייסט, דו זאָגסט, אַז דער חתן אירער וועט דאָרטן געוויס ניט זיין? אפשר טאַקע יאָ. פון וואַנען ווייסטו? אַ קשיא, וואָס פאַר אַ ריטער עס קאָן זיך דאָרט געפינען. אפשר זיצט ער שוין דאָרט איצט און וואַרט אַף איר?

— פּאַפּאַ, פּאַפּאַ, פאַרוואָס רעדסטו אַזוי?! — האָט גערטרוד אויסגעשריען, אַ וואַרף טוענדיק איר קאָפּ אַף זיינע אַקסלען — מיר איז אַזוי שלעכט און דו לאַכסט פון מיר.

גערטרוד איז געווען נערוועז שוין אפילו נאָכדעם, זייענדיק אין זאַל. עפּעס אַזוי ווי אין אַ קעלט איז זי אַלץ געזעסן. איר פּנים איז איר גרוי און בלאַס געוואָרן פון שרעק. שרעק האָט אַרויסגעשלאָגן פון אירע אויגן. די מאַמע איז געוואָרן שוואַרץ אַף איר קוקנדיק, און דעם טאַטנס גרויסער קאָפּ איז געווען צעטראָגן. ווי נאָר אָבער פרענקל, דער פאָרזיצער פון אָוונט, האָט אויסגערופן איר נאָמען און זי האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט זיך די קעלט אַ וויג געטאָן און זיך גענומען שנעל אָפּשיילן פון איר לייב און פון אירע פינגער. און ווען זי האָט גענומען די ערשטע טענער האָט זי גלייך אָן אַלץ פאַרגעסן. די פּיאַנע האָט גע־בראַכט וואַרעמקייט. די פּיאַנע האָט אונטער אירע פינגער גענומען אַרויסזינגען, ווי מיט מענטשלאַכע שטימען, מיט אָט־די פולע, גוט־געטאָנטע מענטשלאַכע שטימען, וואָס ענדערן די לופט פאַר די נאָז־לעכער. די אויערן איז געוואָרן גוט — און גרינג איז געוואָרן צו אָטעמען. אַ גוטע ליכטיקייט איז צוגעקומען און זיך אוועקגעשטעלט פאַר די אויגן. ווי צייטיקע פרוכט האָבן זיך גענומען ווייזן בילדער. די פולע ליפּן האָבן גענומען ווערן רויט און שמייכלען פון דעם, וואָס עס קומט איר אָן אַזוי גרינג צו מאַכן די סטרונעס זינגען, ווי מענטשן, ווי גלע־קער פון רוסישע טראָיקעס, פון וועלכע זי האָט געהערט אַזויפיל מאָל דער־ציילן. ...און אָט נאָר ווי עס מאַרשירן סאָלדאַטן, ווי עס שפּאַנען פערד, ווי מענטשן טאַנצן, מענטשן יונגע, נאָר מיט ווייסע פּאַרוקן, מיט אויס־געצירקלטע קליידער, טאַנצן אין גערטנער און אין סעדער, טאַנצן אַף פעלדער און אַף בערג מיט בלומען, טאַנצן אַף פעלדער און אַף בערג באַדעקט מיט שניי. עס שטייען־אויף וועלדער, טיפע, גרויסע, טונ־

קעלע וועלדער מיט געוואַגטע יעגערס און ליכטיקע הינט. הינט, וואָס לויכטן, הינט, וואָס האַווקען צום טאַקט, צום מאַרש, צום וואַלד־געָרויש. אַ פויגל פליט, אַ חיה לויפט. ביקסן קנאַלן. און אַט וואַקסט גאָר אויס אַ שטאָט מיט שניי אויף די גאַסן, מיט פרישן מאָרגן אינדערלופט. מיט מיידלשע און מענערשע שניי־שאַרער. אַ כאַר אַזאַ. מענער שאַרן מיט לאַ־פּעטעס. פרויען שאַרן מיט בעזימער און זונען זיינען אויף זייערע קעפּ און געזאַנג אין זייערע מיילער און פרייד אין זייערע הערצער.

זינא האָט די גאַנצע צייט ניט אַראָפּגענומען אירע אויגן פון גערטרודן. זי האָט נאָך, ביי דער גאַנצער פאַרליבטקייט אין גאַבריעלן, ניט געוואָלט אויפגעבן די אידייע, אַז זי, זינא, קאָן אויך זיין פאַרליבט אין אַ פרוי, אַז זי האָט אין זיך געגנוג ליידנשאַפט, און אַז איר ליידנשאַפט צו גערטרודן איז אַן עכטע, אַ מאָדערנע, אַ קאָמפּליצירטע, און — ווי קאָן מען ניט ליב האָבן גערטרודן? זי וואָלט איצט געפאַלן און גע־קניט פאַר גערטרודן פאַר אַלעמען אין די אויגן און וואָלט דערציילט פאַר אַלעמען וועגן גערטרודס אויפגעשלאַנגטער פיגור, וואָס האָט איינ־מאָל פאַר איר אויפגעלויכטן ווי אַ געטלאַכע זעאונג. צי האָט דען ווער נאָך אַזאַ שיין און ליכטיק לייב געזען? אָט, ווען גערטרוד וואָלט זיך דאָ פאַר אייך אַלעמען אַנטפּלעקט! קוקט און זעט וויפיל ליכט עס האָט אין זיך דער אויפגעשפּרונגענער קערפּער פון גערטרודן. ווי שיין עס באַוועגן זיך אירע רונדע אַקסלען ביים שפּילן, און מיט וואָס פאַר אַ זיכערקייט זי בויגט דאָס אַלעמאָל אָפּ איר קערפּער פון דער פּיאַנע און לאָזט די הענט מיט אירע לאַנגע שלאַנגלענדיקע פינגער פריי אומלויפן איבער די העל־פאַנט־ביינערנע קלאַווישן, וואָס זיינען אַזוי בלייך און ווייס ווי אירע פינגער און איר לייב.

„אַך, גערטרוד, גערטרוד! און גאַבריעל, ער האָט זי ליב. ער קאָן דאָך ליב האָבן אַסאַך..." און טרערן גיבן זיך זינאַן אַ באַוועג אין די אויגן, טרערן... און אַזוינע הייסע! פאַרוואָס?... און אָט, גערטרוד האָט געענדיקט, מען אַפּלאָדירט. גערטרוד שפּילט ווייטער, נעמט עטלאַכע טענער, ווי זי וואָלט איבערגעפּרובירט, צי די פּיאַנע איז גוט געטאַנט, און נעמט נאָכדעם שפּילן „די לבנה נאַכט־סאָנאַטע".

נאָך איידער עס זיינען אַריבער די קורצע אַפּלאָדיסמענטן פאַר דעם ערשטן שטיק, וואָס גערטרוד האָט געשפּילט, האָט גערטרוד פאַר זיך מיטאַמאָל דערזען דאָס געשטאַלט פון זייערער אַ שכנה, ביי

ווענען עס איז נים לאַנג אַ קינד געשטאָרבן. גערטרוד האָט שטאַרק ליב געהאַט דאָס קינד, פלעגט זיך אָפט שפּילן מיט דעם, און דער מו־טערס געוויין איבער דעם טויט פון דעם קינד האָט פאַר אַ צייט אויפ־געטרייסלט דאָס האַרץ און אַזוי ווי דורכגעלעכערט די מיידלשע גע־דאַנקען אין גערטרודס קאָפּ. גערטרודן איז אָבער איצט געווען גוט פון דעם, וואָס זי זעט פאַר זיך איצט אַלץ זעאונגען. אינסטינקטיוו פלעגט גערטרוד אין אַזוינע מינוטן אין די אומדערוואַרט־אויפגעטויכטע זעאונ־גען דערפילן אַ פאַרזיכערונג, אַז די פינגער אירע וועלן אַליין שפּילן. די פינגער געדיינקען, די פינגער זיינען איצט זיכער מיט זייער זכרון און זיי לאָזן דערפאַר צורו, זיי באַפרייען דעם קאָפּ און די גרויסע אויגן פאַר זעאונגען. און דאָס, וואָס ס'איז פאַר איר געראָד איצט אויפגע־שוואומען דאָס געשטאַלט פון אַט־דער שטיל־איינגעשטילטער שכנה, אָנגעטאָן אין טיפן טרויער, האָט גערטרודן אָנגעפילט מיט גוטסקייט. זי איז געוואָרן גרייט זיך אַט גלייך צו זעצן צו דער פּיאַנע און אָפּשפּילן פאַר איר און פאַר אַלע אַזוינע מאַמעס אַ טרויער־מאַרש, אַ טרייסט־ליד. אַ קינד איז ביי אַ מוטער געשטאָרבן... אף דעם פּראָגראַם איז אָבער גע־ווען אָנגעגעבן „די לבנה־נאַכט, סאָנאַטע”, און פרענקל, דער פאָרזיצער פון דעם אָוונט האָט טאַקע גלייך אַזוי אָנאָנסירט:

— די מיס פיינמאַן וועט פאַר אונז איצט שפּילן „די לבנה־נאַכט סאָנאַטע”.

איז גערטרוד פאַר אַ רגע צעטומלט געוואָרן, זיך אף אַ רגע ווידער דערשראָקן, אָבער אַ שמייכל איז שוין געלעגן אף די ליפּן, אַ לייכטער שמייכל פון דעם שרעק און פון דעם קלאַפּנדיקן האַרץ. און ווי נאָר זי האָט זיך אַוועקגעזעצט צו דער פּיאַנע און אָנגערירט די קלאַווישן, איז איר מיטאַמאָל ליכטיק געוואָרן פאַר די אויגן: פון אַ גרויס קינד וועט זי איצטער דער שכנה דערציילן. — —

ערגעץ אין דער גרויסער לבנה־נאַכט שטייט אַ הייזל מיט צוגע־מאַכטע לאָדן. אין דעם הייזל איז פינצטער. דער אָנגעברוגזטער איינ־וואוינער פון דעם הייזל דרייט זיך אַרום אַ פאַרלאָזטער און ווי אַ קינד, וואָס איז צו גרויס געוואַקסן. ווי לאַנג איז שוין, אַז ער האָט זיך נים

גֿעוואַשן? אַז ער האָט זיינע האָר ניט געקעמט? און פאַרוואָס האָט אים דער טאַטע אַזוי בייז געשלאָגן, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען? און איצט איז ער אַזוי גרויס, אַ קינד און אַליין... פלעקן פון דעם דרויסנדיקן לבנה־ליכט פאַלן דורך די לאָדן־שפּאַלטן אין דעם טונקעלן צימער. דער מענטש זעט דאָס און ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט דעם. דעם דרויסן איז גוט ווי אַ קינד. וואָלט נאָר דעם מענטשן אַזוי גוט געווען. קוקט דער מענטש אַף די לבנה־פלעקן און אַף דער פינצטערקייט אין זיין צימער, שטייט אַ ווײַלע און טראַכט, ניט ווייסנדיק וואָס. נאָכדעם גייט ער צו און נעמט זיך שטיל און איינגעהאַלטן אָנרירן די קלאַווישן. שטילע און ליכטיקע לבנה־פלעקן פון דעם גרויסן און זאָרגלאָזן דרויסן וועקן איצט סטרונעס אין אַ פאַרלאָזטן צימער. דאָס צימער, די סטרונעס און דער מענטש ענטפערן אַף דעם פאַרבייענקט און ווייטיקדיק. — נעמען זיך די זאָרגלאָזע לבנה־צייכנס וויגן און שפּילן מיט דעם ווייטיקדיקן בייענקען, ווערט דער מענטש אויפגערייצט און וואָס ווייטער אַלץ מער און מער, נאָר דער מענטש ענטפערט פאָרט איינגעהאַלטן און אַלץ אַזוי ווי פונאָנהויב. פלוצלונג אָבער דערעסט דעם מענטשן דער צודרינגלאָכער דרויסן, שטעלט ער זיך אָפּ און נעמט שפּילן זעלבסשטענדיק. אָט, דאַכט זיך, שפּילט ער אינמיטן דערינען אויף אַ לייכטן, זייטיק־שפּרינגענדיקן טאַנץ, און אָט הויבן די סטרונעס מיטאַמאָל אויף אַ צערייצטן בייזער. דער מענטש וויל פאַרטויבן און פאַרטרייבן פון זיך אָט־די גרויסע דרויסנדיקע וועלט. וואָס וויל זי?! וואָס רייצט זי מיט איר גרויסקייט?! די טענער נעמען זיך פון אונטער זיינע פינגער פאַר אַ קורצער צייט הויבן אַלץ העכער, צערייצטער און שטרייענגער, ווי זיי וואָלטן פון זיך ווי מיט בייטשן עפּעס ווילד געטריבן. דער דרויסן איז אָבער שטאַרק און גרויס עפּענען זיך פאַר אים ווי דורך אַ כישוף אויף די צוגעמאַכטע לאָדנס פון דעם הייזל. רייסן זיך די טענער אָפּ אינמיטן פון זייער ווילדקייט און אין אַ ווײַלע אַרום גיבן זיי זיך אונטער און נעמען הילכיק זינגען די גרויסקייט פון דער גרויסער נאַכט און דאָס איינזאַמע בייענקען פון דעם מענטשן שאַטנט זיך אַריין אין דער ליכטיקער גרויס פון דער נאַכט און ווערט דורכדעם דורכזיכטיק. און די ליכטיקייט ווערט דורכדעם אַזאַ אַז מען קאָן זי איצט אָננעמען מיט דער האַנט און דריקן צום האַרצן.

און ערגעץ זיינען פעלדער פול באַדעקט מיט ליכט.
און ערגעץ יאָגן וועלף זיך נאָך אַ ווילדער ציג.
און ערגעץ יאָגן פערד זיך, געטריבן פון געניטע הענט.
און ערגעץ שווימט אַ יונגער פישער צו זיין פישערין אַף נאַכט..
און אַט צעפלוידערן זיך אַן אָפּהאַלט געליבטע ערגעץ אין אַ פּאַרק.
און ווער איז אַט־דער שוואַרצער בעטלער? וואָס טוט ער אַפן באַרג?
און וואָס ווײנט אַזוי דאָרט איצט אַ מוטער ביי איר שטאַרבנדיקן
קינד?
און ווי שיין עס שפּילט זיך וואו אַ קעצל מיט אַ קנויל פּאַפּיר!
און אַט איז אַ בית־עולם,
טויטע זיינען טויט.
צו וואָס־זשע אַט־די שטעגלאַך אינמיטן פון דער נאַכט?
און דאָרטן אַט־די וועלף, זיי יאָגן נאָך די ציג.
און צי לויפן ווילדע וועלף דען שנעלער ווי ביי אַ מענטש זיין
נאָגנדיק האַרץ?
און ווי געניט עס יאָגט דאָרט ווער אַלץ די שנעלע פערד
אַף דעםברייטן וועג!
און ווי רייך עס קלינגען אין דער נאַכט אַף
די גלעקלאַך פון דעם האַסטיקן געשפּאַן!
ווער האָט אַזויפיל כוח אַט־די פערד געשיינקט?
און ווער האָט אַט־דעם טרייבער געשטאַרקט אַזוי די הענט?

קאַפּיטל ניינאונצוואַנציק

ווען גערטרוד איז פאַרטיק געוואָרן מיט דעם שפּילן „די לבנה־נאַכט סאָנאַטע” איז זי אַזוי ווי אויפגעהויבן געוואָרן פון אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן. זי האָט זיך אויפגעהויבן, דאַכט זיך, אַ העכערע, אַ שלאַנקערע, און, דאַכט זיך, .אַזאַ קליינינקע, ווי איר קליינע ליאַלקע, מיט וועלכער זי האָט זיך אַלס קינד געשפּילט. אָבער זי איז הויך און בויגט זיך פאַר אַלעמען. אַלץ אַרום פּאַטשט און רוישט. די ווייסע זיידענע לבנה אַפן הארצן און די ווייסע האַלבע־לבנהלאַך און די שטערן אַרום דעם זוים פון איר קלייד האָבן זיך, דאַכט זיך, אויך צעפּאַטשט און צערוישט אַרום איר. זי בויגט זיך נאָכאַמאָל אַזוי שטייענדיק פאַר אַלעמען אַן אויפגעהויבענע און קערעוועט זיך אָפּ פון זיי אַ באַלאָדענע מיט פרייד. די שלאַנקע מאַמע לויפט צו צו איר שלאַנקער און אויפגעלויכטענער טאָכטער. עס לויפן אויך צו זינאַ און בעסי מינדלין־פּינק, דער טאַטע און נאָך עטלאַכע אַרומיקע, מאַכן אַזוי ווי אַ סוויטע אַרום איר. מען קושט זי. הוגאָ קאַלמאַנאָוויטש איז ערגעץ ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן און איר אונטערגעטראָגן אַ בוקעט ווייסע רויזן, זי אַנגעקוקט אַף אַ קורצער, דורכדרינגענדיקער ווײַלע און אַוועק... די רויזן האָבן שטיל, פריש און ליכטיק ווייך געקוקט צו איר, זיי האָבן געעפנט אירע אויגן און איר הארץ מיט אַזויפיל ווייסקייט.. ווי נאָר זי האָט געקראָגן די בלומען אין די הענט אַריין, אַף זיי אַ קוק געטאָן און זיי דערזען, האָט זי גלייך גענומען אָפּשטופּן פון זיך די אַלע, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט, שרייענדיק מיט אַ לייכטן, פאַרציטערטן שמייכל:

— מיינע בלומען, מיינע בלומען, לאָזט מיך צורו! איר וועט צעקוועטשן מיינע בלומען!

און זי האָט זיך אַ פאַרציטערטע אָפּגעקערט אַז אַ זייט פון די דערבייאיקע, אַראָפּגענומען פון זיך די דינע, זיידענע גאַז־שאַרפּע, זי פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער די רויזן. די גוטע ווייסע רויזן האָבן פון

אונטערן ווייסן גאַז געגומען אַרויסקוקן ווי פון אונטער אַ טוי, ווי פון אונטער אַ לייכטן נעבל... זי האָט זיי נאָכאַמאָל אָנגעקוקט און זיך מיט זיי אָוועקגעזעצט אַף אַ ביינקל לעבן איינעם פון די געשניצטע זיילן אַף דער בינע. דער עולם האָט אַפּלאָדירט. פרענקל, אַלס פּאָרזיצער, און דער טאַטע און די מאַמע און זינא, די מיסעס בערנשטיין און די מיסעס קאַלמאַנאָוויטש האָבן זיך געווענדט צו איר, זי זאָל געבן נאָך אַ נומער, אָבער זי האָט שמייכלענדיק געענטפערט — זי וויל ניט. זי וועט ניט אַפּלאָזן אירע רויזן.

— גיב זיי מיר, גערטרוד, איך וועל זיי האַלטן פאַר דיר —האָט זיך זינא אָנגערופן און געפּרואווט ביי איר נעמען די בלומען.

— ניין! — האָט זי געענטפערט פאַרעקשנט — קיינער וועט זיי ניט האַלטן. זיי זיינען מיינע, מיינע!...

די רויזן האָבן איר אַף אַמאָל געגומען דינען אַלס אַ באַווייז, אַלס אַן אָנזאָג, אַלס אַ פּונקט, פאַר וועלכן מען דאַרף זיך אָפּשטעלן און בלייבן שטיין.

און עס האָט ניט געהאָלפן, ניט די אַפּלאָדיסמענטן און ניט דאָס בעטן — זי טוט היינט מער גאָרניט. די רויזן האָבן אַזוי לייכט און פריי געגומען הויבן איר ברוסט און איר געפיל, און זי וויל מער פון גאָרניט הערן און וויסן!

פרענקל האָט גענומען האַלטן זיין רעדע, דערקלערט דעם צוועק פון היינטיקן קאָנצערט, דערציילט זיין גרויסע פרייד, אַז אַ נייער דור שטייט־אויף און נעמט זיך צו דער אַרבעט. וואָרים אָט־דער היינטיקער קאָנצערט פאַר דער סאָציאַליסטישער ענגלישער ציידונג איז שוין צו־געגרייט געוואָרן פון יונגע, דאָ־אויפגעוואַקסענע קינדער פון סאָציאַליס־טישע עלטערן און פון ניי־צוגעקומענע יונגע מענטשן פון יענער זייט ים. און ער האָט זיך גענומען דערקלערן פאַר דעם גרויסן עולם, וואָס דאָס מיינט פאַר אונז, די „אָפּגעריסענע בלעטערניקעס". אַ ציטעריקע וואַרימע פריידיקייט האָט מיטאַמאָל אַ שטראַל געטאָן און גיך אויפגעג־קלונגען און אויפגעלויכטן אינדערלויכט פון זיינע רייד און פון זיין קול.

ער האָט געזאָגט:

„מיר איז איצט אַפן האַרצן אויפגעלייגט און גוט. איך פיל איצט

מיט שטאָלץ דעם ווערט פֿון די גרויע האָר פֿון מײַן קאָפּ, פֿון מײַן באָרד. פֿון אָט־דער באָרד, וואָס איז, דאַכט זיך, ערשט נעכטן שוואַרץ געווען ווי קויל. איך קוק איצט אַף אײַך, חברים, זע צווישן אײַך אַזױפֿיל צו־געקומענע יונגע מענטשן און זע מיט פֿרייד, ווי אַ דור באַגעגנט זיך מיט אַ דור. מיר, די עלטערע, שטרעקן צו אײַך די הענט מיט פֿרייד און אפֿשר אויך מיט אַ ציטער אין האַרצן — צי וועלן אונזערע הענט צו אײַך דערגרייכן, צי וועט איר אונז פֿאַרשטיין..."

ווײַטיקן אַף ווײַטיקן האָבן זיך מיטאַמאָל אויפֿגעוועקט אין פֿרענ־קעלס האַרץ, און ווי עס דערפֿילט אַמאָל דער סוף זומער זײַנע לעצטע שײַנע טעג, שטראַלט־אויף און שײַנט זיך פֿאַנאַנדער מיט זײַן גאַנצער קראַפֿט, ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס דער הערבסט האָט זיך שוין ביז אײַנגעביסן אין זײַן לײַב און דאָרט אײַנגעשניטן וואונד נאָך וואונד. אָבער אויך פֿון די וואונדן אַרויס נעמט זיך, דאַכט זיך, אויפֿגײַז אויפֿגעשײַנטער, רײַפֿער, פֿאַרשטענדיקער און זינגענדיקער זומער. אַזוי האָט פֿרענקל איצט מיט און דורך אַנגעווייטיקטע וואונדן דערפֿילט אין זיך זײַן אַמאָליקע קראַפֿט און ער האָט גערעדט ווײַטער:

„געמיינט האָבן מיר פֿון־צײַט־צו־צײַט, אַז מיר האָבן געבויט אומזיסט, געבויט אַף זאַמד, אַף אַ באָדן, וואָס וויל צו זיך גאָרניט צו־נעמען, אַז מיר דאָ וועלן אפֿשר איבערלעבן דעם אייגענעם טראַגיזם, וואָס אונזערע טאַטעס האָבן איבערגעלעבט, ווען זיי האָבן געזען, אַז די ירושה, וואָס זיי האָבן געטראָגן, גיט זיך אונז ניט איבער. אָבער איצט, זעענדיק אָט־דעם יונגן עולם, וואָס האָט צוגעגרייט אָט־דעם אוונט אַף אַרויסצוהעלפֿן אַ סאָציאַליסטישע צײַטונג, וואָס ווערט אַרויסגע־געבן פֿון איינעם פֿון אונזערע אַלטע חברים, און איצט נאָך זעענדיק צווישן אײַך אָט־די פֿילע צוגעקומענע איבערגעגעבענע מענטשן, זעענדיק אָט־דעם ענטוזיאַזם, וואָס שײַנט אַרויס פֿון אײַערע פּנימער פֿאַר דעם איי־גענעם אידעאַל, ווערט אונז גוט און לײַכט אַפֿן האַרצן און מיט אַ געפֿיל פֿון גרויסער פֿרייד רוף איך אויס: ניין, אונזער גורל איז ניט ווי דער גורל פֿון אונזערע טאַטעס! זייער גורל איז געווען דער גורל פֿון דער הון, וועמען מען האָט אונטערגעלייגט גענדזענע אייער, און די אויסגעפּיקטע גענדזלאַך זײַנען אַוועק שווימען אַף די פֿרײַע וואַסערן. און זיי, די טאַטעס און די מאַמעס אונזערע, זײַנען געשטאַנען אין אַנגסט בײַ די

ברעגן, מײנענדיק, אַז מיר, זײערע קינדער, זײנען אַראָפּ פֿון גלײַכן װעג. און אָט־אָט און מיר װעלן דערטרונקען װערן, מיר װעלן אומקומען פֿאַר זיך, פֿאַר זײ און פֿאַר דער װעלט. זײ זײנען געװען אַ שטײענדיקער דור. אָבער מיר זײנען אַנדערש און אונזער לאַגע איז אַנאַנדערע. מיר, דער שװימענדיקער דור, װערן באַגעגנט פֿון אַ נײעם, שװימענדיקן דור.

„יענע פֿריערדיקע דורות האָבן געגלױבט, אַז אַ דור קומט־אָן און אַ דור גײט אַװעק און די װעלט בלײַבט אױף אײביק שטײן. און אונזערע דורות גלױבן, אַז די װעלט באַװעגט זיך פֿאָרט און װעט זיך אײביק באַװעגן. מעג אונז װי טײַער קאָסטן, מעגן די קרבנות זײן װי גרױס, שרײַ איך אױס:

„אָ ב ע ר ז י ב אַ װ ע ג ט ז י ך פֿ אָ ר ט!!"

זינאַ האָט געהערט און ניט געהערט דעם טאַטנס רעדע. אָבער װען דער טאַטע האָט אַ טופּע געטאָן מיט דעם פֿוס אױף דער פּלאַטפֿאָרמע און הילכיק אױסגעשריגן: „אָבער זי באַװעגט זיך פֿאָרט!" און דער עולם האָט ענטוזיאַסטיש אױפֿגעפּאַטשט בראַװאָ, איז אַ גרױל אַראָפּ און אַרױף אױף איר לײַב.

צי דאָס איז געװען איבער דעם פֿאָטערס ציטערדיקן זאָג „מעגן זײן די קרבנות װער װײסט װי גרױס", צי אפֿשר אַנאַנדער זאַך אַזאַ, נאָר עפּעס האָט זי מיטאַמאָל טיף אינעװײניק דערפֿילט אַ באַרירונג אַזאַ און טרערן זײנען איר אַרױס אין די אױגן. איר מוטער, ליזאַ, איז פֿון פֿרענקלס אױפֿגעשרײ אױך אױפֿגערעגט געװאָרן: „קרבנות, קרבנות", מאָדנע זאַכן זײנען אָט־די קרבנות, פֿון װעלכע פֿרענקל און זי און אַלע שרײַען זײער גאַנצן לעבן, און ליזאַ האָט דערפֿילט װי אַרױסצונעמען אַ סיגאַרעט און פֿאַררױכערן, פֿאַרציען שטאַרק, צי נאָך צי...

דער מאַדאַם פֿײנמאַנס אױגן האָבן זיך באַגעגנט מיט אירע, װי אַרױסרופֿנדיק, װי מיטברײַנגענדיק דעם שטאָלצן באַװאוסטזײן. בײַ איר האָט דאָס גראָד געהײסן: „אָט זעסטו, ליזאַ, װי ער נעמט דאָס! אָט װי מען דאַרף קוקן אױף זאַכן!"

און די מאַדאַם בערנשטײן און די מאַדאַם קאַלמאַנאָװיטש האָבן זיך גלאַט געשמאָלצן פֿאַר נחת — שױן לאַנג ניט געפֿילט זיך אַזױ דערהױבן, אַזױ אױפֿגעטרײסלט פֿון סאָציאַליסטישע רײד. שױן לאַנג ניט

געפֿילט זיך אַזוי אָנגעהעפֿט אָן דער באַוועגונג ווי איצט, ווען פֿרענקל האָט אַזוי וואַרעם גערעדט פֿון דעם דור זײַערן. ווײַל, אמת, זײַערע קינדער זײַנען דאָ ניטאָ, אָבער דאָס איז דאָך דערפֿאַר, ווײַל זיי זײַנען אַנדערע מענטשן, עכטע אַמעריקאַנער. וואָס ווייסן זיי... אָבער ווײַטער. אָבער דאָס איז דאָך אַלץ פֿון די „אָפּגעריסענע בלעטער״, און זיי ווילן דאָס טאַקע באַלד באַווײַזן, ווי נאָר עס וועט קומען צו דער קאָלעקשאָן, וועט אײַנע אַראָפּנעמען די גאָלדענע קייט, די צווייטע — אײַנעם פֿון אירע דימענטענע רינגלאַך, און זאָל מען דאָס נעמען פֿלעטן פֿאַר בולאָקס ציי־טונג, און זאָל אימיצער פֿון די אַרבעטער געווינען אַ גאָלדענע קייט אָדער אַ דימענטענעם רינג.

און פֿרענקל האָט טאַקע גענומען ווײַטער רעדן וועגן די „אָפּגעריסענע בלעטער״, וועגן די, וואָס האָבן דאָ אָוועקגעלייגט די ערשטע ציילכנס פֿאַר אַ נײַעם קולטורעלן געזעלשאַפֿטלאַכן לעבן, פֿאַרפֿלאַנצט דאָ מיט ביטערער, שווערער מי דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, געלייגט דאָ די ערשטע זוימען פֿון יוניאָניזם, וואָס הויבט זיך ערשט איצט אָן אָננעמען און געבן פֿרוכט.

ווי דער גאָלדענער ריח פֿון האָניק, וואָס פֿילט־אָן די זוניקע לופֿט אַרום אַ בינשטאָק אין אַ הייסן זומער־טאָג, אַזוי האָבן פֿרענקלס רייד געהאַלטן אין אָנפֿילן די הערצער פֿון די אַלע מיטגלידער פֿון די „אָפּגעריסענע בלעטער״, וואָס האָבן זיך איצט געפֿונען אין זאַל. אָבער זיסער פֿון אַלעמען זײַנען פֿרענקלס רייד געווען צום האַרצן פֿון דער פֿעט־לײַביקער מאַדאַם בערנשטיין און דער שטילער, דערשלאָגענער מאַדאַם קאַלמאַנאָוויטש. זיי האָט זיך גראָד מער פֿון אַלעמען געוואָלט פֿילן אָף זיך די אָנגעהעפֿטקייט פֿון דעם לאַנגן, זײַדענעם שלעפּ פֿון אַמאָל, אָט־אָ־דעם שײַנעם רײַכן שלעפּ פֿון אָרעמקייט, פֿון ברודערשאַפֿט, פֿון קאַמף און פֿון אידעאַלן.

די מאַדאַם בערנשטיין פֿלעגט זיך נאָך ביז איצט אָף איר אײגע־נעם סענטימענטאַלן אופֿן אָפּט פֿאַנאַנדערווײנען אײנײנעם מיט איר חברטע קאַלמאַנאָוויטש אָף דעם אומגליק, וואָס זיי זײַנען רײַך און אַנדערע זײַנען אָרעם. אָט־די טרערן זײַנען זיי באמת געווען פֿיל לי־בער פֿון פּערל. נאָר פּערל האָבן זיי אויך ליב געהאַט. און עס איז זיי

פון דעם אָפּט גאַנץ שלעכט געווען, ווייל — אָט, דו ווייסט, און ווייסט אפילו ניט פאַרוואָס.

פרענקל איז פאַר זיי שטענדיק געווען דער, וואָס האָט פאַר זיי אָנגעהאַלטן דאָס ליכט פון געוועזענע טעג. און אָט זיפצט פרענקל אויף און נעמט אויפגעזיפצט דערציילן, ווי שווער עס זיינען געווען די ערשטע יאָרן פון קאַמף, און די ביידע פרויען זיפצן־אויף: „אמת, אמת! אַ, ווי שווער!" און די מאַדאַם בערנשטיין גיט אַ טראַכט פון איר מאַן, וואָס זיצט איצט אינדערהיים, ווי אַ צעטראָגענער פון סטרייק. נעבעך וואָלט ער בעסער אויך געקומען אַהער, ניט זיצן דאָרט אינדערהיים אַ צעטראָגע־נער. פּלוצלונג אָבער דערפילט זי, ווי די לופט האָט זיך מיטאַמאָל גענומען ענדערן. פרענקל נעמט רעדן מיט אַנאַנדער אויפגערודערטקייט:

„חברים, פריינט, יונגע קאַמעראַדן! איך ווייס און איר אַליין ווייסט אויך, אַז אייערע וועגן זיינען נאָך ווייט ניט מיט קיין רויזן אויסגעלייגט. מיר שטייען נאָך אַלץ ביים שוועלן, אפשר פּאַסט גראָד איצט צו זאָגן, ביים ביטערן אָנהויב. אמת, דער איצטיקער אָנהויב איז שוין אַ ווייטער וועג פאַרויס. אַמאָליקע יאָרן, ווען ארבעטער פלעגן נאָר אַ רעד טאָן פון בעסערע באַדינגונגען, פלעגן די באַלעבאַטים זיי גלייך דערקלערן פאַר „סאָציאַליסטלאַך" און זיי אַרויסוואַרפן פון שאָפּ און פאַרטיק. דער אַרבעטער איז נאָך דעמאָלט קיין שום מאַכט ניט געווען. מען האָט אים גענומען און אַרויסגעוואָרפן אַף צוויי שפּענדלאַך ביי דעם קלענסטן צייכן פון ווידערשפּעניקייט. היינטיקע יאָרן באַנוגנט זיך שוין ניט אַ באָס מיט אַרויסוואַרפן די פאַר סאָציאַליסטלאַך, דאָס איז פאַר אים קאַרג. די סאָציאַליסטלאַך זיינען פאַר אים געוואָרן אַ צו־שטאַרקע מאַכט. ער שרעקט זיך פאַר זיי, און דער עקלהאַפטער שרעקנדיקער קאַפּיטאַליסט פון היינט נעמט זיך מיט ברוטאַלער מאַכט ווערן קעגן אונז. ער שטעלט־אָן גענגסטערס, דאָס באַווייזט, אַז ער אָנערקאַנט אַף זיין ברוטאַלן אופן אונזער אויפגעוואַקסענע מאַכט. ביליק און עקלהאַפט איז געווען דער אַמאָליקער קאַפּיטאַליסט, אָבער ברוטאַל־ביליק און אומפאַרשעמט איז דער היינטיקער! דאָס זיינען מערדער! מערדער! מערדער!!! — האָט פרענקל מיטאַמאָל אויסגעשריען מיט אַזאַ פּלוצלונגדיקן כעס, אַז דער גאַנצער זאַל האָט אויסגעבראָכן מיט אָנגעצונדענע געשרייען און אַפּלאָדיסמענטן פאַר אַ לאַנגער צייט.

די פראַגע פון די גענגסטערס איז דעמאָלט געווען אַ שטאַרק־אַנגעווייטיקטע און פרענקל פלעגט זיך זייער נעמען צום האַרצן יעדן מאָל, ווען מען האָט געשלאָגן אַרבעטער, און דאָ איז ער גראָד היינט געוואָר געוואָרן פון דער מיס פעלדמאַן און פון בערמאַנען, וואָס עס קומט פאָר מיט זיי. די מיס פעלדמאַן און בערמאַן, אַזוינע צוויי גוטע און ליבע קינדער.

ווי פון הייליקע מאַרטירער האָט פרענקל וועגן זיי געטראַכט און געפילט. ער האָט ניט אַנדערש געוואָלט, אַז דער פאַרבאַנדאַזשירטער בעני, וועגן וועמען זיי האָבן אים דערציילט, זאָל געבראַכט ווערן אַף דער פלאַטפאָרמע דעם היינטיקן אָוונט און זאָל צייגן פאַר דעם עולם זיינע וואונדן. עס איז דעמאָלט שוין געהאַט געווען אַזאַ מנהג דאָס צו טאָן. אָבער מען האָט בענין גראָד דעם טאָג ניט געקאָנט געפינען, ער איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן. דערפאַר אָבער האָט פרענקל זיך געהייסן פאַרשרייבן דעם נאָמען פון דער פירמע, וואו דאָס געשלעג איז פאָרגעקומען, גענוי און דייטלאַך, כדי ער זאָל דאָס קאָנען קלאָר אויסרעדן פאַרן עולם היינט אָוונט. „מען דאַרף זיי שטעלן צום שאַנדקלאָץ, די לומפּן!"

פרענקל האָט זיך ניט פאַרטראַכט, צי אַ פרוי קאָן וויסן ווער עס האָט געמאַכט דעם פאַסאָן פון דער הוט, וואָס זי קויפט, האָט ער זיך דערפאַר גענומען ווענדן צו די פרויען:

„גערדיינקט, איבערהויפּט איר, פרויען, אַז עס קומט איצט פאָר אַ סטרייק פון בראַווע קעמפער אין דער פרויען־הוט־אינדוסטריע. קויפט ניט קיין הוט, וואָס ווערט געמאַכט פון סקעבס! פון סטרייק־ברעכער, וואָס ווערן באַשיצט פון גענגסטערס!"

ביי דער מאַדאַם בערנשטיין און טאַקע אויך ביי מאַדאַם קאַלמאַנאָוויטש האָבן פון דעם די אויגן גענומען קריכן פון קאָפּ אַרויס. און אָט נעמט נאָך פרענקל אַרויס אַ שטיקל פּאַפּיר און זאָגט:

„„גערדיינקט אַלע דעם נאָמען „דהי מאָדעל העט ענד פעשאָן קאָמפּאַני", שרייבט פאַר זיך אויף דעם נאָמען ווי איך האָב דאָס דאָ פאַר אייך פאַרגעלעזן. דער נאָמען פון דער פירמע זאָל פון אונז אַרויפגעשטעלט ווערן אַף דעם שוואַרצן צעטל. די פאַרפלוכטע קאַפּיטאַליסטן פון דער קאָמפּאַני זאָלן איינמאָל פאַר אַלעמאָל דערפילן, אַז אַנדערש זיינען איצט די

ציִיטן אויך פון אונזער זייט. עס שטייט־אויף די מאַכט פון דער אָרגאַ־ניזירטער אַרבעטערשאַפט און מיר וועלן צונאָגלען צום שאַנדקלאָץ יעדן שוואַרצן רעאַקציאָנער, יעדן מערדער, יעדן בלוטיקן קאַפּיטאַליסט!".

פאַר דער מאַדאַם בערנשטיינס אויגן האָבן זיך גענומען מישן פּנימער, קליידער, אויגן; ווי כוואַליעס האָט זיך דער זאַל גענומען הויבן קעגן איר און איר חברטע. זי האָט אָנגעכאַפּט איר גאָלדענע קייט און האָט צוגעטראָגן די האַנט מיט דער קייט צו די פולע עטוואָס בלאַס־גע־וואָרענע רויטע ליפּן, ווי מורא האָבנדיק פאַר דער האַנט און פאַר דער קייט און ווי גרייט זיך איינצובייסן אין זיי, האָט זיך נאָכדעם מיטאַמאָל אַ הויב געטאָן פון איר ביינקל מיט אָנגעפילטע טרערן אין די אויגן. די מאַדאַם קאַלמאַנאָוויטש האָט זיך אויפגעהויבן גלייך נאָך איר און זיי זיינען זיך כמעט ווי אומבאַמערקט אַרויס פון זאַל.

דעם גאַנצן וועג אַהיים זיינען די ביידע פרויען געפאָרן שטילע, אַזוי ווי דאָס לשון וואָלט זיי אָפּגענומען געוואָרן. דער דימענטענער רינג אף דער האַנט פון איינער און די גאָלדענע קייט אָפן האַלדז פון דער צווייטער זיינען מיט זיי מיטגעפאָרן, זיך געלאָזט פילן, אַז זיי זיינען דאָ און אַז זיי פאָרן אויך מיט. ווי נאָר אָבער די צוויי ווייבער זיינען געקומען אַהיים, איז דאָס הויז אָנגעפילט געוואָרן מיט היסטערישן געשריי און געוויין און צווישן די געשרייען האָבן די ווייבער געטענהט:

— וואָס הייסט, קאַלמאַנאָוויטש איז אַנטלאָפן, און וואָס הייסט, ער, בערנשטיין, איז זיך געבליבן אינדערהיים און זיי האָט מען געלאָזט גיין? אָפן בייז וואָונדער האָט מען זיי געשיקט. און ווי איז מיר און ווי איז מיר. צי זיינען מיר דאָס טאַקע אַזוי נידעריק געפאַלן? וואָס הייסט שלאָגן אַרבעטער? מיר זיינען דאָך ראַדיקאַלע מענטשן, מיר זיינען סאָציאַליסטן!

בערנשטיין האָט מיט אַן אָנגעשטעלטער קאַלטקייט אויסגעהערט די טענות פון די ווייבער, איבערהויפּט פון זיין ווייב, וואָס האָט גערעדט און געשריען פאַר ביידע, און אין אַ ווײַלע אַרום געפרעגט:

—פונוואַנען אָבער ווייסטו, אַז ער האָט געמיינט אונז? מיר זיינען דען די איינציקע „העט פריים מייקערס"?

— קוק אים נאָר אָן — האָט זיך די מיסעס בערנשטיין צעשריען — ער מיינט, אַז ער קאָן אַלץ באַהאַלטן אין אַ פושקעלע. יענער האָט אָפן

פאַרן גאַנצן עולם דורכגעלייענט פון אַ שטיקל פּאַפּיר „די מאָדערנע העט פּריים פּעשאַן קאָמפּאַני״, אַז אַ גרוב וואָלט זיך מיר דאָרט געעפנט, וואָלט איך זיך דאָרט בעסער גלייך באַגראָבן לעבעדיקערהייט.

די עלטערע טאָכטער איז אַריינגעקומען, געוואויר געוואָרן וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, האָט זי מיט אַן אָפּלאַכנדיקן און שטראָפנדיקן פאַרוואורף זיך אָנגערופן:

— „דאָרן איט״, איר זענט נאָך אַלץ ניט קיין אַמעריקאַנער, איר זענט נאָך אַלץ „ראַשענס״. פאַרוואָס גייט איר גאָר אײַנגאַנצן צו אָט־די סאָציאַליסטישע פּלעצער? איך גלויב שוין גאָרניט, אַז איר וועט אַמאָל ווערן אמתע אַמעריקאַנער.

בערנשטיין האָט דאָ אָפּגעמאָסטן די חוצפּהדיקע, פאַררימענע טאָכטער, די ביידע וויינענדיקע ווייבער און האָט זיך אַן ווערטער אויסגעדרייט און איז אַוועק צו זיך אין צימער און פאַרשלאָסן די טיר הינטער זיך.

געטראַכט האָט ער דאָ פאַר זיך אַליין פון אַסאַך זאַכן. געטראַכט פון דעם, וואָס זינט דזשאַן האָט פאַרלאָזן זיין טאָכטער אַ שוואַנגערדיקע, איז זי, גאָט ווייסט איבער וואָס פאַר אַ סיבות, געוואָרן גראָד פאַר־ריסענער, ווי ווען עס איז; געטראַכט פון אַמאָליקע גוטע יאָרן אויף דער אוקראַינע אין רוסלאַנד, פון דעם רעוואָלוציאָנערן ברען, פון דעם ערשטן האַלב־לעגאַלן פאַריין „די ביבלישע ברודערשאַפט״. דאָרטן האָט ער טאַקע צום ערשטן מאָל און פאַר אַ קורצער צייט געזען פרענקלען. פרענקל, דער אינטעליגענט, איז דאָס אַראָפּגעשיקט געוואָרן פון דעם הויפּט־קאָמיטעט פון דער גרויס־שטאָט צו ווערן דער פירער פון דער „ביבלי־שער ברודערשאַפט״.

אָפן האָט די „ביבלישע ברודערשאַפט״ געפּריידיקט פּרוכטבאַרע אַרבעט, סאָציאַלע גערעכטיקייט, לויט די נביאים, און אַסאַך באַלעבאַטישע קינדער האָבן זיך טאַקע אָפּגעזאָגט פון זייערע באַקוועמלאַכקייטן, זיינען געוואָרן באַלעגאָלעס, סטאָליאַרעס, און באַהאַלטענערהייט האָט מען גע־פּריידיקט רעוואָלוציע, קעגן צאַר, קעגן קאַפּיטאַל... פרענקל איז אָבער אַלעמאָל געווען אַ קאַפּיטאַליסט. יאָ, אַזוי באַשטימט פאַר זיך איצט מיטאַמאָל בערנשטיין, פרענקל, וואָס גלויבט ניט, וואָס קעמפט קעגן

קאַפּיטאַליזם, איז פון דער נאַטור אַן אמתער קאַפּיטאַליסט, אַ קאַפּיטאַליסט פון אינטעליגענץ, אַ קאַפּיטאַליסט פון רעוואָלוציע. פרענקל האָט שטענדיק אַזוי ווי געפילט און געהאַנדלט, אַז רעוואָלוציע — דאָס איז זיין אייגנטום, און ווער עס האַנדלט ניט פּונקט ווי ער, דער איז ניט קיין רעוואָלוציאָנער, דער טאָר לעבן אים ניט שטיין. און אפילו דאָ שוין נאָכדעם אין אַמעריקע, אין די „אָפּגעריסענע בלעטער", האָט ער דאָך אויך אַזוי געהאַנדלט. ער מיינט, אַפּנים, אַז קאַפּיטאַליזם מיינט נאָר געלט. אָבער ער, בערנשטיין, קאָן נאָך פרענקלען לערנען „אַ זאַך אָדער צוויי", ווען אַ מענטש אָדער אַ גרופּע מענטשן נעמען פאַר זיך זייער ביסל אינטעליגענץ, צי אפילו זייערע רעוואָלוציאָנערע אידעאַלן און מאַכן פון דעם זייער אייגנטום, איז דאָס אויך קאַפּיטאַל. אָט־די דייטשע סאָציאַליסטן, זיי זיינען ניט קיין קאַפּיטאַליסטן. זייער פּאַרטיי איז אָפן פאַר אַלעמען. דער קאַפּיטאַליסט זינגער איז דער פירער פון דער פּאַרטיי. זיי פאַרשטייען די זאַך ריכטיק. אָבער ער, פרענקל, איז אַלעמאָל געווען אַ קאַפּיטאַליסט. מאַכט פאַר זיך דאָרט אַ יום־טובֿל, לייגט דאָרט פאַנאַנדער זיין רעוואָלוציאָנערן קאַפּיטאַל און לאָזט צו דעם צו וועמען ער וויל, טרייבט פון דאָרט מענטשן, וואָס געפעלן אים ניט. מיט וואָס איז דאָס אַנדערש ווי די האַנדלונג פון אַ גרופּע, וואָס קאַפּיטאַליזירט פאַר זיך אַ געוויסע אינדוסטריע? האַנדלט דען ניט פרענקל, ווי סאָציאַליזם וואָלט געווען זיין אייגנטום און ער איז איבער דעם דער גאַנצער דעהזאָגער... פרענקל איז אַ קאַפּיטאַליסט, יאָ, יאָ. און אָט דערזעט בערנשטיין, ווי אַזוי מען האָט פרענקלען אַרעסטירט טאַקע גאָר גיך נאָך זיין אָנקומען צו זיי אין דער אָפּגעלייגטער אוקראַינער שטאָט, ווי מען האָט אים אָוועקגעפירט אַ געשמידטן אין קייטן.

דער גאַנצער זיג, וואָס בערנשטיין האָט דאָ ביי זיך אין צימער איצט אָפּגעהאַלטן איבער פרענקלען, ווערט פאַרבלאָסט... פרענקל — ווער עס האָט געזען אָט־דעם דאָרן, הויכן פרענקלען מיט דעם יונגן שוואַרצן בערדל געפירט דורכן שטאָט אונטער אַ שווערער פּאָליציי־וואַך, איז דורכגעציטערט געוואָרן מיט אַ ביבלישן ברען. אַ גרויסע צאָל איינוואוינער פון שטאָט איז שוין דעמאָלט געווען דורכגענומען מיט די אידייען פון דער „ביבלישער ברודערשאַפט" און פרענקלס קומען און פאַרשווינדן איז פאַר זיי באמת ווי אַ ביבלישע דערשיינונג געווען.

בערנשטיין דערפילט זיך שטאַרק דערנידעריקט פון אַט־דער דערינער־רונג, פון אַט־די קייטן אויף פרענקלס הענט, פון אַט־דעם טיפן דורכבויערנ־דיקן ערנסט פון פרענקלס פנים. אפנים, אַז בערנשטיין האָט דערפילט, אַז פאַר דער אידייע פון קאַפּיטאַליזם קאָן מען קיינמאָל אויף אַזאַ אופן אין קייטן ניט געשמידט ווערן, מען קאָן קיינמאָל צו זיך אַזאַ טיפן דרך־ארץ ניט ארויסרופן. באַלד אָבער כאַפּט זיך בערנשטיין אָן אין פריער־דיקן געדאַנק, אַז אפילו אַט־דאָס איז דאָך ביי פרענקלען ווי ביי אַ קאַ־פּיטאַליסט זיינע דיווידענטן, און אַז דאָס זיינען גאַנץ גוטע דיווידענטן פאַר פרענקלס קאַפּיטאַל. בערנשטיין צווינגט זיך אַלץ ווייטער צו טראַכטן אַזוי און עס ווערט אים פון דעם אי יאָ, אי ניט בעסער און ער טראַכט: „וואָס איז דען דער אונטערשייד, צי מען האָט געשלאָגן די פאַר אַרבעטער פאַר מיין שאַפּ. צי מען וואָלט זיי געשלאָגן פאַר אַנאַנדער שאַפּ? איך בין ניט אַזוי קליינלאַך צו וועלן, אַז מען זאָל דווקא שלאָגן די אַר־בעטער פון אימיצן אַנדערש שאַפּ. און דערצו האָט זיך דאָך דאָס פייער באַקע אָנגעהויבן פון מיין שאַפּ. וואָלט דערפאַר פּשוט געווען ניט רעכט אָנצוהויבן פון אַנאַנדער שאַפּ. איך בין דאָך דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער „אַסאָסיאיישאָן“, מוז מען דאָך די אַנדערע ווייזן אַ ביישפּיל פון דיס־ציפּלין. און בכלל האָט מען געדאַרפט געפינען אַ וועג צו דערקלערן אַט־דעם נאַאיוון פרענקלען, אַז ווען איך זאָל ניט זיין דער אייגנטימער פון שאַפּ, וואָלט דאָך אימיצער אַנדערש געווים געווען אויף מיין אָרט, איז פאַרוואָס זאָל איך דווקא וועלן בעסער זיין אַ דערנידעריקטער אַרבעטער. ניין, אַזוי לאַנג, ווי עס איז נאָך דאָ אַ קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, מעג אַ סאָציאַליסט וועלן בעסער זיין אַ באָס, און אַ באָס מעג אויך זיין אַ סאָציאַליסט. און פרענקל איז אַ נאַר. מען וועט פּשוט דאַרפן מאַכן אַ רעוואָלוציע קעגן אים אין דער פּאַרטיי, ער שלעפּט אַרונטער די פּאַרטיי צו אַ סעקטע“.

ווען בערנשטיין איז שפּעט אין דער נאַכט אַרויס פון זיין צימער און געטראָפן זיין גרויסלייביק ווייב זיצנדיק אין דער זיידענער נאַכט־העמד און נאָך אַלץ אָביסל אַ צעטראָגענע, איז ער צוגעגאַנגען צו איר און געזאָגט:

— הער, בעלא, מאך זיך ניט נאריש. איך קען פרענקלען בעסער פאר דיר. איך בין זיכער, אז ער הויבט ניט אן צו וויסן, אז די „מאדל" — דאס מיינט אונזער פאבריק. ער האט קיינמאל אזוינע זאכן ניט געוואוסט. ער איז צופיל פארטראגן און קאן זיך קיינמאל אין אזוינע זאכן ניט פאר־נאנדערקלייבן. ערגעץ דארף, דאכט זיך, דא איינגיכן זיין אדער זיינאס אדער ליזאס געבורטסטאג, וועלן מיר אומיסטן גיין אהין. וועסטו זען, אז איך בין גערעכט. איך האב גאר קיין מורא ניט. איך וועל דיך נעמען אהין.

קאַפּיטל דרייסיק

גראַד גלייך נאָך דעם, ווי די מיסעס בערנשטיין און די מיסעס קאַלמאַנאָוויטש זיינען האַלב־היסטערישע אַרויס און אַוועק פון זאַל איבער פרענקלס בעסדיקע רייד, האָט פרענקל גענומען בייטן זיין כעס אַף הייסע אַנגעצונדענע טרייסט־ווערטער, וועגן סאָציאַליזם בכלל און וועגן בולאַקס צייטונג בפרט. ער האָט פאַרענדיקט מיט אַן אויפרוף פאַר אַ באַלדיקער געלט־זאַמלונג פאַר דער ניי־געגרינדעטער צייטונג, וואָס גייט העלפן שפרייטן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל צווישן די ענגליש־רעדנדיקע מאַסן:

— העלפט דער צייטונג, און איר העלפט זיך אַליין, לויט אייער הילף פאַר דער צייטונג וועט איר וויסן, אַף וויפל איר זענט זיך אַליין גרייט צו העלפן. ברענגט אייערע אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַרס, אייערע אָפּגעשפּאָרטע ביסנס, מאַכט די זאַמלונג גרויס מיט וואָס נאָר איר קאָנט, און נאָך דער זאַמלונג וועלן פאַר אייך אונזערע קאַמעראַדן פונדאַסניי זינגען און שפּילן.

עס האָט זיך גלייך אָנגעהויבן אַ יאַריד פון אָפּפּערווילּיקע געשרייען און ביישטייערונגען. די מער אַקטיווע מענער און פרויען האָבן זיך באַוויזן צווישן עולם אַף און אַרום דער פּלאַטפאָרמע און האָבן געהאָלפן זאַמלען, האָבן אויסגערופן אָפן קול דעם נאָמען פון יעדן גרעסערן געבער. בעסי מינדלין־פינק, בראַווערמאַן און פרענקל האָבן דאָס צוריקגעשריען פון דער פּלאַטפאָרמע, און אָפט מיט באַמערקונגען, וואָס פלעגן אַרויסרופן אַפּלאָדיסמענטן און מאַכן דעם עולם נאָך וואַרימער און ראַשיקער. און אָט האָט אַן אַרבעטער, וואָס האָט ביי אַ פּעדלער פאַר זיך געקויפט אַ גאָלדענעם זייגער אַף אויסצוצאָלן און אים קוים אויסגעצאָלט מיט זיינע אָפּגעשפּאָרטע און שווער־פאַרהאָרעוועטע דאָלאַרס, אַן אויפגערעגטער אַראָפּגענומען פון זיך אָט־דעם טייערן זייגער זיינעם און אים האַלטנדיק הויך אַרויפגעשפּרונגען אַף זיין ביינקל און מיט אַ באַגייסטערטן, מיט אַ פריידיקן ציטער אין האַרצן אויסגעשריען:

— און איך גיב מיין גאָלדענעם זייגער פאַר דער נייער סאָציאַ־ליסטישער צייטונג!

דער עולם האָט אַ וועגד געטאָן די אויגן צו דעם אויפגעשפּרונגע־נעם אַרבעטער מיט דעם גאָלדענעם זייגער אין האַנט. הענט האָבן אַפּ־לאָדירנדיק אויפגעפּאַטשט. קולות האָבן יובלענדיק אויפגעשריען. דער זאַל איז אָנגעפילט געוואָרן מיט ראַשיקן געשריי. דער אַרבעטער איז אויפגעכאַפּט געוואָרן אַף די הענט און מען האָט אים גענומען טראָגן צו דער פּלאַטפאָרמע.

קאַפּיטל איינאונדרייסיק

גערטרוד איז דערווײַלע געבליבן אַליין, פאַרלייגט אַ פוס אַף אַ פוס כדי ס'זאָל איר זײַן העכער, גענטער און לײַכטער צו האַלטן די ווייסע רויזן אין די הענט. אַט־די רויזן, וואָס האָבן זי אָנגעפילט מיט אַן אומדערוואַרטער נײַער פרייד און האָבן איר מיטאַמאָל גענומען דינען אַלס אַ באַווייז, אַלס אַן אָנזאָג פון עפּעס.

און אַט!... ווי אימיצער וואָלט איר פלוצלונג אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן אַפן האַרץ־טאַוול. זי איז געוואָרן שוואַרץ און גרוי פון שרעק. די אויגן האָבן זיך איר גרוים אַרויסגעפּרעסט... און נאָך איידער דער שרעק איז אַריבער האָט זיך אַ לײַכטער באַגריסנדיקער שמייכל באַוויזן אַף אירע ליפּן.

בערמאַן איז אַ פּאַרשפּעטיקטער געקומען צום קאָנצערט אײַנײַנעם מיט דער מיס פעלדמאַן און איז דאָ נאָר־וואָס מיט אַ היטערשטער טיר אַרויף אַף דער בינע. ער האָט עפּעס באַמערקט, אַ מיידל שמייכלט צו אים און איז געבליבן שטיין פאַר אַ ווײַלע.

— אַ, וואָס פאַר אַן אויסגעפּוצטע! אַלץ אין ווײַסן, אין גאַז־טול און אין זייד, אפילו די ווייסע בלומען אין אירע הענט זײַנען פאַרשלייערט מיט זייד. און די שיין־פאָרמירטע הענט זײַנען נאַקעט און פאַרלייגט אַרום די בלומען, ווי זי וואָלט זיך געקליבן זיי צום האַרצן פּרעסן. וואָס האָבן זיך לעצטנס גענומען באַווייזן אין אונזערע מקומות אַט־די „וועזנס" מיט די שפּיציקע זילבערנע שיכלאַך? און וואָס פאַר אויגן דאָס האָט! און וואָס פאַר אַ שמייכל! פאַר וועמען?

בערמאַן האָט אויסגעדרייט זײַן קאָפּ אַף הינטן, כדי צו זען, צו וועמען שמייכלט זי דאָס אַזוי.

גערטרודן האָט זיך דאָס האַרץ אָפּגעריסן: ער איז אין כעס. ער דערקענט זי גאָרניט.

בערמאַן גיט נאָך אַ טראַט. אַט־די פאַרפּוצטע שלאַנקע מיידל אין ווייסן מיט די בלומען אַרומגענומענע פאַר זיך מיט ביידע לאַנג־פינגערדיקע הענט, מיט דער שיינער פוס אַף פוס, נעמט מיט דעם שפּיץ פון איר ווייס־באַזילבערטן שיכל פון איר אויפגעהויבענער פוס זיך נערוועז שפּילן מיט דעם גרויסן אויפגעשטעלטן זייל אַנטקעגן איר, און קוקט אַף אים מיט אירע גרויס־צעעפנטע אויגן און שמייכלט... זי האָט, ווייזט אויס, לאַנגע פּיס, און הענט, דאַכט זיך, אויך אַזוינע. צו וועמען שמייכלט זי פּאַרט? ער דרייט זיך נאָכאַמאָל אויס אַף הינטן צו זען צו וועמען זי שמייכלט דאָס אַזוי, און צי אימיצער ענטפערט אַף איר שמייכל, וואָרים אים גלויבט זיך פּאַרט ניט, אַז דאָס איז צו אים... און פּלוצלונג גיט זיך דאָס האַרץ אין אים אַ וואָרף ווי אַן אָפּגעבריטס. דער קאָפּ גיט זיך אים כמעט ווי אַ צינד־אָן: וואָס איז ער פון זינען? צי וואָס? דאָס איז דאָך דאָס מיידל, מיט וועלכער בראַווערמאַן האָט אים אַמאָל באַקאַנט. דאָס איז דאָך די אייגענע, מיט וועלכער ער האָט זיך נאָכדעם געהאַט פאַרחלומט, שטייענדיק אין צימער אַליין פאַר זיין פענצטער... ער ווערט איצט גוט אין כעס אַף זיך און וויל זי דווקא ערשט איצט פאַרבייגיין. אָבער די פּיס רירן זיך ניט. די הויט איז אַף אים ווי פאַרגליווערט געוואָרן... האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צום ליידיקן ביינקל, וואָס ער האָט דערזען לעבן איר, האָט זי באַגריסט און זיך אָוועקגעזעצט אַט־אַזוי גלייך לעבן איר.

— איך האָב אייך ניט דערקאַנט — האָט ער זיך אַזוי ווי פאַרענטפערט.

— איך האָב געמיינט, אַז איר זענט אין כעס אַף עפּעס — האָט זי באַמערקט מיט אַ ציטער און לייכט־שמייכלענדיקן פאַרוואורף.

בערמאַן האָט זיך געפילט אַ געכאַפּטער, דערפילט די דינקייט און די הערעוודיקייט פון אַט־דער מיידל. אים איז געווען שווער צו קוקן אַף די שיינע, אַנטבלויזטע הענט, אַף דער שפּיציקער דעקאָלטע פון איר ווייסן זיידענעם קלייד, אַף דעם פרייען, ווייך־פאַרמירטן, שטאָלצן האַלדז. נאָר זיינע אויגן האָבן אַף דעם, אפילו ניט קאָנענדיק קוקן, פּאַרט אָנגעצונדן געקוקט. עפּעס איז אַלץ אין דער מיידל אַזוי שיין געפּאַרעמט, אַז דו מוזט אַף איר קוקן. גרינגער פון אַלץ איז אים געווען צו קוקן אַף איר פּנים. דאָס פּנים האָט אים אויסגעקוקט ניט שיין. איבער זיין אויפ־

נערענטקייט האָט איר פּנים אים געכומען אויסזען כמעט שוואַרץ. אי־רע פולע ליפּן האָבן אים אויסגעזען צו־דיק און ניט נאָר דיק, זיי זיינען עפּעס אויסגעקומען אַזוי ווי צעהאַקט, צעשטופּלט אפילו און אין אירע גרויסע און שטילע אויגן איז אים געווען ניט גרינג צו קוקן. אַזוינע אויגן, האָט ער אַף אַמאָל אַ טראַכט געטאָן, קאָן מען אפשר נאָר זען ביי אַ שוואַרץ פערד. און עפּעס אַזוינע דין־צעשנירלטע ברעמען בויגן זיך שאַרף פון איר גלאַטן שטערן! אָבער אַט־די מאָדנע גרויסע אויגן און אירע האָר זיינען עפּעס ניט שוואַרץ, ניט ברוין, נאָר אַ מין אַש־קאָליר, דאַכט זיך. און אַזוי קוקנדיק אַף די איינצלהייטן, קוקט ער פונדעסטוועגן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַף איר דעקאָלטירטן האַלדז, אַף אירע הענט, אַף דעם ווייסן, עטוואָס־גרויליכן גאַז, פון אונטער וועלכן עס שלאָגט זיך די בלענדנדיקע ווייסקייט פון דעם זיידן קלייד, וואָס אונטער דעם טול. ווי שיין עס גיט זיך אַרויס די פיינע מאָדעלי־רונג פון אירע קני פון אונטער אַט־דעם זייד און גאַז. און אַט דערזעט ער אַזויווי אינדערלופטן איר ווייס, שפּיציק שיכל קעגן דעם זייל. ביים סאַמע ברעג פון איר קלייד זיינען צווישן צוויי פאַסן אָנגעהעפטע שטערנדלאַך געווען אויסגעלייגט אַ געלויף פון ווייסע האַלבע־לבנות, ווי אַ ווייסער מילך־וועג פון האַלבע־לבנות איז אַט־דער ברעג פון איר קלייד געווען. און דאָס שיכל קוקט פון אונטער אַט־די זיידענע לבנות און שטערנדלאַך אַרויס, ווי עס וואָלט אַליין אויך אַ מין קאָנווענציאָנאַליזירטע האַלבע־לבנה געווען. און מאָדנע — די האָר אַף איר קאָפּ זיינען אויך ווי צוויי שוואַרצע האַלבע־לבנות מיט אַ ווייסן שרונט אינמיטן, — כאָטש פאַל־צו און נעם קושן אַט־דאָס לבנהדיקע זיידענע שיכל מיט דער זילבערנער קליאַמקע.

זי האָט זיך דערפילט ניט באַקוועם, האָט אַראָפּגענומען די פוס פון דער פוס, זיך אויסגעגלייכט אַפן ביינקל און געזאָגט:

— באַקענט זיך מיט מיין מוטער, מיסטער בערמאַן.

„פונוואַנען האָט זיך דאָ אַזוי נאָענט פון זיין פּלאַץ אַ מוטער גענומען?"

אים איז גאַרניט איינגעפאַלן, אַז נאָך אימיצער איז דאָ לעבן זיי.

די מוטער איז אים גלייך ניט געפעלן געוואָרן. ער האָט זי באַ־גריסט מיט אַ געמאַכטער, מיט אַ ניט־העפלאַכער העפלאַכקייט און זיך גלייך, אָן איבעריקע צערעמאָניעס, אָפּגעקערט פון איר צוריק צו נערט־

רודן. גערטרוד האָט דערווייל מיט שרעק אים דערזען און צייט געהאַט אַ טראַכט צו טאָן:

— וואָס פאַר אַ ווילדער מענטש ער איז! פאַרוואָס זיינען ביי אים די האָר ניט פאַרקעמט? זיי הייגגען דאָך אריבער זיין שטערן ווי ביי אַ האָטענטאָט. און די אַרבל פון זיין ווינטער־ראָק זיינען אָפּגעריבן און ווייזן אַרוים דעם אונטערשלאַק... זיינע הויזן זיינען, ווייזט אויס, קיינמאָל ניט געווען געפּרעסט און גלאַנצן אַביסל פון אָפּגעניצטקייט. אַ ציטערנ־דיקער שרעק האָט זיך ווי אַ לייכטער ווינט אַ לייג געטאָן איבער איר... זי האָט עס דאָס ערשטע מאָל גאָרניט באַמערקט... ער האָט דערזען אָט־די צעשראָקענע גרויסע אויגן וואַנדערנדיק איבער אים מיט שרעק און האָט זיך אָפּגערופן:

— צוליב וואָס האָט איר אַזוי איינגעהילט אָט־די בלומען? איר האָט מורא, אַז זיי זאָלן זיך חלילה ניט פאַרקילן?

זי האָט פאַרגעסן אָט־די אַלע פּלוצלונגדיקע גערדאַנקען אירע וועגן אים און אָננעמענדיק ציטערנדיקער די בלומען אין אירע הענט האָט זי אַ גליקלאַכע געזאָגט:

— אָ, אָט־די בלומען זיינען מיר זייער טייער. איך גיי זיי אָפּהיטן כיין גאַנצן לעבן.

— וואָס פאַר אַ גוטע בשורה האָבן זיי דען אייך געבראַכט? — האָט ער צו איר גרוים שטוינענ געפרעגט.

זי האָט אַ לאַך געטאָן און איז פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ נאָך די־נערער, ווארימערער בלאַסקייט, און אַף דעם אָרט פון ענטפערן האָט זי לייכט אויסגעשטרעקט צו אים אירע ביידע הענט מיט די בלומען און געזאָגט:

— נאָט, איר ווילט זיי האַלטן אַביסל?

בערמאַן האָט ביי איר איבערגענומען די בלומען, געקוקט אַף זיי, דערפילט ווי אריינצולייגן זיין ברענענדיק פּנים אין זיי.

— איר מעגט — האָט זי געזאָגט מיט אַ צאַרטן שמייכל.

דער ענטפער האָט ווי מיט ליכטיקע פונקען אַ פריידיקן שפּרונג געטאָן פאַר זיינע אויגן.

וואָס פאַר אַ שיינע בלומען, ווי שטיף עס זיינען זייערע שיסעלאַך, ווי וואַקסענע, געקליבענע, איינס ווי איינס, זיי קוקן אַרוים ווי פון אונטער

אַ ליכטיקן נעבל — און דערביי האָט ער אַ באַוועג געטאָן דעם בוקעט בלומען אַזוי, אַז איינע פון זיי האָט אָנגערירט זיינע ליפּן און איינע זיין באַק. ער האָט נאָכדעם מיט גרויס ציטערדיקייט איר צוריק איבערגעגעבן די בלומען. זי האָט זיי צוריקגענומען אַ גליקלאַכע, און דערביי אַ פיל געטאָן אירע שיין־צעצווייגטע, ווייך־גערונדיקטע אַקסלען, לייכטער אַרויסגעהויבן אירע יונגע בריסט און עלאַסטישער און דינער אַ צי געטאָן איר טאַליע. ער איז פון דעם דורכגענומען געוואָרן. און מיטאַמאָל דערזען:

„סאַראַ גלייכע, אַפּגעהיטע, שנירלדיקע פעלדאַלאַך עם זיינען דאָרט אויסגעאַרבעט פון דעם זייד אונטערן גאַז לעבן די בריסט און אין אַ פּאָר ערטער אַרום דער אויפגעשלאַנגטער טאַליע!"

אימיצער האָט זיך געשטעלט פאַרצולייענען. דער עולם, וואָס איז געזעסן טיפער אַף דער פּלאַטפאָרמע, האָט זיך אויפגעהויבן כדי אים בעסער צו הערן. האָבן זיי זיך ביידע אויפגעהויבן, און בערמאַן האָט אַליין ניט געוואוסט ווי אַזוי און פאַרוואָס, נאָר ער האָט גלייך ביי זייער אויפהויבן זיך אַרומגעלייגט זיין האַנט אַרום איר טאַליע, און גערטרוד, וואָס האָט אַזוי ניט ליב געהאַט, אַז מען זאָל צו איר „צוקומען נאָענט", האָט אַזוי צופרידן און גרינג אויסגעצויגן איר איינגעקאָרסירטע טאַליע אין זיין אָרעם, ווי איר דינע בויגנדיקע טאַליע וואָלט ניט אירע, נאָר זיינע אַ זייער טייערע און אַפּגעהיטע זאַך געווען און זי דאַרף זי אים איצט גאַנץ געהיט און פאָרזיכטיק אומקערן און געהיט אַזוי און פאַרזיכטיק אַריינפּאַסן אין זיין אָנגעצויגענעם אָרעם. בערמאַן, וואָס האָט נאָך קיינמאָל אַזוי ניט אַרומגעלייגט זיין האַנט אַרום אַ פרוי, וואָס האָט ניט געוואוסט, אַז אַ קאָרסעט גיט־צו מער אָנגעצויגנקייט, מער אָנגעשטייפטע, אַפּגעצאַמטע עלאַסטישקייט, האָט דערפילט, ווי איר גאַנץ לייב וואָלט געווען פון אָנגעצויגענע סטרונעס. בערמאַן האָט געקוקט אַף איר, אַריינגעקוקט אין איר; זי האָט געקוקט אַף אים, אַזוי ווי זי אַליין, וואָלט, דאַכט זיך, גאָרניט געווען דערביי. פון ערגעץ, פון אַ פרעמדער, פון אַ ניט־געהערטער און ניט־געזעענער ווייט קוקן דאָ איצט אַזוי נאָענט צוויי גרויסע, צוויי ריין און שטיל נאָכטראַכטנדיקע אויגן אין זיינע בליקן אַריין אָן אָנשטרייננגונג, אָן אַפּצאַמונג, און פאַלן טיף, אַז ניט נאָר דאָס האַרץ, נאָר דאָס גאַנצע איינגעווייד גיט זיך אַ באַוועג אין בויך:

— סאַראַ אויגן! ...

און װי שװער עס איז צוריקצוהאַלטן זײַן אָנגעצװיגענעם אָרעם, װאָס ארום איר דינער, סטרונעדיק־אָנגעצװיגענער טאַליע. עס װילט זיך נאָך אַלץ דעם אָרעם נאָך פעסטער ארומרינגלען ארום איר טאַליע. עס װילט זיך זי שטאַרקער צודריקן און זי אַ קוש טאָן דאָ גלײַך פאַר אַלעמען אין די אױגן. איר רונדער היפט האָט מיטן טול און מיט דעם שאָרכענדיקן װײַסן זײַד זיך לײַכט אָנגערירט אָן זײַן האַרטן מוסקולדיקן היפט, לײַכט אַזױ און דאָן װי אַף ניט אָפּצוטײַלן זיך. אַ קוש טאָן זי אַף די אױגן. אַף אָט־די פולע ליפּן, װאָס האָבן איבער זײַן אױפגערעגטקייט אים אַלץ אויסגעזען װי צעהאַקטע, װי צעשטופּלטע. און דערבײַ האָט ער אַלץ געפילט איר קערפּער זיך ציען אין דעם בױגן פון זײַן אָרעם, װי אָט־דער גאַנצער קערפּער אירער װאָלט געװען פון אָנגעצװיגענע זינגענדיקע סטרונעס און זײַן האַנט װאָלט אַ סמיק אַזאַ געװען. עפּעס זינגט און שיכורט ארום זײ.

ער איז פון איר דעם גאַנצן אָװנט ניט אָפּגעטראָטן, האָט געזען, אַז ערגעץ װאו פון דאָ און דאָרטן קוקט אַרױס זינאַ, זי קוקט אַף אים און אַף איר די מים פעלדמאַן, מיט װעלכער ער איז אײנײנעם אָנגעקומען צום קאָנצערט, קוקט אַף אים מיט פאַרװאָורף, קוקט אַ באַלײדיקטע. אָבער ער האָט זיך גאָרניט געקאָנט און ניט געװאָלט העלפן. און טאָמער האָט זינאַ יאָ געפּרואװט צוגײן צו זײ מיט עפּעס אַן אױסרײד, האָט ער זיך פון איר אָפּגעקערט אָן שום נאָכטראַכטונג און אײנזעעניש.

דער קאָנצערט האָט זיך געענדיקט. מענטשן האָבן גענומען זיך געזעגענען און פאַנאַנדערגײן. גערטרודס עלטערן האָבן גענומען גײן צום גאַרדעראָב אײנײנעם מיט נאָך עטלעכע באַקאַנטע. גערטרוד און בערמאַן זײַנען געבליבן שטײן, זיך אָנגעקוקט פאַר אַ פרעגנדיקער רגע. נײן, ער װעט זי באַגלײטן צום גאַרדעראָב־צימער...

זי האָט אים דאָרט, אין גאַרדעראָב־צימער, פאַרגעשטעלט פאַר איר פאָטער און נאָך פאַר אַ פּאָר אַנדערע. ער האָט זײ אַלעמען מאָדנע אָנגעקוקט און בלױז זײערע אױגן געזען. מאָדנע... ער האָט, אַפּנים, געקאָנט קוקן גלײַך אין אַלעמענס אױגן, נאָר ער האָט ניט געקאָנט קוקן אין זײערע פּנימער, ניט געקאָנט אָנקוקן און זען זײערע קערפּערס, זײערע פיגורן.

זי האָט אים איבערגעגעבן איר מאַנטל, ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן, און זיך דערוווּיילע גענומען אָנטאָן איר שוואַרץ־האָריקן טוכענעם הוט. דער מאַנטל האָט אים אין זיינע אומגעלומפּערטע הענט אויסגעזען אַזוי גרינג, אַז ער איז ניט געווען זיכער, צי ער האַלט אים טאַקע. דאָס איז אים אויסגעקומען מאָדנע קאָמיש. און ער האָט זיך מישב געווען און אויף גיך דעם מאַנטל שטאַרק אָנגענומען מיטביידע הענט, איז אָבער דער מאַנטל פון דעם געוואָרן נאָך גרינגער, אָט טאַקע ממש ווי גאָרניט, אין די הענט. איז ער פון דעם שמייכלענדיק גאָר צעטומלט געוואָרן, נאָר אָט כאַפּט ער זיך, — מען דאַרף דאָך צוגרייטן די אַרבל פאַר איר. ער שפּרייט פאַנאַנדער דעם מאַנטל און ווידער — דער פאַנאַנדערגעשפּרייטער מאַנטל איז ווי לופט, איז ווי גאָרניט אין זיינע הענט... און אָט האָט גערטרוד זיך אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס צו אים. ער טראָגט אונטער נעענטער דעם מאַנטל צו איר און זי נעמט אַריינלייגן די שיינע הענט אין די אַרבל אַריין. דער ראָק איז פון דעם אייגענעם טונקעלן טוך, וואָס איר הוט; איז מיט אַ ברייטן, איינפאַכן קאָלנער פון דעם אייגענעם שוואַרצן האָריקן טוך, און ווען דער קאָלנער האָט גענומען פאַרדעקן די שפּיציקע דעקאָלטע פונם קלייד און האָט גענומען צוקומען נעענטער צום הוט, האָט דער שיינער, כישופדיק־ווייך און רונד־פּאַרמירטער, שטאָלצער נאַקן מיטאַמאָל אַ וואָרעם־אָטעמדיקן בליץ געטאָן פאַר זיינע אויגן און ער האָט ווידער דערפילט אַ שרעקלאַכן פאַרלאַנג זיך צוצופּרעסן צו איר מיט זיינע ליפּן. זי האָט שוין אפילו דערפילט זיין אָטעם אויף איר נאַקן און ער — אַן אויפגייענדיקע ליכטיקע ווייכקייט איבער זיין גאַנצן לייב.

קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

פריער, אין איר אָוונט־קלייד האָט גערטרוד אים פּשוט געבערענט און אויסגעבערענט די אויגן, איצט אָבער אין איר איינפאַכן, לויזן טונקעלן ראָק, אין איר טונקעלן הוט, האָט זי געגומען אויסזען עפּעס, ווי גאָר אַן אַנדערע. ווען ער טוט אַליין אָף איר ניט אָן דעם ראָק, וואָלט ער זיך אפשר שווער געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דאָס איז זי. אָך, יאָ. נאָר די אויגן, אָט־די אויגן... ווער וועט אָט־די אויגן ניט דערקאָנען? זי האָט איצט אין דעם טונקעלן הוט און אין דעם טונקעלן מאַנטל אויסגעזען פיל פּשוטער, פיל מענטשלאַכער, אינטימער און איז, דאַכט זיך, אַזוי ווי אַביסל קירצער געוואָרן. איצט האָט זי געגומען אויסזען, ניט ווי פריער: אַ פלוצלונג־אויפגעשפּרונגענע צווישן אַלעמען, נאָר, ווי אימיצער, וואָס ער קאָן שוין פאַר אַסאַך יאָרן. ווי ער וואָלט מיט איר געוואָקסן אינאיינעם פון קינדהייט אָן. ווי זי וואָלט געוועזן אַ טייל פון אים. און דאָך האָט ער געגומען פילן, אַז זי גייט גראָד איצט אַוועק פון אים. און נאָך שטאַרקער און מאָדנער איז אָט־דאָס געפיל געוואָרן אינדרויסן, אָף דער פרישער ווינטערדיקער אָוונט־לופט.

אַ לייכטער ווייסער שניי איז געפאַלן אָף דעם גרויען טראָטואַר. דער אַספאַלט איז, דאַכט זיך, אַזוי מאָדנע איינזאַם און ווייך און דער שניי פאַלט האַרט... „וואָס האָט ער צו טאָן מיט אָט־די מענטשן?... וואָס גייט ער זיי נאָך?... און בערמאַן האָט זיך אינמיטן טראָטואַר פלוצלונג אַ שטעל געטאָן און פלוצלונג אָפּגעזאָגט:

— אַ גוטע נאַכט.

—וואָס איר גייט שוין? — האָט זיך גערטרוד אָפּגערופן, זיך אויסגעדרייט צו אים, אים דערזען פאַר זיך אַן אַנטשלאָסענעם און אים דערלאַנגט איר האַנט.

די לאַנגע פיאַנע־פינגער זיינען אַזוי מיידלש־ווייך און גוט.

— אַ גוטע נאַכט — האָט זי געזאָגט, אַנגעקוקט אים מיט אירע גרויסע אויגן און צוגעגעבן:

— קומט אַרויף צו אונז אין הויז — און אַנטשלאָסן איבערגעפרעגט — איר וועט קומען?

— געוויס, געוויס, געוויס! — האָט ער געענטפערט. און דערביי קלאָר געוואוסט, אַז ער זאָגט אַ ליגן, אַז ער וועט ניט קומען.

גערטרודס פּאַטער האָט זיך אויך אויסגעדרייט צו אים, איבערגעביטן זיין שטעקן פון איין האַנט אין דער צווייטער, עפּעס איז דער שווערער שטעקן מיטן גרויסן קאָפּ געווען צופרידן. האָט דער פּאַטער פון דעם געשמייכעלט און שמייכלענדיק געגעבן די האַנט און אים אויך איינגעלאַדן. האָט אים בערמאַן געדאַנקט און האָט ווידער צוגעזאָגט צרויפצוקומען און דערביי ווידער געפילט אַז ער וועט ניט קומען... „וואָס האָט ער אינגאַנצן צו טאָן מיט די רייך־אויסגעפּוצטע הערן און דאַמען? ער, מיט זיינע אויסגעריבענע אַרבל, מיט די אויסגעריבענע הויזן. און אַט־די קלאַסישע דאַמע, די מאַמע אירע, ווי מאָדנע זי קוקט אַף אים? אפשר זעט זי אַף מיר די קלעפּ וואָס איך האָב נעכטן געכאַפּט?

„און וואָס קריכן מיר איבערהויפּט אַזוינע געדאַנקען אין זינען? ס'אַרא אינגל, ס'אַרא נאַר, ס'אַרא ניט־פּאַראַנטוואָרטלאַכער מענטש איך בין. מען דאַרף דאָך איצט אַזוי שטאַרק אין זינען האָבן דעם סטרייק. עס האַלט דאָך אַזוי שמאָל, אַזוי שמאָל. די באָסעס מיט די אַנגעדונגענע געננגסטערס צעטרייסלען די גאַנצע זיכערקייט פון די אַרבעטער. די מיס פעלדמאַן, ווי און וואו האָב איך דאָס איבערגעלאָזט די מיס פעלדמאַן?! וואָס בין איך דאָ אַראָפּ פון זינען!... איך בין דאָך געקומען צום אָוונט מיט דער מיס פעלדמאַן...” און בערמאַן האָט אַ פּאַרלאָרענער אָנגעשטעלט די אויגן פאַר זיך און איז אַזש רויט געוואָרן פאַר שאַנדע. ער האָט זיך נאָך דעם אויסגעדרייט צוריק צום זאַל, גענומען זוכן צווישן אַרויסגייענדיקן עולם און, צו זיין פרייד, דערזען די מיס פעלדמאַן. זי איז אַזוי געשטאַנען ביים אַרויסגאַנג און ווי אַף עפּעס געוואַרט. ווען זי האָט דערזען בערמאַנען, האָט זי זיך אַף אונטערווייַלעכס אַ פּרעס געטאָן צו דער וואַנט, אים אַנגעקוקט און אויפגעשמייכלט:

— וואָס, איר האָט זיך דערמאָנט, אַז איר זענט מיט מיר געקומען צום אָוונט?

— נו וואָס דען, אייך איז איינגעפאַלן אַז איך וועל פאַרגעסן?

— זאָגט בערמאַן מיט אַן איבערגוואַלדיקן שמייכל.

— אַ קשיא אַף אַזאַ קאַוואַליער ווי איר — האָט זי מיט אַן אָנגעשטויסענעם אָבער דאָך צופרידענעם שמייכל געזאָגט און געמאַכט אַ טראָט פאָראויס און געלאָזט זיך גיין מיט אים.

בערמאַנען האָט עפּעס ווי געפלאַמט פאַר די אויגן. ער האָט זיך מיטאַמאָל ווידער דערזען אין זאַל, אינײַנעם מיט דער עלעגאַנטער אַריסטאָקראַטקע. ווי אַ פאַרכישופטער געפילט דעם אויפגייענדיקן וואַרימען אָטעם פון איר שלאַנקער, אויפגעשטראַלטער, סטרונענדיקער פיגור. עס צעשפרייטן זיך אים אַזש די נאָזלעכער ווי ביי אַ חיה. און פון דאָ און דאָרט הויבן זיך פון־מאָל־צו־מאָל פאַר אים אויף, די קעפּ מיט די אָנגעשפּיצטע אויגן פון דער מיס פעלדמאַן און פון זינאַן... און ער הערט ניט אויף איינצואָטעמען אין זיך די לופט פון אָט־דער מיידל מיט די שלאַנקע, אויפגעשפּרונגענע גלידער, די ליכטיקע שטראַליקייט פון אָט־דעם שיינעם נאַקן אירן, די שטראַליקייט פון אָט־דעם גלאַטן, ווייסן שרונט אַף דעם מיטן פון איר קאָפּ, די היץ פון אָט־די פולע ליפּן אירע, די שטילקייט פון אירע גרויסע, קלאָרע אויגן, ס'אַרא אויגן! ס'אַרא אויגן!

און בערמאַן דערפילט מיטאַמאָל אַ ניט צוריק האַלטנדיקע באַוועגונג אין זיין האַנט. די האַנט האָט זיך מיטאַמאָל אַ הויב געטאָן ווי מיט אַן אייגענעם ווילן, האָט זיך צוגעטראָגן צום זייט־קעשענע און פון דאָרטן אַרויסגענומען אַ בלייפעדער און נאָכדעם מיט דער אייגענער ניט־צוריק־האַלטנדיקער באַוועגונג, אַרויסגענומען אַ שטיקל פּאַפּיר און זיך גענומען ליינען צייכנס אַף דעם פּאַפּיר. די מיס פעלדמאַן האָט אים מאָדנע אָנגעקוקט, געמיינט אַז אים איז דאָס עפּעס פּלוצלונג איינגעפאַלן אַ געדאַנק אַזאַ וואָס ער האָט מורא צו פאַרלירן... זי האָט זיך באַמיט ניט צו קוקן אין זיין זייט, כדי אים ניט צו שטערן. נאָר אָט טראָגט ער איר אונטער דאָס פּאַפּירל. זי קוקט אַף דעם, זי זעט עפּעס צייכענס אַהין, אַהער, זי וויל לייענען און קאָן ניט.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט זי ניט פאַרשטייענדיק.

— דאָס איז אַן אויג, אַן אויג! איר זעט ניט? אָ, וואָס רעדט איר!? איר זעט ניט קיין אויג?

זי האָט עפּעס דערפילט און דאָך ניט פאַרשטאַנען. געקוקט און ניט געזען. זי האָט אַף אים אָנגעשטעלט די אויגן. בערמאַן איז פון דעם רויט געוואָרן. נאָך אַמאָל אַליין אַ קוק געטאָן אַפן שטיקל פּאַפּיר, דער־זען אַז דאָס איז אַן אויג, גערטרודס אויג. און ער וועט זי מן הסתם קיינמאָל מער ניט זען, כאַפּט ער זיך — ווייל וואָס האָב איך איבער־הויפּט צו טאָן מיט אָט־די אויסגעצירקלטע אַריסטאָקראַטן. ניין, איך וועל צו זיי אין הויז ק יי נ מ אָ ל ניט אַרויפקומען — און דערפילט אָט־דעם געדאַנק אַף זיך, אַף זיין שטערן, ווי אַ שרעק אַ פאַרחתמעטן. נאָר דאָס אויג בלייבט מיט אים און קיינער ווייסט פון דעם גאָרניט. אפילו ווען איך ווייז דאָס, זעט דאָס קיינער ניט, דאָס איז אַ כּישוף אַזאַ... ס׳אַראַ אויגן, ס׳אַראַ אויגן! און אַ טאַליע אַזאַ דינע און ווי פון אָנגעצויגענע סטרונעס, וואָס בויגן זיך און ציען זיך איבער דיין האַנט ווי איבער אַ סמיק. דאָס האַרץ גיט זיך אַ פאַרצאַפּלטן ריס, דאָס בלוט גיט זיך מיט אַ רויטער היילעניש אַ הויב ביז צו די האָר פון קאָפּ, און די האָר אַליין גיבן זיך אַפן קאָפּ אַ הויב און אַ פלאַטער — ניט ווי האָר, נאָר ווי אַ שוואַרצער פייער, וואָס האָט זיך פלוצלונג אַ צינד געטאָן אַפן קאָפּ. יאָ, האָר זיינען דאָך ווי פייער אַפן קאָפּ, און ער האָט דאָס גאָר ביז איצט ניט געוואוסט. ער לייגט צוריק אַריין דאָס פאַרצייכנטע שטיקל פּאַפּיר אין קעשענע, האַלט נאָך אַף דעם די האַנט פאַר אַ ווײַלע, און זאָגט צו דער מיס פעלדמאַן, מיט אַ טאָן פון איינעם, וואָס פילט זיך שולדיק און וואַלט וועלן אָפּמעקן זיין שולד:

— קוקט אייך־ניט אוים מאָדנע ווען איר דערזעט אַ מענטשן מיט פערדישע אויגן? דאָס איז עפּעס אַזאַ פלוצלונגדיקע דערשיינונג, מיין גאָט! מען קאָן פאַרפרוירן ווערן פון אַזאַ שרעקלאַכער דערשיינונג.

— וואָס רעדט איר הֵיינט, וואָס איז דאָס מיט אייך? — פרעגט זי אים אָנקוקנדיק שאַרף, און מיטאַמאָל ווערט איר קלאָר. זי ווערט רויט און וואַרפט אַרוים ווי אַ שטיין אין פּנים אַריין:

— וואָס איר זענט פאַרליבט?!... — און זי גיט נאָכדעם אַ שמייכל, ווייזט אַרוים אירע ווייסע ציין, שאַרפט אוים אירע גלאַנציקע אויגן: — אָט אַזוי גאָר! — און זי דערזאָגט אַן ווערטער:

— אַט־דאָס איז דאָס דער סוד פון אייער דרייען זיך דעם גאַנצן אָוונט אַרום דער רייכער פּיאַניסטקע. איר — דער אַרבעטער־פירער, דער מענטש, וואָס פאַראַכט קאַפּיטאַל און קאַפּיטאַליזם... שיין... —

בערמאַן האָט שאַרף דערפילט דעם פאַרוואורף פון אירע ניט־גערעדטע רייד. דערפילט אַ קאַלטע בלאַסקייט אַף זיין פּנים און עס איז אים פונ־דעסטוועגן פון דעם פאַרוואורף געוואָרן נאָכדעם לייכטער און ליכטיקער אַפן האַרצן.

אַ פרוי ווערט ליידנשאַפטלאַך־אויפגערעגט ווען זי זעט אָדער טראַכט פון אַ פרוי וואָס דאַרף לויט איר אָפּשאַצונג געפעלן דעם מאַן, אין וועלכן זי איז אַליין פאַראינטערעסירט. האָט דערפאַר די מיס פעדלמאַן מיט אירע אָנגעשטעלטע אויגן, גענומען מעסטן פאַר זיך די רייכע פּיאַ־ניסטקע: — אַ פיגור האָט זי אַ שיינע... אַ, אַ! איז נאָך גאָר יונג. דאָס פּנים איז ביי איר ניט איבעריק שיין, אָבער... דערפאַר אָבער האָט זי אַזוינע לאַנגע ווייסע פּיאַנע־פינגער... איז שיין דעקאַלטירט, איז אָנגעטאָן אין זייד, און ווייזט אוים ניט בלויז פון דרויסן, נאָר מן הסתם ביז צו דער הויט פון איר לייב.

— און וואָס פאַר אַן אויגן, האָט איר געזאָגט, האָט זי? — האָט זי זיך פּלוצלונג אַ ווענד געטאָן צו בערמאַנען.

— פערדישע — ענטפערט בערמאַן שאַרף, ווי אַפּרעכענענדיק זיך מיט אימיצן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַן איינפאַל? — פרעגט די מיס פעלדמאַן, און זי קילט זיך אַביסל אָפּ און גיט צו:

— אויגן האָט זי שוין גראָד גאָר ניט קיין פערדישע. זי האָט גרויסע און שיינע אויגן. — און זי ווערט ווידער נערייצט און גיט צו מיט אַ שמייכל איבער אירע ווייסע ציין:

— זי איז דאָך אינגאַנצן אויגן.

V

אונקעם

קאַפּיטל דרייאונדרייסיק

פאַרוואָס איז אַ מענטש אָפט ניט פריילאַך אפילו דאַמאָלט ווען ער שיינט פון פרייד?
ווייל ער האָט אַ האַרץ וואָס נאָגט, ווייל ער האָט אַ האַרץ וואָס יאָגט ווי עס יאָגט אַ בייז־פאַרהונגערטער וואָלף זיך נאָך אַ ווילד־אַנט־לויפנדיקער ציג.

דער אוונט פאַר בולאַקס צייטונג איז אויגנשיינלאַך געווען אַ ריזיקער דערפאָלג און פרענקל איז, דאַכט זיך, באמת געווען באַרוישט פון דער דערגרייכונג און פון דעם אויפטו, נאָר עפּעס האָט פאָרט געוועמט אין האַרצן. — —

פאַרוואָס זאָל דאָס האַרץ זיך וואַרפן ווי אין אַ קלעם גראָד היינט? איז דאָס דערפאַר, וואָס די אַלטע קעמפער ווערן ווייניקער? אַ נייער דור שטייט אויף. גייסט אים אַנטקעגן, שטרעקסט אויס צו אים די האַנט, גרייכסט אים ,דאַכט זיך, און גרייכסט אים פאָרט ניט. עפּעס פעלט דיר אַלעמאָל אַזוי ווי אויס אַ שטיקל ליינג צו דיינע הענט.

און אַ נערוועזער און אַ צעטראָגענער האָט פרענקל נאָכדעם, נאָך דער פייערלאַכער און דערפאָלגרייכער פאַרענדיקונג פון דעם „בולאַק־אוונט", זיך נאָכגעפרעגט ביי זיין ווייב און ביי זיין טאָכטער:

— עפּעס האָבן, דאַכט זיך, היינט אויסגעפעלט אַסאַך פון די „אַפּ־געריסענע בלעטער".

— וועל — האָט אים ליזאַ אַף דעם געענטפערט מיט אַ מאָדנעם קלאַנג אין איר קול — דאָקטאָר מינדלין האָט זיך, ווייזט אויס, פאַר־ביבט אין. זיינער אַ פּאַציענטקע און וויל זיך מער ניט טרעפן מיט בע־סין. און קאַלמאַנאָוויטש, — האָט זי ווייטער געוואָלט דערקלערן, אָבער פרענקל האָט איר דאָ גלייך איבערגעשלאָגן:

— וואָס רעדסטו? איז דאָס טאַקע ביי מינדלינען אַזוי ערנסט?

— עס זעט אַזוי אויס.

—און פאַרוואָס איז גאַבריעל ניט געקומען? — האָט פרענקל גע־רירט און ווייטיקדיק געפרעגט, נאָך אַ קורצן נאָכטראַכטן.

— גאָר ניט פּאַפּינקע — האָט זינאַ געענטפערט — עפּעס די לעצ־טע עטלאַכע טעג וויל ער אינגאַנצן פון הויז ניט אַרויס. אַ קינסטלערישע אַפּאַטיע אַזאַ. ער האָט מיך געבעטן גיין און אים אַנטשולדיקן פאַר דיר.

זינאַ איז געווען אויפגעראַמט און האָט די ווערטער אַרויסגערעדט מיט אַן אַנגעוואַרימטער צערטלאַכקייט, אָבער גראָד אָט־די דין וויברירנ־דיקע צערטלאַכקייט, האָט פאַרגרעסערט דעם טאַטנס אומרו. עפּעס האָט ער אַזוי ווי אַנגעשטעלט זיינע אויערן און זיינע נאַזלעכער אין דער קופּט, גראָד איבער אָט־דער צערטלאַכקייט אירער. זיין פּילנדיק האַרץ האָט דערפילט געפאַר, איבער אָט־דער ניי־צוגעקומענער אויפגעציטערט־קייט פון זיין טאָכטערס קול. זיינע אומרואיקע אויגן האָבן זיך וואַכנדיק און פרעגנדיק אַנגעשטעלט אַף דער טאָכטער, און נאָכדעם אַזוי פרעגנ־דיק אַף דער מוטער. ליזאַ האָט בלויז איין בליק זיינעם באַגעגנט און נאָכדעם פאַרעקשנט אַראָפּגעלאָזן אירע בליקן.

קאַפּיטל פֿיראונדרײַסיק

דער סטרײַק איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען.

נאָך די ערשטע קלעפּ פֿון די געדונגענע שלעגער, האָבן די אַרבעטער גענומען מיט ציטערנדיקע הערצער פֿילן אַז אַט־איצט דאַרף מען זיך זען וואָס גיכער אַרײַנכאַפּן צוריק אין שאַפּ, ווײַל — האָט כמעט יע־דערער בײַ זיך געטראַכט — אַז איך וועל ניט גיין וועט אַן אַנדערער גיין און וועט נאָך מן הסתם אַרויסכאַפּן אַ גוטן קאָנטראַקט.

דער סעזאָן איז אין דעם הוט־פּאַך זײער אַ קורצער. און אָט איז שוין פּרילינג. ווער עס כאַפּט אָבער איצט אַרײַן אַ קאָנטראַקטל איז דאָס אַ גאַנץ אַנדער זאַך...

בערנשטײנס פּאַרמאַן האָט גענומען אַרומגיין צו די אַרבעטער אַהײם, זײ גענומען דערקלערן, אַז ער מײנט זײער טובה. זאָלן זײ זיך ניט לאָזן פֿאַרפֿירן, וואָרים אײדער זײ קוקן זיך אום קאָן ווערן צו שפּעט... און אַזױ האָט ער אויסגעטײלט די ערשטע פּאָר קאָנטראַקטלאַך, און נאָכדעם גענומען זאָגן, אַז די „מאָדעל" וועט מער קײן קאָנטראַקטן ניט געבן. אָבער אַ לאַנגן סעזאָן זאָגט די „מאָדל" צו, דאָס יאָ.

בערמאַן פֿלעגט אַ מידער פֿון פֿאַרצווײפֿלונג און פֿון אַרומלויפֿן דעם גאַנצן טאָג, נאָכדעם אַרײַנפֿאַלן צו זיך אין צימער, זיך אויסציען אױף זײַן בעטל און טראַכטן, טראַכטן פֿון דעם. אַז דער שמײַכלדיקער וױלק איז דאָס, דאַכט זיך, יענעם מאָל צוגעגאַנגען צו אים און צו בעניַן כדי אָנצוצײַגן די גענגסטערס אױף זײ... אַז די מיס פֿעלדמאַן לײַדט ווײַזט אויס פֿון דעם דורכגעפֿאַלענעם סטרײַק ניט ווייניקער פֿון אים און אַז דערצו איז זי, ווײַזט אויס, נאָך אַ מײדל אַן אויסגערעכנטע. לײַדט זי נאָך אויך געוויס פֿון דעם וואָס דער סעזאָן גייט פֿאַרלאָרן. און דער סעזאָן גייט טאַקע דערווײַל פֿאַרלאָרן. אַ מענטש רײַסט זיך אײַנגע־מען די וועלט. רײַסט זיך צום הימל און — טראַכט ער מיט ביטערקייט וועגן זיך — און שלאָגט זיך אָן מיטן נאָז אָן דער ערד... און ווי אַזוי

פונדעסטוועגן קאָנען זיך מענטשן פאָרט פאַרדינגען אַף אויפצוהויבן זייערע הענט אַף אַנדערע מענטשן, דאָס איז דאָך עפּעס אַזאַ שרעקלאַכע, אַזאַ שוידערלאַכע באַליידיגונג פאַר דעם ‚מענטשן־מין. דער געדאַנק, דאָס בלוט, די ביינער זיינע מישן זיך איבער, קאָכן זיך אויף, צינדן זיך אָן און פרעגן: „וואָס פאַר אַ מין בלוט פליסט אין די אָדערן פון אַזוינע מענטשן?" אָט־דער געדאַנק פלעגט מיטאַמאָל ווי איבעררייסן אַלע זיינע נערוועז. עס פלעגט זיך אַזוי שטאַרק וועלן וויסן וואָס קומט פאַר אין קאָפּ פון אַזוינע מענטשן?... דאָס פלעגט בערמאַנען כמעט ווי אויפ־הויבן און וואַרפן אין דער לופטן. „טכויר, גיי צוריק אין רוסלאַנד, וועד דאַרף דיך דאָ האָבן?" אָט־דער אויסגעשריי האָט געברענט אין זיינע אויערן און אָנגעצונדן דעם מאַרך פון קאָפּ. דו ביסט אין „זיין" אַמעריקע, ווי אין זיינער אַ קעשענע און טאָרסט זיך ניט וועלן קיין קער טאָן, קיין אָטעם טאָן. ער קאָן נעמען און איבערשניידן דיר דיין האַלדז ווייל דו ביסט אפשר גאָר קיין מענטש ניט פאַר אים. און קיין מענטש ביסטו ניט, ווייל מען האָט אים באַצאָלט דערפאַר. „דו, טכויר, גיי דיר צוריק קיין רוסלאַנד".

עפּעס האָט זיך ביי בערמאַנען אין קאָפּ אַסאַך אָנגעפּלאָנטערט אַף דעם געדאַנק. נאָר עס איז אַלץ געווען ווי מיט בלוט פאַרלאָפן און שווער און האָט ניט געקאָנט קומען צו זיך און האָט זיך פאַרהאַקט ביי דער בייזער פראַגע: „וואָס פאָרט קומט פאַר אין קאָפּ פון אַזוינע מענטשן?!" יאָ, און בעני איז פונדעסטוועגן געגאַנגען צוריק אַרבעטן צו דער „מאָדל" אַלץ איבער ראָזין. דער יונג איז פאַרליבט אין דער קליינער ראָזי. און דער רעדאַקטאָר פרענקל איז, ווייזט אויס, אַן אומ־גליקלאַכער מענטש. עפּעס קלאָגט ער זיך אַלץ אַף צרות. עפּעס האָט דאָרט ביי אים אין הויז געטראָפן. עפּעס הויבט ער אָן רעדן און דער־רעדט ניט. וואָלט, ווייזט אויס, זיך וועלן אַראָפּרעדן פון האַרצן און האָט ניט פאַר וועמען, אָדער ווייסט ניט ווי אַזוי. הויבט עפּעס אַלץ אָן: „איר ווייסט בערמאַן" און פאַרענדיגט: „איר דערמאָנט מיך אַזוי שטאַרק אָן מיר אַליין, נאָר איר זענט, דאַכט זיך, בעסער פון מיר; דאַכט זיך דער אייגענער נאָר אַ דור אַן אַנדערער. איר דערגרייכט שוין וואָס איך האָב ניט געקאָנט און איר מאַכט דאָס עפּעס אַזוי פלוצלונג. „נייע דורות, נייע קעמפער" לייגט פרענקל געווינטלאַך צו

און עפּעס קומט עס ביי אים אַרויס מיט אַ ציטער, כמעט ווי ביי דעם טאַטן מיינעם, טראַכט ווידער בערמאַן. נאָר ביי דעם טאַטן איז דאָס אַרויסגעקומען שטילער, רואיקער, ווייזט אויס דערפאַר, וואָס אויך אַן אַנדער דור. דורות קומען אפשר אויף, ווי נייע עפּל יעדן יאָר אַף איין און דעמזעלבן בוים, טראַכט בערמאַן און עס קוקט אים אויס מאָדנע, וואָס עס מראַכט זיך לעצטנס אַזוי אָפט פון דעם טאַטן — גיט בערמאַנען פּלוצ־לונג אַ בליץ־אויף אין קאָפּ. ער שטייט נאָך איצט, ווי אין מיינע אינגלישע טעג אַף מיינע אינגלישע, ליבטיקע וועגן. און איך בין דאָך אָט־די אַלע יאָרן געלאָפן און אַנטלאָפן פון אים. בין איך דען נאָך אַלץ דעם מגידים אינגל, דעם מגידם בחורל? נאָך אַזוי פיל לויפן, נאָך אַזוי פיל דורכמאַכן בין איך נאָך אַלץ צו אַן אייגענעם איך ניט געקומען? איך בין ניט איך, נאָר דעם טאַטנס, דעם מגידס אינגל, און ער וואַרט, כּן הסתם, אַז איך וועל אויך איצט פאַרענדיקן מיט אליהו הנביא, וואָס וועט קומען פאַרענטפערן אַלע שאלות, און מיט משיחן וואָס וועט קומען באַפרייען די גאַנצע וועלט — רעדט בערמאַן כמעט אַרויס מיט אַ ביטערן סאַרקאַזם, און ענטפערט זיך דערויף גלייך מיט אַ ביטערער פאַרעקשנטער זיכערקייט, ווי מיט צונויפגעפּרעסטע פויסטן „מיר וועלן זיי באַפרייען! מיר וועלן! מיר זיינען, אפשר, נאָך ניט די משיחס, אָבער די אליהו הנביאס זיינען מיר זיכער. ניין. טאַקע די משיחס. מיר וועלן באַפרייען די וועלט. מיר וועלן!!!"

און ער טראַכט:

— מען האָט אפשר גאָר געדאַרפט זיך אויפהויבן און אַוועק ערגעץ אין דער וועלט אַריין... עס הויבט שוין אָן צו שמעקן מיט פרילינג אין דער לופט. אפשר גאָר אַוועק ערגעץ אין דער ווייטער וועסט אין די דאַ־קאָטאַס. אין דער ווילדער פרעמד, אפשר, וואָלט דאָרט קלאָר געוואָרן. עפּעס דאַרף דאָ קלאָר ווערן און עס ווערט ניט... אידן זיינען סוף־כּל־כּוף אַ פאָלק, וואָס דער שוואַרצער יאָר זאָל זיי נעמען. זיך שוין אפשר אויסגעלעבט, דעגענערירט, ווען מען זאָל נאָר קאָנען קומען איצט ערגעץ אין פרילינג אַריין...

אַף זיין וועג קיין אַמעריקע האָט זיך דאָך בערמאַן געהאַט אָנגעשלאָגן אַף איינער פון די לעצטע „עם־עולם"־גרופּעס, וואָס האָבן זיך געריסן קיין אַמעריקע מיט דער האָפנונג זיך דאָ באַזעצן אַף ערד און מיט דעם

דערהווייזן דער וועלט, אַז אידן זיינען מיט לייטן גלייך. קומענדיק אָבער קיין אַמעריקע, איז דאָך דאָס אַלץ צערונגען געוואָרן. די לופט די האַרטע שטייַנערנע גאַסן און דער גרויסער אינדוסטריעלער טומל, דער אומדערטרעגלאַכער, אַרימער לעבן פון זיינע נידערגעשלאָגענע מיטמענטשן, האָבן אים צוריקגעבראַכט צום סאָציאַליזם, יוניאָניזם. ווערן אַן ערד־אַרבעטער, וועט מיט גאָרניט בעסער מאַכן די וועלט. פונדעסטוועגן פלעגט פאַרט פון־צייט־צו־צייט אויפבליצן דער שוין אַביסל צוגעוואוינטער געדאַנק — „גלאַטע ערד, הימל, אָפענער דרויסן."

און בערמאַן פלעגט אַזוי ליגן אָפן בעט און טראַכטן:

„איך בין אַ איד. האָט מיך דערפאַר פאַרכאַפּט די גרויסע שטאָט. אָבער ווי גוט עס וואָלט געווען אַריין ערגעץ אין פרילינג אַריין, ווייט פון דעם עקל און טומל פון שטאָט, ערגעץ לעבן אַ פערד, לעבן אַן אַקער.

און ער פלעגט טראַכטן:

צוליב וואָס האָב איך געדאַרפט באַגעגענען אַט־די פאַרפוצטע אַריסטאָקראַטקע?"

און ער פלעגט פונדעסטוועגן אויך טראַכטן:

.אַט ווען עס עפנט זיך די טיר און זי קומט איצט אַריין! זי מיט די ליכטיקע, גרויסע, שטילע און טיפע אויגן. און בערמאַן שטעלט זיך פאַרעקשנט אַן מיט די בליקן אָף דער טיר פון זיין צימער. קוקט אַזוי אַ לאַנגע צייט מיט דעם געפיל אַז אַט־אַט און עס עפנט זיך די טיר, אַט און זי קומט אַריין און בלייבט שטיין אָף דער שוועל, קוקט אָף אים מיט אירע גרויסע אויגן, ווי זי וואָלט פרעגן צי זי זאָל אַריין. אירע אויגן טראָגן היילונג און טרייסטונג, ס'אַרא שטילע טיפקייט. געדאַנקען און זאַכן ווערן אַנענדלאַך שטילער און טיפער פון אַזוינע אויגן. און בערמאַן כאַפּט זיך אַז שוין ניט דעם ערשטן פאַרנאַכט ווי ער ליגט אַזוי אָף דעם בעטל, קוקט אַזוי צו דער טיר און וואַרט... אין צימער ווערט טונקעלער און טונקעלער, נאָר די ווייסע פיאַנע־פינגער און די גרויסע שטילע אויגן פון איר וואָס איז נאָך ניט געקומען ברייַנגען אַריין זייער שיין. עס ווערט אַ פינצטערניש, וואָס שיינט מיט ווייכער שוואַרצקייט, קוקט מיט באַרעדעוודיקער גוטער היימלאַכקייט ביז עס פאַרשווינדט די טיר. ביז זי באַווייזט זיך אָף דער שוועל אַזאַ שלאַנקע, אַזאַ

בלאַסע, אַ בלאַס ליכט, אַזאַ וואָס קוקט מיט גרויסע און שטילע אויגן, קוקט צו אים, ווי זי האָט דאָ וואָס פּאַרשנדיק און פּאַרזיכטיק אָפּ־צוהיטן. זי שטייט דאָ אַזוי מיט איר גאַנצער געטריישאַפט און מיט איר גאַנצן שטאָלץ. אַ שליחות אַזאַ. זי איז דאָ ספּעציעל צוליב דעם אוועקגעשטעלט געוואָרן אַף דער שוועל פון טיר.

קאַפּיטל פינפאונדרייסיק

און אין איין פאַרנאַכט, ווען בערמאַן איז זיך אַזוי געלעגן אף זיין בעטל און אין דער פינצטער געקוקט צו דער טיר פון זיין צימער, האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. בערמאַנען האָט דאָס האַרץ אַ שלאָג געטאָן פון שרעק... ער איז אויפגעשפּרונגען אַ צעטומלטער פון זיין בעטל, אַז עפן געטאָן די טיר און דערזען אַז דאָס איז גאָר זינא. עפּעס איז אים פון דעם דוקא געוואָרן אַזוי ווי גרינגער אפן האַרצן. ער האָט אָנגעצונדן זיין גאַז, ווידער האָט די גאַז־דער אויפגעפלאַקערט מיט אַ שטילער גאָלדענער בלאַט און באַלויכטן דאָס קליינע צימער, ווי אַמאָל ווען זינא איז דאָ צום ערשטן מאָל געווען. איר איז פון דעם געוואָרן גוט ווי פון אַ גוטער דערינערונג. גאַבריעלן וואָלט אפשר גאָר ניט געאַרט, ווען ער ווייסט אַז זי איז איצט דאָ, און אפשר יאָ? — גיט זיך איר אַ טראַכט — ווי שווער עס איז צו זיין אַליין אין די פאַרנאַכטן ווען דו ווייסט ניט וואו גאַבריעל איז, וואָס ער טוט? און מיט וועמען? בערמאַן איז אַזאַ ריינער, ער האָט נאָך מן הסתם פאַר איר אַלץ אַזוינע גוטע געפילן. זי האָט פאַר אים איצט אַזוינע גוטע געפילן. זי וואָלט זיך אַריינגעזעצט אין זיין שוים און עס וואָלט איר געווען גוט. — — צי געדיינקט ער נאָך, ווי ער האָט זי אומגעוואָרפן אין שניי? זי, זינא, איז אַ מאָדערנער מענטש, נאָר ער, בערמאַן, פאַרשטייט זי ניט. זי האָט ליב גאַבריעלן. זי איז זיין ווייב, זיין נייע, זיין הונדערטסטע ווייב. זי האָט אים ליב — גאַבריעלן, דעם גרויסן לעאָנאַרדאָ מ. גאַבריעל, זי פאַרגע־טערט אים, כאָטש ער האָט שוין געווים נאָך ווייבער, נאָר ער מעג. ער איז ווי אַ גאָט, אָבער זי האָט אויך ליב בערמאַנען, ווייל זי איז אַ מאָדנע, אַ מאָדערנע... און ווי מאָדנע בערמאַן האָט זיך דאָס געהאַלטן אַרום גערטרודן, די גאַנצע צייט אף דעם בולאַק־אָוונט, האָט פון איר דעם גאַנצן אָוונט קיין אויג ניט אַראָפּגענומען... און טאַקע גערטרוד פון אים אויך ניט. די ליכטיקע גערטרוד! און ווי שיין זי איז דאָס געווען, ווי אויפ־

געלויכטענער און ליכטיקער זי איז דאָס דעם אוונט געווען ! זיי זיינען ביידע אַזוינע נאַאיווע, אומשולדיקע פּראָווינציאַלן. עס פעלט זיי דער שוואונג פון דעם מאָדערנעם מענטשן, וואָס גייט פאַר זיך ברעכן אַ וועג, פאַר זיך און פאַר אַנדערע. עס פעלט זיי דער שוואונג פון גרויסשטאָטישן מאָדערנעם לעבן. אָבער זי האָט זיי ביידן פאָרט ליב, אָט ווען זי האָט געררט־רודן לעבן זיך איצט וואָלט זי זי ארומגענומען און וואָלט זי אַזוי האַרציק געקושט. טרערן קומען איר אַזש פון דעם אין די אויגן אַריין... און ניט נאָר גערטרודן, זיך, זינאַן אַליין האָט זי אויך אַזוי ליב. ווען זי זאָל קאָנען וואָלט זי איצט צוגעטראָגן איר מויל צו איר אייגענעם בויך און וואָלט אים צערטלאַך געקושט. זי וואָלט זיך צוגעבויגן און געקושט דעם ווייכן וואַרימען בויך אירן און אירע בריסט וואָלט זי געקושט. אָט שפּירט זי ווי דער בויך און די בריסט אירע פילן זיך וואַרים אַן מיט דעם פאַרלאַנג געקושט צו ווערן פון איר. און איר גאַנצער קערפּער גיט אַזש אַ ציטער פון ליידנשאַפטלאַכער אויפרעגונג. זי דערפילט אַ פרייד אַף איר פּנים. איר איז גוט — אַנדראָגינאַ, אַנדראָגינאַ ! מיר גייען פאָרווערטס ברעכן נייע וועגן פאַר דער וועלט און פאַר די מענטשן... זי איז איצט ביי בערמאַנען, בערמאַן, בערמאַן, בערמאַן !

נאָר ניט קיין אַנדראָגינאַ און ניט קיין נייע וועגן פאַר דער וועלט און פאַר די מענטשן האָבן איר געמאַכט צו טראַכטן און פילן אָט־די איבערלעבונגען. דאָס זיינען אַלץ געווען אַלטע געזונטע און אויספּרובירטע מענטשלאַכע איבערלעבן, וואָס באַפאַלן אַמאָל אַן אומוויסנדיקע און הילפלאָזע פרוי ווען איר בויך, איר בלוט און איר לייב זיינען באַפרוכפּערט. און שרעק, צער, יאוש, און פרייד ראַנגלען זיך און מישן צוזאַמען גע־דאַנק און בלוט. בלוט נעמט טראַכטן, געדאַנק נעמט פילן. און ניט איבער זינאַס אויסגעטראַכטער און איינגערעדטער קאָמפּליצירטקייט, נאָר איבער אַ גאַנץ אַנדער אויסגעפּראָבירטער קאָמפּליצירטקייט, וואָס וועבט און בינדט אייביקייט אין אייביקייט אַריין.

ווי אַמאָל איז אויך איצט בערמאַן פאַר איר געשטאַנען אַז אויפ־געשפּרונגענער און אויסגערופן : „אַך, מיס פרענקל, וועלכער שיקזאַל !” ווי אַמאָל האָט ער איר איצטער אונטערגעשטעלט דאָס איינציקע ביינקל פון זיין צימער און זי געבעטן : „זיצט”. ווי אַמאָל האָט אויך איצט דאָס איינציקע ליכט פון דער גאַז־רער וואָס האָט זיך אַרויסגעשפּאַרט

פון דער אַנטקעגנדיקער וואַנט אויסגעפּילט דאָס גאַנצע צימער מיט גאָל־דענעם שיין און דאָס איז ווי אַ פּירעקיקער, אויפגעשטעלטער ליכט־קוב אויסגעהאַקט און אָפּגעטיילט פון דער איבעריקער וועלט.

זי האָט זיך געזעצט און זיך אָנגערופן:

— דער טאַטע האָט איבערגערעדט, אַז ער וואָלט אייך וועלן בעטן אַרויסצופאָרן קיין ניו הייוון. די דאָרטיקע געגנאָסן בעטן אַ ניו יאָרקער רעדנער פאַרן מאָרגנדיקן אָוונט, און ער זאָגט, אַז איר לאָזט אין די שטעט נאָך זיך שטענדיק איבער אַ גוטן איינדרוק. האָב איך געטראַכט אָט איך וועל אַריבערגיין און אייך זאָגן פון דעם.

— אַ שיינעם דאַנק, אַז מען דאַרף וועל איך פאָרן — האָט ער געענטפערט אַפּאַטיש אָבער דאָך ווי אַ סאָלדאַט וועמען מען רופט צו בליכט. און ער האָט זיך אוועקגעזעצט אָפּן בעטל און צוגעגעבן:

— דער סטרייק דאָ איז שוין סיי־ווי־סיי אַ פאַרלאָרענער — און ער האָט אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ ווי איינער, וואָס כאַפּט זיך אינ־מיטן דערינען, אַז מען האָט אים איבערגעשלאָגן אינמיטן פון אַ וויכ־טיקן טראַכטן און ער וואָלט וועלן אין דער טיף פון די אויגן צוריק אויפלעבן די פריערדיקע בילדער, צוריק אַריינזינקען אין זיינע פריער־דיקע געדאַנקען.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט וואַרימער צערטלאַכקייט, אַ שמייכל געטאָן און געפרעגט:

— איר זענט דאָס אַלץ איינער אַליין געזעסן דאָ אין דער טונקלקייט און געטראַכט פון סטרייק?

ער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ, אָנגעשטעלט אַף איר זיינע אויגן און אַזוי אומדערוואַרט פאַר איר און פאַר זיך אַליין זיך אָנגערופן:

— איך האָב געטראַכט פון אַסאַך זאַכן און פון דעם אַז אָט וועט זיך עפענען די טיר פון מיין צימער און אַף דער שוועל, אַף דער טונ־קעלער עפענונג פון מיין טיר וועט זיך באַווייזן אַ מיידל...

זי האָט אַ ציטער געטאָן, אַ גרויל האָט ווי אַ לייכטער עלאַסטישער און לויכטנדיקער רינג אַרומגענומען איר האַלדז, האָט זיך נאָכדעם פאַנ־אַנדערגענומען און זיך גענומען קאַטשען איבער איר לייב און אַזוי ביזן בויך. דאָרט איז דער גרויל געבליבן שטיין און איז ניט געוואָרן.

„זי וועט גלייך אוועקגיין. זי איז ניט געקומען אהער צוליב דעם... זי האָט אים ליב, נאָר זי איז איצט די ווייב פון אן אנדערן. ער זאָל זיך ניט דערוועגן !..."

בערמאַן אבער האָט דערפילט אז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף א שלעכטן ווארט. האָט ער דערפאר גאר אָן רחמנות קוקנדיק אויף איר א בלאסער צוגעגעבן:

— א שלאַנקע מיידל, אזא הויכע, מיט ליכטיקע, לאַנגע פינגער און מיט טיפע, גרויסע אויגן...

זינא האָט גלייך דערפילט אז ער זאָגט איר: איך האָב געמיינט ניט אייך, איך האָב געמיינט גערטרודן.

א באַליידיקנדיקע רויטקייט האָט א שלאָג געטאָן אין איר פּנים אריין, אירע קליינע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן, „פארוואס באַליידיקט ער זי אזוי? זי איז דאָך געקומען צו אים ווייל זי האָט אים ליב... זי איז ניט שולדיק, וואָס עס האָט זיך אזוי געטראָפן", אָבער זי האָט זיך קאָנטראָלירט און געזאָגט:

— אָבער פארוואס גייט איר ניט אריבער צו איר?

— ניין, איך וועל דאָס ניט טאָן — האָט ער געענטפערט.

— פארוואָס?

— ווייל אזוי האָב איך באַשלאָסן.

— אָבער איר האָט זי ליב?

— יאָ.

— שטאַרק?

— זייער! — האָט ער ארויסגערעדט מיט אייפער און דערביי דערפילט אזא פיבער איבערן לייב ווי די ביינער אין אים וואָלטן גענומען ברענען.

— און גיין צו איר ניט?! — האָט זי געפרעגט פארוואונדערט.

— ניין!

— אָבער אז זי זאָל קומען צו אייך וואָלט איר וועלן?

— יאָ — האָט ער ארויסגערעדט ווידער דערפילנדיק דעם פיבער איבער די ביינער.

— וואָס וואָלט איר געטאָן ווען זי וואָלט געקומען? — האָט זי געפרעגט מיט א ליכטן שמייכל, פארשנדיק און אייפערזיכטיק.

ער האָט פון דער פראַגע מיטאַמאָל דערפילט, אַז ער האָט האָר אַף זיין קאָפּ, שטאַרקע האָר, און טאַקע גלייך דערזען זיין קאָפּ מיט די שוואַרצע האָר אין דעם גלאָז פון פענצטער וואָס פאַר די אויגן, און זיך באַשיצנדיק מיט אַ שמייכל זיך נערוועז אָנגערופן:

— איך וואָלט זיך גענומען רייסן די האָר פון קאָפּ, איך וואָלט גענומען ברעכן דאָס גלאָז פון פענצטער — און שוין גאָר אָן אַ שמייכל, שטיל און רירענדיק, ווי איינער וואָס רעדט מיט דעם לעצטן אָטעם, פאַרענדיקט:

— איך וואָלט געקושט די טריט פון אירע פיס.

— און וועגן מיינע אייגענע צערטלענדיקע געפילן צו אייך טראַכט איר גאָר ניט, בערמאַן? — האָט זי אויך רירנדיק אַרויסגערעדט און אַזוי אומדערוואַרט, אַז דאָס צימער מיט דעם אויסגעהאַקטן פּירעקיקן ליכט, האָט זיך, דאַכט זיך, אַ באַוועג געטאָן און זיך פאַר אַ רגע ווי אין צווייען צעשפּאָלטן און זיי זיינען געבליבן זיצן, ווי צווישן צוויי צעשפּאָל־טענע שטיקער ליכט־מאַסן. בערמאַן האָט דערפילט ווי אַ היץ האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, זינא האָט זיך אויך אויפגעהויבן.

— איך ווייס ניט — האָט ער געענטפערט — איך טראַכט ניט. איך האָב ליב, איך בין משוגע, איך ווער אינגאַנצן דורכגעטרייסלט ווען איך טראַכט פון אירע אויגן, ס'אַרא אויגן, ס'אַרא אויגן! דער קאָפּ צינדט זיך מיר אָן. איך וואָלט, דאַכט זיך, געקאָנט צעקייען מיינע איי־גענע ציין פון אויפרעגונג.

זינא האָט זיך מיט אַ שמייכל אויפגעהויבן און גענומען צורעכט־מאַכן אַף זיך דעם ראָק.

— וואוהין און פאַרוואָס אַזוי גיך? — האָט זיך בערמאַן אָפּגע־רופן אָן אָפּהענטיקער.

— איך דאַרף גיין — האָט זי מיט דעם אייגענעם שמייכל געזאָגט. דער שמייכל האָט געשניטן ווי מיט אַ מעסער.

— איר וועט דאָך מיך לאָזן אייך באַגלייטן? — האָט ער אַ צעטומל־טער געפרעגט.

— אויב איר ווילט — האָט זי נאָכדיינקענדיק געענטפערט.

— וואָס הייסט? געוויס! — און ער האָט געכאַפּט זיין הוט און זיין ראָק און איז מיט איר אַרויס אין גאַס.

די פרישע לופט האָט צוגעגעבן נייעם אָטעם אין די לונגען. אַף דעם ברייטן אַטאָמאָביל־וועג, וואָס פירט צום פּאַרק האָבן זיך ווי שוואַרצע מחנות איילנדיקע הינט אין דער טונקלקייט, אָן אַן אָפּהאַלט, געטראָגן פּראַלנדיק אויטאָמאָבילן מיט צעגליטע, מיט אָנגעצונדענע אויגן. פון וואַנעט האָבן זיך מיטאַמאָל אַזוי פיל אויטאָמאָבילן גענומען? מחנה נאָך מחנה. און ס'אַרא הימל איבערן פּאַרק! ס'אַרא גרויסע נאַכט היינט! און אַט גייען זיי פאַרביי אַ קליוט פון בלומען. בערמאַן האַלט צוריק אַ ווייַלע זיין טראַט פאַר דעם באַלויכטענעם בלומען־פענצטער, אַט־די לויכטנדיקע בליאונג פּראַלט, דאַכט זיך, אַרויף אַף אים איניינעם מיט דעם ווייך־צעבליטן עלעקטרישן ליכט. די נאָזלעכער צענעמען זיך ברייטער, זיין האַרץ בליט־אויף, זינגט־אויף איניינעם מיט דער צע־בליטער בלומען־בליאונג פון דעם פענצטער. ער איז איצטער ווי אין אַ גאָרטן. ווי דאָס זשומען פון בינען איז איצט זיין אָטעם.

זינא האָט אַף אים אַ קוק געטאָן און געפרעגט:

— איר האָט אַלעמאָל ליב בלומען?

— איך ווייס ניט. נאָר אָט איצט קוקט דאָס אַף מיר עפּעס אַזוי מאָדנע — און ער צעשמייכלט זיך פאַרשעמט — ס'עפּעס אינגאַנצן אַזאַ מאָדנע נאַכט היינט. אָט קוקט נאָר דאָרט צום פּאַרק!

זי האָט אויפגעהויבן די אויגן און געפרעגט:

— וואָס?

דאָרטן אַנטקעגן־איבער אַ ברייטער וואַנט פון געדיכט־אויפגעשטעל־טע שוואַרצע ווינטער־בוימער האָט זיך די לופט אינמיטן דערינען אוועקגעשטעלט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, ווי אַן איבער־געקערטע בלויע געשטאַלט איז דער הימל געשטאַנען. דער איבערגעקער־טער גרויסער קאָפּ פון דער לופט פון דעם הימל, האָט זיך אַריינגעשטעקט צווישן אַן עפענונג אין די געדיכטע, שוואַרצע קרוינען פון דער בוימער־וואַנט. די טרוקענע צווייגן האָבן אויסגעצייכנט דעם דיקן, פולן האַלדז, און די פאָרמען פון איבערגעקערטע, ריזיקע אַקסלען. די גאַנצע לופט, דער גאַנצער הימל, די גאַנצע בלויע נאַכט האָט זיך דאָרט, איבערן פּאַרק, אוועקגעשטעלט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

און כאָטש בעו־זאָן האָט איר אף דעם געוואָלט אָנווייזן. ווען ער האָט צו איר אויסגעשריען „אָט קוקט נאָר דאָרט צום פּאַרק” פונדעסט־וועגן, ווען זינא האָט נ־ט פאַרשטייענדיק אים אַ פרעג געטאָן: „וואָס?” האָט ער זיך פאַרשעמט און איר גראָד דאָס ניט געזאָגט, און כאָטש ער האָט זיך געשעמט, האָט ער פונדעסטוועגן זיך ניט צוריקגעהאַלטן איר צו זאָגן אַנאַנדער פּלוצלונג איינגעפאַלענעם געדאַנק:

— אָט ווען זי וואָלט אַזוי גענומען און אַרויסגעקומען פון פּאַרק אַרויס!...

זינא האָט פאַרשטאַנען, אַז ער מיינט גערטרודן. זי האָט אים אָנ־געקוקט און געפרעגט:

— ווי וואָלט איר בעסער וועלן, גערטרוד זאָל אַרויסקומען צו אייך פון פּאַרק, אָדער אַף דער שוועל פון אייער צימער?

— דאָרטן ליג איך דאָך און וואַרט ווי אַ פאַרעקשנטער נאַר, דאָ אָבער איז דאָס דאָך אַ וואונדער וואָס קאָן געשען. אַ מענטש קאָן דאָך איבער עפּעס אַ סיבה גיין אַף זיין וועג דורכן פּאַרק און פּלוצלונג אָנ־קומען אַנטקעגן דיר גראָד ווען דו טראַכסט פון אים.

— איר גייט בעסער אַהיים און וואַרט — זאָגט זינא פאַרדעכטיק און לייגט נאָכדעם גלייך צו:

— מיט אַזאַ עקשנות ווי אייערע דאַרפט איר, דאַכט זיך, משיחן אַליין קאָנען אַראָפּברייינגען צו זיך אין צימער.

— זינא! — האָט ער אויסגעשריען, זי אָנרופנדיק ביים ערשטן נאָמען אַלס אַ צייכן פון דאַנקבאַרקייט. און אַף דעם אָרט פון נאָך עפּעס זאָגן, האָט ער זיך אָנגערופן:

— קומט, איך גיי אייך באַגלייטן דורכן פּאַרק ביז אַהיים.

— ניין, איך גיי ניט דורכן פּאַרק — האָט זי ווי אַ געשלאָגענע געענטפערט — איך פיל עפּעס ניט גוט, איך וועל דאָ אָפּן עק נאָם נעמען די אויבערשטע שטאָט־באַן.

— וועל איך אייך באַגלייטן צו דער באַן.

— ניין, גייט בעסער אַהיים — האָט זי ווי אָפּגעהאַקט און געגעבן אים די האַנט, געזאָגט „גוד־ביי” און דערביי אַ קוק געטאָן אַף אים מיט אויגן וואָס האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן. און עס האָט זיך גע־דאַכט ווי זי וואָלט ווידער רירנדיק איבערגעזאָגט:

„און ווען מיינע צערטלאַכע געפילן צו אייך טראַכט איר גאָר ניט, בערמאַן?"

— גוד־ביי זינא — האָט ער געזאָגט קוקנדיק גלייך אין אירע אויגן און האַלטנדיק לייכט איר האַנט. זי האָט ווייטיקדיק צוגענומען איר האַנט פון אים. ער האָט איר נאָכגעקוקט ביז זי איז אַרויף אויף די טרעפּ פון דער סטאַנציע.

ווען ער איז געבליבן אַליין איז אים עפּעס אַ ווילדע פרייִדיקייט באַפאַלן. ער האָט זיך ווידער אומגעקוקט אויף די שוואַרצע, אײַלנדיקע אויטאָמאָבילן, וואָס זיינען פאַר אים ווי די שוואַרצע מחנות היגט מיט אָנגעצונדענע אויגן יאָגנדיק געלאָפן אויף דעם ברייטן וועג, וואָס ליגט אַ שוואַרצער, ווי אַן איינגעגראָבענער, ווי אַן איינגעזונקענער צווישן דיקע שורות פון נאַקעטע ווינטער־בוימער, זיך אומגעקוקט אויף דער נאַכטיקער לופט, וואָס האָט זיך דאָרט אַוועקגעשטעלט. איבערן פּאַרק, מיטן קאָפּ אַראָפּ און זיך פון דאָרט פאַרוואָרפן הויך אַרויף צום הימל, און צו זיך ווילד און זיכער, אָן ווערטער, אַ זאָג געטאָן:

„עפּעס גייט געשען היינטיקע נאַכט. עפּעס וועט געשען!" און ער איז גלייך אַוועק צו דער בלומען־קראָם. מיט צופרידענע, זיכערע בליקן אַ קוק געטאָן אויף דעם פענצטער און איז נאָכדעם גלייך אַריין אינעווייניק. געקליבן און געקויפט בלומען. געקוקט אויף זיי, ווי אויף זאַכן, וואָס ער האָט דעם ערשטן מאָל אין זיין לעבן דערזען. יעדער בלום איז אַזאַ בליענדיק, לעבעדיק וועזן, וואָס אָטעמט און שמייכלט און וועבט פאַרביקע פרייד אַרום זיך. אַ בלום איז ניט איין פאַרב. עס איז שטענדיק אַ צוזאַמענשטעל, אַ צוזאַמענשפּיל פון פאַרבן. אפילו ווען אַ בלום איז רויט. איז דאָס פונדעסטוועגן ניט בלויז רויט, נאָר אַ טאַנץ פון רויט און בלוי. און אַ ראָז־פאַרביקע בלום, איז אַ טאַנץ פון רויט און ווייס. די שיינקייט פון לעבעדיקער פאַרב איז אין דעם שטענדיקן צוזאַמענשטעל פון פאַרב, וואָס אָטעמט מיט נאָך אַן אַנדער פאַרב אויסער איר אייגענער. און דערפאַר טאַנצן דאָס מיט אַזוי פיל סטימולירנדיקער פרייד אָט־די אַלע קאַלירנדיקע פאַרבן פאַר די אויגן. אַ פאַרבישופט אָרט איז אָט־דאָס בלומען־געשעפט. דאָס איז אפשר דער דורכגאַנג, דער פּרוזדור, צו דער וועלט פון ליבע. די גאַנצע קראָם איז אַזוי גאָרטנדיק אויסגעשטעלט מיט בלומען, מיט גרינס, מיט בלומען און בלומען. עס

כישופט, עס שיכורט מיט די ריחות און בלענדט אפשר, ווי אַן אָפּיום־קעניגרייך. נו יאָ, מיר האָבן דאָך עפּעס אַזאַ מין אָפּיום־צענטער אין זיך. ער האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן אַזוי גרינג און דין קיין בלומען־ריחות ניט אויפגענומען, ווי איצטער, קיינמאָל אַזוי פיין די געזונטע פרייד פון פאַרב געזען. עפּעס, דאַכט זיך, קוקט מען דאָ אַף אים אַזוי מאָדנע... אפשר דערקאָנט מען דאָ עפּעס אַף אים... ער האָט זיך אַף גיך צעצאָלט און איז אַרויס. איז אָפּגעגאַנגען אַביסל פון דער בלומען־קראָם, געבליבן שטיין אינמיטן, אַ פאַרפּלאָנטער, מיט די בלומען פאַר זיך.

— ס'אַראַ נאַכט, ס'אַראַ נאַכט! און שטערן אין הימל! — האָט ער אַ פאַרגאַפּטער אויסגעשריען אַ הויב טוענדיק אַביסל העכער דעם בוקעט בלומען אין זיין האַנט. ווי אַ בעכער אַ פולן, האָט ער מיטאַמאָל דער־פילט די בלומען אין זיין האַנט, געקוקט אַף זיי און צוגעגעבן. כאָטש אפשר אינגאַנצן אָן ווערטער, אָבער הויך האָט גערעדט דאָס האַרץ — די וועלט זאָל הערן:

„עי, דו בלענדנדיקער בעכער מיינער. איך הויב דיך אויף אין דער נאַכט פאַר איר געזונט און פאַר איר לעבן. אַז בליען זאָל די נאַכט מיט נאַכט מיט בלויער, מיט הימל און מיט שטערן. זעענדיק זאָל ווערן די נאַכט. זאָל זי מיט מיליאָנען אויגן אַרויסקוקן פון אַלע באַהעלטענישן און זען:

„זי קומט ווי אַ יונגע סאַרנע, איך הער, איך פיל זי אינדערלופט. אירע פיס זיינען גרינג און גרינגער ווערט פון זיי די לופט.

„אירע פינגער זיינען דין און לאַנג און האָניק און דינער אָטעם טריפט פון זיי. איר האַלדז איז שטאָלץ, ווי די אויפלויכטונג פון דעם גראַדלינִיקן, יונג ווילדן לאַנד, וואָס האָט זי געבוירן. ווי אַן אויפגייענדיק ליכט, ווי אַ שטענדיקער בליץ. אירע אויגן — אַזוי שטאַנדהאַפטיק־טיף. שטיל, ריין און גרויס צעעפנט.

„אונזער אַלעמענס שיקזאַל קוקט אַרויס פון אַזוינע אויגן. זי קומט, זי גייט. איך הער אירע טריט. איר לייב איז סטרונעדיק און אָטעמט און הילכט מיט שטילקייט און מיט וואַרימקייט אַרום זיך און שטאַרקט און שיכורט, ווי די טענער פון אַ גוט געשטאַנטער האַרף... זי איז גע־קליידט אין סאַמעט און זייד. סאַמעט־ווייך, ווי אירע אויגן; זייד, ווי דער איינגעהאַלטענער קלאַנג פון איר קול. איר פשוטער, שוואַרצער

מאַנטל איז ווי אַ קעניגלאַכע הילע איבער איר, און איר הוט פון דעם אייגענעם שטאָף איז ווי אַ קרוין אַף איר קאָפּ.

„זי קומט, זי גייט. איך הער ווי דאָס רוישן פון פליגלען אינדערלופט. מיין קעניגלאַכער מאַנטל איז דער צעריסענער ראָק אַף מיין לייב, און די שטערן — די קרוין אַף מיין קאָפּ.״

בערמאַן כאַפּט זיך אָבער אינמיטן דרינען, קוקט זיך אַרום:

„וואָס איז דאָ? וואָס קומט דאָ מיט מיר פאָר? איך בין שיכור? איך בין משוגע?...״

ער נעמט זיך גיין און הערט ווי פון דער לופט אַרויס אַ ווייטיקדיקן קרעכץ:

„און פון מיינע צערטלאַכע געפילן צו אייך טראַכט איר גאָר ניט?״

און ער ענטפערט אַפן קול ברוטאַל און שאַרף:

„ניין, ניין!!!״

ער איז אַריינגעקומען צו זיך אין צימער, אַנגעצונדן פייער און דערזען אַז דאָס שטענדיק, דאַכט זיך, באַקוועם און ליכטיק צימער איז איצט אַזוי אָרים, אַזוי קליין און האָט אַזוי ווייניק ליכט. און אָט־דאָס פאַרשאָלטענע גאַז־דערל! כאָטש נעם און רייס עס אינגאַנצן אַרויס פון דער וואַנט. וואו קריגט מען ערגעץ אַ לאָמפּ? אַ לאָמפּ! מען דאַרף פּשוט ערגעץ אַרויסגיין און קויפן אַ פּאָר ליכט, אָבער דאָס גאַנצע צימער איז עפּעס אַזוי... און ער האָט זיך גענומען צוראַמען דאָס צימער, צוגלייכן די פאַרשפּרייטונג אַפן בעטל, צונויפלייגן די פּאָר ביכער אַפן טיש. ער האָט איבערגעשטעלט דאָס ביינקל אַהין, אַהער, ס'אַרא אָרים הילצערנער ביינקל, מען וואָלט עס געדאַרפט מיט עפּעס פאַרשפּרייטן. עס סטאַרטשעט עפּעס אַרויס אַזוי ביליק־אָרים מיט זיין האָלץ.

ער האָט אַריינגעשטעלט די פּאָר געקויפטע בלומען אין פרישוואַסער און אַ טראַכט געטאָן: מען דאַרף טאַקע אַרויסגיין קויפן אַ פּאָר ליכט. אַ פּאָר אָנגעצונדענע ליכט פוןביידע זייטן וואָלטן געשאַפן ווי אַ ליכט־קרייז אַרום די בלומען. מען וואָלט געדאַרפט קויפן נאָך אַביסל בלומען אַף צו פאַרשפּרייטן דעם וועג פון שוועל צום ביינקל.

ער איז אַרויס, איינגעהאַנדלט נאָך אַביסל בלומען, צוויי ליכט, אַרומגעלאָפן פון קראָם צו קראָם, געקוקט אין די פענצטער, געזוכט ניט ווייסנדיק וואָס, ביז ער האָט ערגעץ אין אַ פענצטער אַזוי ווי פּלוצ־

לונג דערזען אַ זאַמשן־פּעלכל, וואָס ווערט געוויינטלאַך גענוצט אַף צו וואַשן פענצטער. אים האָט עס אָבער אויסגעזען ווי אַ לעבעדיקע היר־שענע פּעל. אָט־אָ דאָס — האָט ער באַשטימט דאַרף מען קויפן, מען קאָן מיט דעם פאַרשפּרייטן דאָס הילצערנעביינקל, אָדער דאָס אפשר גאָר אויסשפּרייטן ווי אַ טעפּיך אַפן דיל. ער האָט אַ טאַפּ געטאָן דאָס ביסל קליינגעלט אין קעשענע: „אפשר קאָן מען גאָר קויפן צוויי אַזוינע פּעלכלאַך ? ! ס׳וואָלט גוט געווען ווען מען קאָן קויפן צוויי.” און ער באַשטימט: ס׳איז אַזוי, וועט ער פאַר דעם געלט וואָס ער האָט קאָנען קויפן צוויי, וועט זי קומען, וועט זי זיכער קומען !... און ער דערשרעקט זיך אַליין פאַר דער פּראָבע. דאָס האַרץ נעמט האַסטיק שלאָגן... און ווי אַז ניט צוויי ? און ער לויפט מיט שרעק אַריין אין קראָם און זאָגט אַרויס מיט האַסט:

— גיט מיר צוויי פּעלכלאַך ! — ווייל צי ער האָט יאָ גענוג געלט, צי ער האָט ניט גענוג געלט, איין זאַך איז דאָך אָבער קלאָר — ער מוז היינט האָבן צוויי פּעלכלאַך, צוויי.

דער קרעמער האָט פאַר אים איינגעפּאַקט צוויי זאַמשן און האָט דערביי מאָדנע אָנגעקוקט דעם בחור. עפּעס האָט דער בחור מער אויס־געקוקט ווי איינער וואָס איז געקומען אַרויסרייסן די צוויי זאַמשן מיט געוואַלט, ווי צו קויפן זיי.

— וויפיל ? — האָט בערמאַן מיט שרעק געפרעגט שוין האַלטנ־דיק דאָס פּעקל אין האַנט

— פופציק סענט — האָט דער קרעמער געענטפערט.

— פאַר צוויי ? ! ! ! — האָט בערמאַן אויסגעשריען און באַגלייט דעם אויסגעשריי מיט אַ מאָדנעם פריידיקן געלעכטער און נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט:

— פאַרביידע פּעלכלאַך ? !

— יאָ — האָט דער קרעמער געענטפערט קנייטשנדיק די אַקסלען. בערמאַן האָט באַצאָלט, איז אַרויס פון קראָם אַ שפּרינגענדיקער.

קאַפּיטל זעקסאונדרייסיק

דאָס צימערל איז געווען פאַרפּוצט, איין זאַמשן־פעלכל איז געלעגן פאַנאַנדערגעשפּרייט אויפן דיל, איינס פאַרהאַנגען אויפן בייַנקל. בלומען־בלעטלאַך זייַנען געווען צעוואָרפן איבערן שוועל, איבערן דיל, איבער דעם פאַנאַנדערגעשפּרייטן פעלכל ביז אַרויף צום בייַנקל. אַ פּאָר בלומען־בלעטלאַך זייַנען אויך געווען צעוואָרפן איבער דער פאַרשפּרייטונג פון בעטל. בלומען־בלעטלאַך אויך אויף יענער זייַט שוועל. ער וואָלט אויך אַרויסגעגאַנגען און געשאָטן אַביסל אויפן גאַס און אויף די טרעפּ צום גאַס — זי דאַרף טרעטן אויף בלומען.

אויפן טישל האָבן אויף ביידע זייַטן פון די בלומען געברענט צוויי ליכט אין צוויי אַלטע מעשענע לייַכטער וואָס ער האָט אַנטליען ביי דער באַלעבאָסטע. די בלומען האָבן געברענט, די ליכט האָבן געברענט און איבער זיי דאָס גאָלדענע גאַז־ליכט. די ליכט — ווי צוויי ליכטיקע שוועסטער, — דאָס גאַז־ליכט — ווי אַ מאַמע אַ געטרייַע. גרויסע לאַנג־קנאָספּנדיקע רויזן. ווי פריידיק זיי שייַנען. שטייען ווי אין אַ ליכט־קרייז, ווי אין אַ חופּה פון ליכט... אָבער אין צימער איז נאָך פּאַרט פינצטער. בערמאַן ווייסט ניט פאַרוואָס. דאָס טישל איז אָרים פאַרשפּרייט מיט אַ צייַטונגס־פּאַפּיר. אַט פאַר די בלומענסוועגן אַליין דאַרף מען אויף דעם טישל און אויף די פּאָר ביכער עפּעס פאַרוואָרפן, כאָטש אַ פּאָר בלומען־בלעטלאַך.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן עק פון זייַן בעטל, אָראָפּגעלאָזט זייַן קאָפּ, פילנדיק אַז דאָס ליכט אָט־דאָרט אויפן טישל ביים וואַנט שטייט אין אַ פינצטערן צימער. און איבערהויפּט, פאַלט אים איין, איז דאָך דאָס אַזוי נאַריש, אַזוי אינגלש זיך פּלוצלונג אַרייַננעמען אין קאָפּ, אַז זי וועט קומען. און דווקא היינט! און ער שטעלט זיך אָפּ, דערפילט אַ שעמעוודיקן שמייכל אויף זיך — אָבער איך האָב דאָך פאַר מייַן געלט באַקומען צוויי פעלכלאַך, צוויי! — נאַרישער אַבערגלויבן, איך

מעג זיך באמת שעמען... זיך באַפרייט פון אַזוי פיל זאַכן און גלויבונגען. און דאָך ווען עס קומט צו עפּעס בין איך גרייט זיך אַליין אַנצוכאַפּן אַן אַ סימן, ווי אַ טרינקענדיקער אַן אַן איבערגעבראָכענעם שטרוי... אָבער זי וועט דאָך קומען. זי קומט דאָך. און פעלכלאָך האָב איך פּאָרט גע־קראָגן צוויי, און בלומען אַזוינע שיינע און ליכט אַזוינע גלייכע, ליכטיקע און שטילע... יהושע האָט אָפּגעשטעלט די זון אין גבעון און ווען איך וואָלט קאָנען, וואָלט איך אָפּגעשטעלט אָט־די נאַכט אין מיין צימער. זאָל לאַנג זיין די נאַכט און איך זאָל זיצן און וואַרטן, קוקן אַף דעם ליכט אַף דער וואַנט, ווי אַף דער זון פון מיין נאַכט. און וואַרטן אַף איר קומען און וואַרטן... און פּלוצלונג שפּרינגט ער אויף.

„וואָס זיץ איך אָפּן בעטל? איך צעקנייטש דאָך דאָס ווידער!"

ער בעט דאָס צוריק צו, גלייכט צוריק אוים די קנייטשן וואָס זיי־נען פון זיין זיצן אַף דעם בעטל געוואָרן. לויפט אריין צו דער באַלע־באָסטע אין קיך און כאַפּט פון דאָרט אַרוים אַנאַנדער הילצערן־ביינקל ווי ער וואָלט דאָס פון דאָרטן אַרויסגעגנבעט, קומט מיט דעם אריין צוריק צו זיך, בלייבט שטיין, דערפילט זיך נאַריש. דערזעט דאָס פייער, די ליכט און די בלומען אינאיינעם מיט דעם וואַרטנדיק ביינקל אוים־געשפּיגלט אין דעם אַנטקעגנדיקן נאַכטיקן פענצטער, אויסגעשפּיגלט אין דעם שוואַרצן דרויסן. ס'אַרא מאָדנע וואַרטונג עס קומט דאַ פאַר אין און אַרום דעם צימער! און ער זיפצט אָפּ:

— עך, ווען זי וואָלט כאָטש געקומען! ווען די נאַכט וואָלט כאָטש ניט אוועק!

קאַפּיטל זיבנאונדרייסיק

ווען זינא האָט זיך דעם אָוונט געזעגנט מיט בערמאַנען און איז ארויף אַף דער אויבערשטער שטאָט־באַן־סטאַנציע, איז זי דאָרט געבליבן שטיין אַ ווײַלע, ווי זיך ישובנדיק, און אַזוי טראַכטנדיק און ניט טראַכטנדיק, איז זי צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן און האָט אָפּגערופן גערטרודן:

— גערטרוד טײַערע, וואָס מאַכסטו?

— איך בין אָלרײַט.

— אָלרײַט, נאָר דו בײַנקסט אַביסל?

— וואָס? פאַרוואָס? פון וואַנעט ווייסטו?

— ווייסט דאָך אַז איך האָב דיך ליב, טײַערע.

—דו האָסט דאָך ליב גאַבריעלן — האָט איר גערטרוד דורכן טע־לעפאָן געענפערט.

—און דו? — האָט זינא געפרעגט.

— איך וועל דאָס דיר ניט זאָגן.

— פאַרוואָס?

— ווײַל אַזוי...

— ?!...

—גערטרוד טײַערע, דו ווייסט פאַרוואָס איך האָב דיך איצט אָפּגערופן?

— ניין, פאַרוואָס? דו רעדסט אַזוי ווי עפּעס וואָלט געווען דער מער מיט דיר... וואָס דו פילסט ניט גוט?

— דו האָסט געטראָפן, מײַן זיס האַרץ. איך בין איצט אַף דעם ענער „על־סטיישאָן”, איך פיל זייער ניט גוט. אָפּרופן מײַן מוטער האָב איך מורא זי זאָל זיך ניט דערשרעקן.

גערטרוד האָט מיט אַ דערשראָקענעם, קלאַפּנדיקן האַרצן אויסגע־שריען:

— ווילסטו איך זאָל אַריבערקומען צו דיר?

— יאָ טײַערע.

— איך קום גלייך! די מינוט! דו האָסט מיך אַזוי דערשראָקן. גוד־ביי. איך קום.

— העלאָ, העלאָ! — האָט גערטרוד ווידער גענומען רעדן — אָבער דו ווייסט דאָך אַז עס וועט מיר נעמען ביי אַ האַלבע שעה דאָס פאָרן?

— יאָ, זיס האַרץ, איך וועל זיך דאָ אוועקזעצן אַף אַ באַנק און וואַרטן אַף דיר.

ווען גערטרוד איז שפּעטער מיט אַ האַלבער שטונדע געקומען אַף דער סטאַנציע, האָט זי דאָרט געטראָפן זינאַן זיצן און וואַרטן. זי איז אַ צעשראָקענע צוגעלאָפן צו איר.

— העלאָ! וואָס איז דער מער מיט דיר?! — און דערזעענדיק אַ שוואַכן גוטן שמייכל אַף אירע ליפּן האָט זי צוגעגעבן: — אַ, דו האָסט מיך אַזוי דערשראָקן!

זינאַ האָט זי אָנגעקוקט. די צעשראָקענע גרויסע אויגן האָבן ביי גערטרודן איצט אויסגעזען אַזוי פלאַטערנדיק, ווי צוויי שוואַרצע, צעשראָקענע לעמער. זינאַ האָט זיך נאָך מער צעשמייכלט, זיך אויפגעהויבן צו איר:

—אַ שיינעם דאַנק דיר, גערטרוד, עס איז באמת אַזוי שיין פון דיר. עס איז מיר שוין איבערגעגאַנגען. איך פיל איצט אַביסל בעסער. אָך גערטרוד, גערטרוד! — האָט זי אָפּזיפצנדיק אויסגערופן, זי אָנגעקוקט אַ ווײַלע און זיך נאָכדעם גענומען פאַנאַנדערשפּיליען גערטרודס מאַנטל.

— וואָס טוסטו?! — האָט גערטרוד אויסגעשריען שמייכלענדיק און געמאַכט אַ באַוועגונג זי אָפּצוהאַלטן.

— גאָרניט, גערטרוד — האָט זיך זינאַ אָנגערופן ניט אויפהערנדיק זי פאַנאַנדערשפּיליען — איך וויל זען וואָס פאַר אַ קלייד דו טראָגסט היינט...

— אָ, דו „סילי קיד"!" דו גיסט נאָך אַלץ ניט אויף דיינע מאָדנע שטיק! — און גערטרוד האָט אַליין פאַנאַנדערגעשפּילעט איר מאַנטל, אים אַ צענעם געטאָן פאַר אַ ווייל.

גערטרוד האָט געטראָגן אַ קלייד פון ווייכן שוואַרצן סאַמעט. אַף בײדע זייטן פון איבער די היפטן, איז דאָס קלייד געווען צעשפּאַלטן ביזן

זוים אַרונטער. די אָפּגעשפּאָלטענע, פֿאַדערשטע טייל פֿון קלייד האָט געהאַט אַ שורה פֿון ווייסע, רונדע קנעפּ ווי ווייסע, רונדע באַלן. די אָנטב־קעגנדיקע, אָפּגעשפּאָלטענע זייט האָט געהאַט לעבער, אָבער נישט כּדי צו פֿאַרשפּיליען די קנעפּ, נאָר גלאַט אַזוי, פֿאַר שיינקייט וועגן, ווייל צווישן דעם טייל מיט די קנעפּ און דעם טייל מיט די לעבער, איז געווען איינ־געפֿאַלדעוועט אַ ברייט שטיק פֿון ווייכן, ווייסן זייד. אָט־דאָס ברייטע ווייסע שטיק זייד, האָט צוגעגעבן די נויטיקע ברייט, כּדי צו קאָנען באַוועגן די פֿיס, און האָט ביי דער קלענסטער באַוועגונג געמאַכט, אַז דאָס קלייד זאָל אייננטלאַך אויסזען ניט שוואַרץ נאָר ווייס. און ביי אַ ניכער באַוועגונג זאָל דאָס ווייסע זייד אַרויספּליען און נאָכלויפֿן מיט זיינע פֿיל געדיכטע פֿעלדלאַך ווי ווייסע פֿליגלען פֿון אַ ווייסן פֿויגל. דאָס אייגענע איז אויך געווען מיט די אַרבל וואָס זיינען אויף אַן ענגלאַכן אופֿן געווען צעפּשאָלטן פֿון די רונדע אַקסלען ביז אַרונטער. די הענט אָבער האָט זינאַ ניט געקאָנט זען איבערן מאַנטל. אָבער די ווייסע עפּענונגען אויף ביידע זייטן פֿון גערטרודס הויכע שלאַנקע פֿיס, די צוויי שורות קנעפּ, וואָס זיינען געלאָפֿן לעבן זיי אויף ביידע זייטן און די איינציקע שורה קנעפּ, וואָס איז אויף אַן ענגלאַכן אופֿן געלאָפֿן איבער איר ברוסט ביז איר טאַליע בלויז, האָבן צופֿרידן אויפֿגעבלאַנקט פֿאַר זינאַס אויגן.

— נו, צופֿרידן? — האָט זיך גערטרוד אָנגערופֿן.

פֿרייד און איבערראַשונג האָבן אַ וואַרים געמאָלט זינאַס פּנים, אויפֿ־געגלאַנצט אירע אויגן.

— יאָ גערטרוד, יאָ. ווערסט אַלץ שענער און שטאָלצער. קום!

— און זי מאַכט אַ באַוועגונג צום אַראָפּגאַנג פֿון דער סטאַנציע.

— וואוהין? — פֿרעגט גערטרוד — גייסטו דען ניט מיט מיר צו־ריק אַהיים? איך בין דאָך דיך געקומען נעמען צו אונדז.

— ווער איז דאָרט ביי אייך דאָ? — פֿרעגט זינאַ.

— קיינער ניט — ענטפֿערט גערטרוד — גאַבריעל איז שוין ביי אונדז ניט געווען עטלאָכע טעג...

— ניין טייערע, איך פֿיל איצט אַסאַך בעסער — זאָגט זינאַ — און דו וועסט מיר איצט דאַרפֿן העלפֿן אַריינגיין דאָ אין אַ הויז. איך

דאַרף דאָרטן געבן אַ לעקציע אין ענגליש. און איך האָב שוין אַזוי אויך אַ פּאָר מאָל פאַרפעלט.

— טאַ, וואָס וועל איך דאָרטן טאָן?

— וועסט אַף מיר צוואַווּאַרטן. דאָס איז אַ זייער פיין הויז. איך בין זיכער אַז עס וועט דיר ניט באַנק טאָן.

גערטרוד האָט אָנגעקוקט זינאַן. דערפילט אַז זי דאַרף איר נאָכגעבן, — עפּעס אַ שוואַכקייט האָט געקלונגען אין זינאס קול. און דאָס פּנים איז איר געווען אָפּגעצויגן. איז גערטרוד מיט איר אַראָפּ די טרעפּ, געבליבן נאָכדעם שטיין אַ רגע, זי ווידער אָנגעקוקט, געוואָרן אומרואיק, זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— זינאַ, קאָנסטו ניט אויפגעבן די לעקציע אַף היינט, איך פאַר־שטיי דיך ניט. קום, איך וועל דיך נעמען צו דיין היים, אויב דו ווילסט ניט גיין צו אונז. דו מאַכסט מיך נערוועז. איך וועל מיט דיר ווייטער ניט גיין.

זינאַ האָט זיך אָנגעלענט אַף גערטרודס אָרעם, ווי זיך צוגעקלעפּט צו איר, זיך דערמאָנט אַז גאַבריעל זאָגט איר לעצטנס, אַז זי איז גע־וואָרן קלעפּיק, און זיך גראַד דערפּאַר מיט נאָך מער הילפלאָזער וואַרימקייט איצט אָנגעקלעפּט אָן גערטרודן און געזאָגט:

— גערטרוד טייערע, מירן גיין. קום! — גערטרוד האָט איר צו־ליב געטאָן און גענומען גיין, אָבער מיט אָנגעשטריינגטער אומרו אין איר בליק, זי האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ אַרויף און גענומען זוכן איר שטערן אין הימל, און אַזוי ווי זי האָט אים געטראָפן פאַר זיך ביים ערשטן בליק, האָט זי דאָס אָנגענומען פאַר אַ גוטן אָנזאָג. איר בליק האָט זיך פון דעם אָנגעפילט מיט אַן עקשנותדיקער זיכערקייט: „אפשר איז ער ערגעץ דאָ? אפשר טראַכט ער איצט וועגן איר? אפשר וועט ער היינט קומען.” און זי וואָלט נאָך אַלץ וועלן פאַרשטיין פאַרוואָס ער האָט צוגעזאָגט צו קומען און קומט ניט. און פאַרוואָס טראָגט ער דווקא אַ ראָק מיט אויסגעריבענע אַרבל? און זי האָט דערווייל אַזוי ווי פאַרגעסן אָן זינאַן.

— גערטרוד טייערע — האָט זיך זינאַ צו איר אָנגערופן פּלוצלונג — זאָג מיר דעם אמת, דו ביסט דאָך היינט אַזוי גוט צו מיר, זאָג מיר, ביסטו פאַרליבט?

גערטרוד האָט פון דער פראַגע דערפילט אַזוי ווי אַ קאַלט ליכט ארום זיך, און ווי פון דעם קאַלטן ליכט אַרויס, האָט זי אָנגעקוקט זינאַן מיט אירע אויגן, געשווינגן אַ ווײַלע אין איבעראַשטע פון דער פראַגע, און נאָך דעם עקשנותדיק געענטפערט:

— דאָס וועל איך דיר ניט זאָגן...

— האָסט אפשר ליב גאַבריעלן?

— ניין — ענטפערט גערטרוד, ווי צוריקשליידערנדיק.

— פאַרוואָס? — פרעגט זינאַ — ער איז דאָך אַ גרויסער קינסטלער און דו ביסט דאָך אַ קינסטלערין.

— נו, איז וואָס?

— וואָלסט מיט אים אינאײנעם געקאָנט אַרומפאָרן איבער דער וועלט, געבן קאָנצערטן, באַרימט ווערן.

— אָ, לאָז מיך צורו!... מײַנער מוז זײַן אַזוי ריין ווי אַ לאַענגרין. אָט פונקט ווי ער וואָלט געקומען פון אָט דאָרטן, פון די שטערן...

— נו, איז אפשר הוגאָ?

— ניין.

— פאַרוואָס?

— ער זוכט אַלעמאָל אַ געלעגנהייט מיך אָנצורירן מיט זײַנע הענט און איך האָס אים דערפאַר. איך האָס מענער. ווען אַ מאַן וויל מיך אָנרירן, דערפיל איך ווי ווערים וואָלטן זיך געקליבן קריכן איבער מײַן לײַב. איך קאָן אימיצן דערוואַרגן פאַר דעם.

— הו! גערטרוד, דו ביסט שרעקלאַך! — האָט אויסגעשריען זינאַ, אויפהויבנדיק אירע אויגן צו גערטרודס און אַ ווײַלע אַזוי אַרויפגעקוקט צו איר, זיך צעשמייכלט און נאָכדעם געזאָגט:

— פונדעסטוועגן האָב איך אויף דעם בולאַק־אָוונט געזען, ווי בערמאַן האָט אַרומגעלייגט זײַן האַנט אַרום דײַן טאַליע און דיך אַזוי געהאַלטן פאַר אַלעמען אין די אויגן, און דו...

דאָס קאַלטע און בליציקע ליכט האָט זיך ווידער באַוויזן פאַר גערטרודן און האָט מיט אַ שאַרפער שנעלקייט דורכגענומען גערטרודן פון קאָפּ ביז די פיס.

— ער מעג! — האָט זי אַרויסגערעדט אָן צוריקהאַלט — ער מעג קומען און אַרומלייגן זײַן האַנט אַרום מײַן טאַליע פאַר אַלעמען אין

די אויגן. ער מעג מיך אפילו צונעמען און אוועקפירן ביז אין עק וועלט!

— גערטרוד, גערטרוד! — האָט זינא אויסגעשריען אַ פאַרכאַפּ־טע פון אירע ווערטער און פון דעם קלאַנג פון איר קול — גערטרוד!

גערטרוד איז דאָ מיטאַמאָל געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט און מיט כעס גענומען רעדן:

— וואָס האָסטו מיך דאָ ארויסגערופן! איך לאָז דיך דאָ איבער אינמיטן גאס און גיי גלייך אהיים. דו האָסט בלויז געוואָלט מיך אריינ־ברענגען אין כעס, דאָס אַלעס. איר רוסישע האָט עפּעס אַלץ אַזוינע מאָדנע געינג.

— גערטרוד טייערע, זיי צו מיר ניט שלעכט היינט, איך בעט דיך!. די לעצטע צייטן פיל איך ניט גוט. פאַראַן מינוטן וואָס איך פיל ווי צו שטאַרבן. זאָג מיר נאָר, איך בעט דיך, האָסט אים טאַקע זייער ליב, בערמאַנען?

— איך האָב דיר שוין געזאָגט אַלץ וואָס איך האָב געהאַט צו זאָגן וועגן אים — און גערטרוד האָט מיט כעס צוגעגעבן — פרעג מיך ניט מער.

— וואָלסטו אים וועלן זען איצט?

— אָט איך לאָז דיך דאָ גלייך איבער! — האָט גערטרוד אויסגע־שריען און טאַקע געשטעלט אַ טראָט צוריק — איך האָב דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט מיך מער ניט פרעגן וועגן דעם!

—אָ, גערטרוד, זיי ניט אַזוי... קום, אָט־דאָס איז דאָך שוין דאָס הויז.

— אָבער איך פיל ניט ווי אַרויפצוגיין — האָט זיך גערטרוד אָנגע־רופן און איז געבליבן שטיין, און מיט אַ ניט־פאַרטרויען אָפּגעמאָסטן דאָס גרויסע טענעמענט־הויז, און עפּעס ווי אַ ציטער געטאָן פאַר זיין גרוים. און אָפּן צוגעגעבן:

— עפּעס האָב איך מורא פאַר דיר און פאַר דעם הויז.

זינא האָט זיך פּלוצלונג פאַר עפּעס אויך דערשראָקן... האָט זי צרומגענומען מיט אירע ביידע הענט גערטרודס טאַליע און זיך גע־נומען בעטן:

— זיי ניט קינדיש, גערטרוד, קום, קום. איך בעט דיך — זינא

האָט, איבער איר קורצן וואוקס דערביי בעטנדיק אַרויפגעקוקט צו גערטרודן.

גערטרוד האָט ווידער נאָכגעגעבן, און האָט מיט אַן אינעווייניקסטן שרעק גענומען אַרויפגיין מיט איר אַף די טרעפּ.

—דו וועסט זאָגן, אַז דו האָסט ערגעץ געגעבן אַ פּיאַנע־לעקציע און מיר האָבן זיך דאָ באַגעגנט, עס זאָל ניט אויסזען, אַז איך האָב דיך אַהער גערופן פונדערהיים — האָט איר זינאַ מיט אַ פאַרשטיקטן און שעפּטשענדיקן קול געזאָגט.

— אָלרייט — האָט איר דערויף גערטרוד געענטפערט.

און אָט שטייט מען פאַר אַ טיר. זינאַ קלאַפּט אומרואיק אָן. גערט־רוד דערפילט אַ שרעקלאַכע אויפגערעגטקייט און שעפּטשעט אַרויס:

— איך ווייס ניט וואָס איז דער מער מיט מיר, מיינע פינגער זיינען מיר קאַלט געוואָרן ווי אייז...

אימיצער הויבט זיך דאָרט אינעווייניק אויף, זינאַ גיט זיך שנעל אַ שטעל הינטער גערטרודן, אַזוי אַז גערטרוד זאָל אויסקומען די ערשטע און זינאַ זאָגט דערביי אַרויס מיט אַ שעפּטשענדיקן, אָפּגעהאַקטן אָטעם:

— שרעק זיך ניט, דאָ וואוינט בערמאַן!!!

און גלייך דערויף האָט זיך מיטאַמאָל אַן עפן געטאָן די טיר.

— בערמאַן!

— גערטרוד!

און אַ שטילקייט איז נאָכדעם אָנגעקומען. אַן אָפּגעהאַקטע, אַ פּלוצ־לונגדיקע, אַן אומדערוואַרטע.

ביידע זיינען פאַרגליווערט געוואָרן פון איבעראַשונג און שרעק. אָט גיט זיך די אייזיקייט אַ שמעלץ, די הערצער גיבן זיך אַ וואַרים. אַף בערמאַנס ליפּן באַווייזט זיך אַ שמייכל, ער שטרעקט אויס זיין האַנט, גערטרוד פילט, אַז איר האַנט איז קאַלט, איז נאָך אַלץ פאַרגליווערט. זי איז גרייט צו אַנטלויפן, נאָר די קאַלטע האַנט אירע שטרעקט זיך אַליין אויס און אַ שמייכל גיט זיך אַליין פריש און ווייס אַ וויקל איבער איר פּנים, איבער די ליפּן איר ווערט וואַרים, איר ווערט קאַלט און זי טרעט אַריבער די שוועל.

זינאַ קומט נאָך הינטער איר, און זאָגט אין צעטומלטער, נערוועזער איילעניש:

— העלאָו! — און נעמט זיך מיט צעטומלטקייט און מיט שרעק גלייך אַנטשולדיקן — זי מוז דאָ גיין געבן אַ לעקציע, ניט ווייט פון דאַנעט. זי וועט נאָך אפשר ארויפלויפן. ס'וועט איר ניט נעמען לאַנג.

— ווידער אַט־די „לעקציע״ — גיט גערטרוד אַ טראַכט, און איידער וואָס ווען איז זי שוין אַליין מיט בערמאַנען אין צימער.

בערמאַן העלפט איר אויסטאָן דעם מאַנטל, אַט־דעם אייגענעם מאַנטל, וואָס איז אין זיינע הענט אַזוי ליבּ ווי גאַרניט. און בעט זיך איר זעצן. גערטרוד האָט זיך אומגעקוקט אַף די ביידע ביינקלאַך אין דעם קליינעם צימער, און פאַר זיך חוזקאַ אויסגעקליבן ניט דאָס פאַרשפּרייטע נאָר דאָס אָפּגעדעקטע ביינקל. בערמאַן דערשרעקט זיך אַזש, און אַנווייזנ־דיק מיט דער האַנט, שרייט ער צו איר כמעט אוים:

— ניין, אָט אַף יענעם ביינקל! — פּאָלגט זי, כאָטש עס פּאַרדריסט איר אַביסל למאי זי פּאָלגט. און זי זעצט זיך אַף יענעם פאַרשפּרייטן ביינקל, אַף דעם פעלכל. זי קוקט זיך נאָכדעם אום מיט אירע איבער־ראַשטע און צעשראָקענע אויגן און זאָגט:

— וואָס פאַר אַ שיין געצעלטל איר האָט!

— עס געפעלט אייך? — פרעגט בערמאַן נאָך אַלץ שטייענדיק.

— אייך מוז דאָ זיין זייער היימלאַך — ענטפערט זי.

— היימלאַך? — זאָגט ער ווי פרעגנדיק.

— אָריגינעל — זאָגט זי ווייטער קוקנדיק אַף די ביכער, אַף די בלומען, אַף די ליכט, אַף דעם טיש, אַף דעם פעלכל אַפן דיל, אַף די צייטונגס־פּאַפּירן מיט וועלכע דאָס טישל איז באַדעקט.

— אָריגינעל — זאָגט ער איבער ווי פרעגנדיק און קוקנדיק צום פעלכל אַפן דיל. זי לאָזט אויך אַראָפּ די אויגן צום פעלכל און זאָגט:

— ביי אונז אין הויז ליגט אַ גרויסע טיגערשע פעל מיט אַ פולן קאָפּ אַפן דיל, ווען איך ווער אין כעס האָב איך ליב אים אַנצוטרעטן אַף זיין קאָפּ — זאָגט זי אָפּ און צעלאַכט זיך.

— ווערט איר אַמאָל אין כעס?

— יאָ — זאָגט זי דערפילנדיק אַ וואַרימקייט אין פּנים און אַ קאַלטקייט אין האַרצן.

— און וואָס איז דאָס ביי אייך? — ווייזט זי אָן אַפן טישל און אַף די ליכט — אַ מזבח?

— אַ מזבח? יאָ. איך האָב אים ערשט הײַנט אױפֿגעשטעלט פֿאַר...
— פֿאַר װעמען? — פֿרעגט זי איבער.
— פֿאַר אָט־די בלומען — ענטפֿערט ער.
— װאָסערע שײנע בלומען! — רופֿט זי אױס קוקנדיק צו זײ און פֿרעגט מיט אַ געפֿיל פֿון פֿאַרשנדיקער אײַפֿערזוכט — װער האָט זײ געבראַכט צו אײַך, אַ דאַמע?
— יאָ — ענטפֿערט ער, דערפֿילנדיק אַ װאַרימקײט אין פּנים...

עס טרעפֿט מיר לײענען אַמאָל אַ בוך װאָס װערט אונז שטאַרק געפֿעלן, דאָס בוך צעשטראַלט זיך נאָכדעם אין אונזער פֿאַרשטעלונג אַזױ, אַז װען מיר נעמען דאָס בוך נאָכאַמאָל לײענען, געפֿינען מיר דאָס בוך שױן אָרים אין פֿאַרגלײַך מיט דער פֿאַרשטעלונג, װאָס מיר האָבן זיך אױפֿגעשטעלט דורך דער פֿאַנאַדערשטראַלונג װעגן דעם בוך אין אונז. מיר דערפֿילן זיך באַלײדיקט און מיר נעמען באַשולדיקן דאָס בוך און חושד זײַן זיך אַלײן אין לכתחילהדיקן שלעכטן פֿאַרשטײן. אַזױ האָט בערמאַן געפֿילט קוקנדיק איצט אױף גערטרודן. זי האָט אים אױסגעזען ניט שײן, ניט שלאַנק און ניט הױך גענוג געװאָקסן, עפּעס אַ מין אַש־קאָלירנדיקע גרױקײט אין איר הויט און אפֿילו אין אירע אױגן, אָט־די אױגן, װאָס האָבן אים אױסגעזען אַזױ גרױס װי די אױגן פֿון אַ פֿערד, האָבן אים איצט גענומען אױסזען װי געװײנטלאַכע, מענטשלאַכע אױגן. און ער האָט עפּעס אַזױ װי רחמנות געקראָגן אױף זיך, אָבער װי נאָך ער האָט איר אױף איר פֿראַגע צי די בלומען זײַנען אים געבראַכט געװאָרן פֿון אַ דאַמע, געענטפֿערט „יאָ", האָט אים אָט־דער ליגן װי אַ ברען געטאָן פֿאַר די אױגן. זי האָט אים אָנגעקוקט און װײַטער געפֿרעגט:
— ברענגען אײַך דאַמען אָפֿט בלומען?
— עס טרעפֿט! — האָט ער געענטפֿערט און דערפֿילט װי אַ פֿאַל צו טאָן צו אירע פֿיס און זאָגן: „פֿאַרגיב גערטרוד! עס איז אַ ליגן! דאָס זײַנען דײַנע בלומען, דײַנע! איך האָב זײ אױסגעקליבן אין אַ געשעפֿט פֿון בלומען און זײ געבראַכט אַהער פֿאַר דיר, אױף צו באַשײנען דײַן קומען!"
— און װאָס איז דער זין פֿון די ליכט? — האָט גערטרוד װײַטער געפֿרעגט.

— ליכט איז אַ שיינער אידישער סימבאָל. די מוטער פון הויז בענטשט יעדן שבת ליכט. אַ ליכט פאַר יעדן מיטגליד פון הויזגעזינט. דאָ אין לאַנד ווייסט מען שוין באַלד פון דעם ניט. אָבער עס איז דאָך אַזוי שיין. פריער בענטשט זי פאַר זיך און פאַר דעם מאַן צוויי ליכט.
— די מיסטעריע פון צוויי. נאָכדעם קומט צו אַ קינד, ציילט זי צו נאָך אַ ליכט און שפּעטער נאָך און נאָך. און אַזוי פאַרגרעסערט זיך די פייערדיקע מיסטעריע פון ליכט און לעבן. ליכט... — בערמאַן בלייבט שטיין, זי קוקט אים אָן געשפּאַנט. עפּעס גיט אים אַ ברי אין האַרצן, ער דערמאָנט זיך און פאַרענדיקט — און איך האָב היינט געפּילט שבת־דיק, האָב איך אָנגעצונדן ליכט.
— איז פאַרוואָס צוויי? — פרעגט זי אַליין ניט קלאָר־וויסנדיק פאַרוואָס זי פרעגט.
— איינע פאַר מיר און איינע... פאַר דעם גאַסט! — פּלאַצט ער ארויס מיטאמאָל.
זי גיט זיך אָן אויפגערעגטע, אַ הויב פון איר בייגקל, איר שטאָל־צער קערפּער גיט זיך אַזוי מאָדנע־צעשראָקן אַ הויב און אַ וויג אַרויס פון אירע היפּטן, אַז בערמאַן ווערט אַ פאַרציטערטער, און זי זאָגט:
— וואָס איר דערוואַרט אַ גאַסט!!! אַנטשולדיקט, איך שטער אייך געווים!...
בײַ בערמאַנען האָט זיך פון דעם אַזש דער קאָפּ אָנגעצונדן, ער איז אויפגעשפּרונגען.
— אַנטשולדיקט מיר, מיס פיינמאַן, איר האָט מיך שלעכט פאַר־שטאַנען. איך בעט אייך, זעצט זיך צוריק אַוועק אויף דעם בייגקל — אים איז עפּעס אַלץ געגאַנגען דווקא אין אָט־דעם פאַרשפּרייטן בייגקל, און דערבײַ האָט זיין האַנט אָנגערירט איר אָרעם און ביידע זיינען ווי עלעקטריזירט געוואָרן פון דער באַרירונג און זיינען אַזוי געבליבן שטיל שטיין פאַר אַן אומפאַרשטענדלאַכער רגע... עפּעס איז דערבײַ שיר געשען און ניט געשען... — זעצט זיך אַוועק, איך בעט אייך! — האָט ער ווידער אַרויסגערעדט מיט אַ ברענענדיקן אָטעם און דערבײַ דערפילט אַז די ליפּן זיינען אים טרוקן, די צונג טרוקן.
זי האָט זיך צוריק געזעצט און נערוועז ווידערהאָלט:
— אָבער, איר דערוואַרט דאָך אַ גאַסט!

— יאָ — האָט ער מיט אַ שמייכל אַרויסגערעדט — אָבער מיין גאַסט איז... — געוואָלט האָט בערמאַן זאָגן — איז שוין געקומען, אָבער ער איז פּלוצלונג געבליבן שטיין און געזאָגט — די מלכּה שבת... — און ער האָט גענומען רעדן:

— איר זענט געווים פרעמד פון אידישן לעבן און ווייסט, ווי עס ווייזט אויס, גאָרנישט פון דער אידישער שבת־מיסטעריע. יעדער איד דערוואַרט דאָך פרייטיק־צו־נאַכט די ליכטיקע מלכּה־שבת צו גאַסט. און ער וואַרט אויף דעם ווי עס דערוואַרט אַ חתן זיין כּלה, און ער זינגט איר לידער אַנטקעגן. איר האָט געדאַרפט זען ווי אַ גאַנצער בית־המדרש אידן גיט זיך אינמיטן דעם פרייטיק־צו־נאַכטיקן דאַווענען אַ דריי־אויס מיט די פּנימער צו דער אַריינגאַנגס־טיר און נעמט זיך זינגען:

„קום מיט פרידן מלכּה־שבת,
„קום מיט פרידן קרוין פון האַר,
„קום צו דיינע אויסדערוויילטע,
„קום כּלה, קום!"

— איז אַט־דאָס הייסט עס דער גאַסט! אָבער קומט זי דען צו זיי? — פרעגט כּמעט מיט שרעק גערטרוד.

— צו די גלויביקע קומט זי — ענטפערט בערמאַן.

— זענט איר דען אַ גלויביקער? פרעגט זי אים אַנקוקנדיק.

— יאָ, איך בין — האָט ער אַרויסגערעדט, קוקנדיק שניידנדיק־שאַרף גלייך אין אירע אויגן אַריין. איר איז געוואָרן גוט און גרינג פון דעם בליק. „איך בין דאָס דער גאַסט, זיין גאַסט" פליט איר דורך אַ געדאַנק אין קאָפּ. „ער האָט אַזאַ אויסגעהאַמערטן, ליכטיקן שטערן" פאַלט איר איין. „נאָר אַט־די ניט פאַרקאַמטע האָר פאַלן אַזוי ווילד אויף זיין שטערן און פאַרדעקן אים". זי דערפילט ווי אויסצוישטרעקן איר האַנט און פאַרשאַרן די האָר פון זיין גרויסן שטערן... און ער האָט ווייטער גערעדט:

— איך בין ווי אַ פאַרסמטער אַנטלאָפן פון יענע אַלע מיסטעריען און גלויבונגען, נאָר אָפט דאַכט זיך מיר לעצטנס, אַז גרויסקייט איז דאָרט פאַראַנען. מען וואָלט דעם אפשר געדאַרפט צוגעבן נייעם זין און פאָרם. דורות זוכן ניט אומזיסט. דורות מיען זיך פאַר עפּעס, דורך

פלאַם און פייער פאַר עפּעס. דורות טראַכטן, דורות זוכן, דורות שאַצן איבער און טראַכטן פון דאָסניי...

און בערמאַן כאַפּט זיך אַז ער רעדט מאָדנע זאַכן, זאַכן פון וועלכע ער האָט גאָרניט געטראַכט, פון וועלכע ער וואָלט אפשר גאָרניט געוואָלט טראַכטן, און ער דערשרעקט זיך פאַר די רייד זיינע.

בערמאַן האָט זיך שוין אויסגעלערנט, אַז זאַכן, וואָס ער רעדט אַרויס אין דער צייט פון גרויס אויפרעגונג, האָבן אַף אים אַליין נאָכדעם אַ האַלטנדיקע ווירקונג. ער פאַרעמט זיך ווייזט אויס אין דער צייט פון אויפרעגונג ווי אייזן אונטער דעם גלי פון פייער. אַ מענטש קאָן זיך אַליין ניט. נאָר אָט ווערט ער אויפגערעגט און זאָגט אַרויס זאַכן און דערהערט זיך און דערקאָנט זיך. אָט ווי די מעשה מיט דעם באָרוועסן מאָנאַך, וועגן וועלכן ער האָט זיך אַזוי אומדערוואַרט אַרויסגעפּלוידערט. כּון וואַנען האָט זיך טאַקע אָט־דער באָרוויסער מאָנאַך גענומען אינמיטן דרינען אין יענער מינוט, אָט ווי ער וואָלט געשטאַנען לעבן מיר די גאַנצע צייט און געוואַרט אַף זיין מינוט. אַ כעס כאַפּט פון דעם אַרום בערמאַנען. און אַזוי ווי אַף צולאַכים האָט זיך נאָך גערטרוד אָנגערופן:

— דאָס האָט איר דאָך דערציילט זינאַן פון אַ מאָנאַך, וואָס איר האָט געזען גיין באָרוועס אין רוסישן־פּראָספּעקט און שניי?

— יאָ — ענטפערט בערמאַן און ווערט רויט פון דעם וואָס זי כאַפּט אויף און טרעפט זיין געדאַנק.

— ווי אַזוי איז ער געגאַנגען? טאַקע אינגאַנצן באָרוועס — פרעגט זי נייגעריק.

— אָט־אַזוי אַ באָרוועסער, אַ לייכטער און אַ ליכטיקער. ווי אַן אויסגעהאַקטער פון ליכט איז ער צוגעקומען צו מיר און מיך געפרעגט דעם וועג. ער האָט געזען אַז איך בין דערשטוינט, נאָר ער איז גאָרניט דערשטוינט געוואָרן, האָט מיט זיינע בליקן מיך אָפּגעגאָסן מיט פרישן ליכט, האָט זיך לייכט און ליכטיק געזעגנט מיט מיר. מיר געזאָגט — „אַ דאַנק ברודער" — קורץ און שאַרף, נאָר מיט אַ פולן און זיכערן קלאַנג. עפּעס דאַכט זיך אַז דער קלאַנג פון זיין קול איז אויך געווען ווי אויסגעהאַקט פון אַזאַ מין פרישן ליכט. און ער איז זיך אַזוי אַ לייכטער און רואיקער אַוועק מיט זיינע ריינע באָרוויסע פיס איבער דעם ריינעם כקריפּנדיקן שניי פון וועג. איך טראַכט אָפּט אַז ווען איך וואָלט ניט

געווען אַזוי אומרואיק וואָלט ער זיך אפשר גאָרניט געאיילט אַזוי גיך אָוועקצוגיין פון מיר. ער האָט, דאַכט זיך, ביים זעגענען זיך, מיך אָנגעקוקט ווי ער וואָלט מיר וועלן איבערלאָזן אַ טייל פון זיין פרישן ליכט, וואָס האָט געשטראָמט פון אים ווי פון אַ טייך. ווי נעמט גאָר אַ היינטיקער מענטש אַזאַ רו, ווי קאָן דאָס דען אַ היינטיקער מענטש פאַרטראָגן? און דאָס איז דאָך פּאָרט געווען אַ היינטיקער מענטש, ווי איך מיט אייך. דאָס איז דאָך ערשט נעכטן געשען.

פּלוצלונג אָבער גיט בערמאַנען אַ ברען דאָס פּנים פאַר שאַנד, ער איז דאָך אַן ארבעטער מיט אַ געשלאָגענעם פּנים, אַ דערנידעריקטער ווי אַ געשלאָגענער הונט, און ער לאָזט אריין צו זיך אין הויז אַ מיידל אַ פאַרפּוצטע אריסטאָקראַטקע. און ער זיצט און זינגט פאַר איר לידער ווי אַן אָרימער בעטלער פאַר אַ גראַשן, רעדט צו איר פאַר פייער און פאַר וואַסער. פאַר איר קאָן זיין איז דאָס ניט מער ווי אַן אוואַנ־טיורע, זיך אריינכאַפּן אין צימער פון אַ געשלאָגענעם ארבעטער און זען וואָס וועט זיין... — „איך בין אַ געשלאָגענער הונט״ — ווילט זיך אים אויסשרייען — „און פאַר אייך איז דאָ אין מיין צימער קיין אָרט ניטאָ״ — און ער טראַכט: — „דערצו האָב איך געמיינט אַז איר זענט אַזוי שיין ווי דער שענסטער חלום פון מיין לעבן. איר האָט מיך פּשוט באַשווינדלט, ווי איר אריסטאָקראַטן באַשווינדלט אַלעמאָל. עס איז שווידערלאַך, שווידערלאַך...״ — און בערמאַן בייזט שטאַרק אַן זיינע אויגן מיט אַ שווערן, ביטערן כעס, און נעמט ווייטער רעדן:

— ניין, ער איז ניט געווען קיין מענטש פון היינטיקער צייט. ער איז אפשר געווען אַ מענטש פון דער נעכטיקער צייט, פון מאָרגנדיקער צייט אָבער ניט פון צייטן ווען מענטשן דינגען מענטשן אַף צו שלאָגן מענטשן, ווען מענטשן פאַרדינגען זיך אַף צו שלאָגן מענטשן צו וועמען זיי האָבן לחלוטין גאָרניט, עס פילט דאָך דיך אָן מיט אַזוי פיל האַס און צאָרן. מענטשן, אידן דינגען בויאַנעס אַף צו שלאָגן זייערע אידישע ארבעטער, ווייל די ארבעטער ווילן פאַרבעסערן זייער לאַגע. איך בין געניויגט צו גלויבן, אַז יעדעס פאָלק טראָגט מיט זיך זיין אמת, זיין פאָלקס־מיסטעריע אין דער וועלט. וואָס אָבער טראָגן איצט די אידן?... — און ער דערשרעקט זיך, ער שפּרינגט אַזש אויף פון שרעק... און גיט פאַר זיך

א טראַכט: — „אַט־דער פאַרדאַמטער סטרייק, ער צעמישט מיר די געדאַנקען אין קאָפּ".

דאָס ליכט פון דער אַנטקעגנדיקער וואַנט איז אים אַ פּאָל געטאָן אַפן פּנים ווען ער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ אַ קוק צו טאָן אַף איר. ער האָט זיך געוואָלט איבערצייגן וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס האָט אַף איר געמאַכט. ער האָט געמיינט אַז ער וועט זי דערזען איצט אַ באַליידיקטע, אַ צעכעסטע, גרייט אַרויסצולויפן פון זיין צימער און פון אים. — „זאָל זי" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. זאָל זי. אָבער געראָטן איז דאָס אַלץ דווקא שטאַרק געפעלן געוואָרן. זיין פּנים, מיט דעם ליכט אַף דעם, האָט אויסגעזען ווי דאָס באַלויכטענע געזיכט פון אַ מאַרטירער. און האָט דערמאָנט געראָטן אַז זי האָט אים אַמאָל שוין אַזוי געזען ערגעץ. יאָ, אונטער דעם ליכט פון אַ פאַקל... דאָס איז ער. דאָס איז ער!... און כדי צו טרייסטן אים, און כדי צו דערמאָנען אים, האָט זי מיט שרעק, מיט ציטער, מיט אַ שטיל און ווייך־אַטעמדיק קול אַרויסגערעדט:

— ווי אַ ווייסער פויגל וועט זיך דער אמת פאַר זיי אויפהויבן, און מיט ווייט־פאַנאַנדערגעשפּרייטע פליגלען ווער ער שוועבן איבער זייערע קעפּ.

בערמאַן האָט אויפגעציטערט פון איר קול און פון דעם פלוצלונגען אויפרוף צו אים. ער האָט פון דעם מיטאַמאָל דערפילט אַ ליכטיקייט איבער זיין קאָפּ און זיך דערזען פאַר דעם באַלויכטענעם טיש אין צימער, און פאַר דעם באַלויכטענעם, אויסגעשפּיגלטן טיש אין זיין פענצטער, אויסגעשפּיגלט איניינעם מיט איר. ער האָט כמעט דערפילט ווי איינער, וואָס ווערט אין דער רגע אויפגעשטעלט און געזאָלבט פון איר מויל.

— מיס פיינמאַן! וואָס האָט איר געזאָגט? וואָס זיינען דאָס פאַר אַ רייד....

— דאָס זיינען אייערע רייד. איר האָט זיי אַמאָל געזאָגט אין אַן אָוונט, אַף אַ ראַג פון גאַס אונטער דער ליכט פון אַ פאַקל.

— איך? אין אַן אָוונט אונטער אַ פאַקל?! איר האָט דאָך אַזוינע ליכטיקע זעאונגען, מיס פיינמאַן, אַזוינע ליכטיקע זעאונגען און אַזוינע ליכטיקע רייד, ווי האָט איר געזאָגט: — „ווי אַ ווייסער פויגל..."

—זי האָט זיך דערשראָקן אפשר איז דאָס ניט ער... ער זיצט דאָך טאַקע, דאַכט זיך, ניט ווי יענער, פון וועלכן זי האָט שוין אַזוי פיל מאָל געטראַכט, גאָר ווי אַ פרעמדער. ער רעדט עפּעס אַזוינע מאָדנע רייד. זי איז אפשר איצט אין צימער פון אַ פרעמדן?... אָבער זי האָט זיך פונדעסטוועגן, אַזוי ווי קענען איר ווילן, ווי אַ פאַרכאַפּטע אָנגעשטעלט אַף אים מיט אירע גרויסע אויגן און ווידערהאָלט:

— ווי אַ ווייסער פויגל וועט זיך דער אמת פאַר אייך אויפהויבן און מיט ווייט־פאַנאַנדערגעשפּרייטע פליגלען וועט ער שוועבן איבער אייערע קעפּ.

ער האָט געפילט אַ פאַל צו טאָן צו אירע פיס אָדער גאָר אַרומכאַפּן מיט זיינע הענט איר קאָפּ. „גערטרוד, פאַר אָט־דעם מזבח, גערטרוד!...”

זי האָט זיך ווי אַ גערופענע אַ הויב געטאָן פון איר ביינקל.

ער האָט מיט זיין האַנט אָנגענומען די לאַנגע פינגער פון איר האַנט, דערפילט די דינע קילע הויט אַף זיי. דערפילט ווי קאַלט עס איז איר האַנט, און דערזען אָט־די ליפּן.

— גערטרוד, איך וויל דיך אַ קוש טאָן! — האָט ער ווי גאָרניט טראַכטנדיק אַרויסגערעדט — זי האָט אָן ווערטער אַ ווענד געטאָן אירע ליפּן צו זיינע. ביידנס ליפּן האָבן זיך אָנגעשלאָסן. קאַלט, פּשוט, גאָרניט ווי דערוואַרט איז געווען דער קוש. גאָרניט, דאַכט זיך, ווי אַן ערשטער קוש, נאָר ווי אַ דערעסענע ווידערהאָלונג פון אַ קוש, וואָס האָט שוין פאַרלוירן זיין טעם. אפילו דאָס וואָס איין האַנט זיינע איז געלעגן אַרום איר קאָפּ און די צווייטע אַף איר אַרויסגעפּרעסטער רונדער ברוסט, איז פאַרגעקומען אַזוי איינפאַך. אָט־די איינפאַרכקייט פון דער דער־וואַרטער גרויסער געשעעניש האָט ווי באַליידיקט, ווי אָפּגענאַרט.

— אפשר איז זי ניט די באַשערטע?... — אפשר איז ער ניט מיינער?...

— און ער האָט דערפאַר אַ פלוצלונג־אויפגערעגטער פאַרוואָרפן זיינע ביידע הענט אַף הינטער איר, זי אַ הויב געטאָן אינדערלופטן ווי אַ קינד:

— גערטרוד, דו ביסט מיינע, מיינע! פאַר אָט־דעם מזבח אונזערן. פאַר אָט־די ליכט און פאַר אָט־די בלומען! — און ער האָט גענומען באַ־דעקן מיט הייסע קושן איר פּנים, אירע ליפּן, אירע אויגן, אירע בריסט, איר בויך און אָט־די וואונדערלאַך־פאַרכאַפּנדיקע שיין־מאָדעלירטע קניען פון אירע פיס.

און זי, די שטילע גערטרוד, איז געלעגן אין זיינע הענט א פּאַרציטערטע, געפּילט, אַז אירע ווייסע פליגלען הענגען איר נאָך פון אירע הענט און פון אירע פּים. זי איז איצט א פירפליגלדיקער ווייסער פויגל. זי האָט גענומען פילן מיט צעגליטן צאַפּל די היץ פון זיין יעדער באַ־רירונג. עפּעס פאַלט, דאַכט זיך, אַלץ אַוועק פון איר, עפּעס פאַרלירט זי. איר שטאָלץ, איר אַלץ נעמט ער ביי איר צו. זי לאָזט זיך פון אים האַלטן אף די הענט ווי זי וואָלט געווען א קינד, לאָזט זיך קושן און ברענט אַזש אויף פון זיין יעדן קוש און שטעלט אַזוי גערן אונטער די ליפּן פאַר זיינע קושן. און אפשר איז ער גאָר א פרעמדער?... זי האָט זיך מיטאַמאָל א ציי געטאָן אַראָפּ פון זיינע הענט:

—בערמאַן!...

ער איז געבליבן שטיין פאַר איר א פאַרשולדיקטער.

— ווער האָט דיר געבראַכט די בלומען?!

— קיינער ניט. איך האָב זיי געקויפט.

— האָסט שוין אַמאָל אַזוי געהאַלטן א פרוי אף דיינע הענט?!

האָסטו שוין אַזוי געקושט א פרוי? — האָט זי פאַרשנדיק געפרעגט, דאַכט זיך, ווי א גרייטע צו כאַפּן און אַנטלויפן פון דעם הויז.

— ניין, גערטרוד — האָט ער געענטפערט — איך שווער.

איר איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי גוט. איר שטאָלץ איז ווידער אַוועק און ווידער און גאַנץ אַנדערש צוריקגעקומען.

א גרויס גליק האָט זיך מיטאַמאָל אַנגעזאַמלט אין איר און האָט פּלוצלונג א שטראַל־אַרויס געטאָן פון איר פּנים. דאָס לייב און אַלע גלידער אירע זיינען אויפגעוואַרימט געוואָרן מיט אַזא ניט־געהערטער און נאָך קיינמאָל ניט געפילטער וואַרימקייט. דאָס גאַנצע לייב האָט זיך מיט זיינע אַלע קלענסטע טיילעכלאַך פאַנאַנדערגעעפנט און מיט אַן א שיר מיילעכלאַך גענומען שלינגען אין זיך א וואַרים־טריפנדיקע זיסקייט. זי האָט זיך מיט איר גאַנצן גליקלאַכן, אויפגעוואַרימטן און אויפגע־שטאָלצטן קערפּער א ווענד געטאָן צו אים:

— **נעם מיך אַרום, באַהאַלט מיך! דו ביסט מיין לאָענגרין און איך בין דיינע, דיינע!!!**

VI

דער אָנהעריבּ

קאַפּיטל אַכטאונדרייסיק

בערמאַן האָט געדיינקט דעם אָוונט פון זינאַס געבורטסטאָג און איז אַף דעם אָוונט געקומען פון די ערשטע, געקומען און מיט זיך אויך מיטגעבראַכט די מים פעלדמאַן.

די מים פעלדמאַן האָט שוין אַף איר אופן געוואוסט פון בערמאַנס ליבע צו דער „גרויסאַרטיקער" פּיאַניסטקע, ווי זי פלעגט רופן גערטרודן. זי האָט זיך אָבער איבער דעם ווי נאָכמער דערנענטערט צו בערמאַנען. אַסאַך האָט דאָ געוויס אויך געהאָט צו זאָגן אָט־דער אומגליקלאָכער דורכפאַל פון דעם סטרייק, פאַר וועלכן זיי האָבן ביידע בשותפות געטיילט די פאַראַנטוואָרטלאָכקייט און די ביטערקייט פון די רעזולטאַטן. זייער ביידנס בשותפותדיק קומען איצט צו דעם רעדאַקטאָר פון זייער סאָציאַליסטישער צייטונג איז אויך געווען אַ רעזולטאַט פון אָט־דער מאָדנער באַציאונג פון איר צו בערמאַנען און אויך אַן אויסדרוק פון אַ געוויסער דערנענטערונג, וואָס זיי האָבן ביידע, טאָקע איבער דעם סטרייק, גענומען פילן צו פרענקלען.

בערמאַנען אָבער האָט איבער אַלץ אַהער געטראָגן דאָס, וואָס ער האָט געוואוסט, אַז גערטרוד, גערטרוד וועט דאָ זיין.

ער האָט זיך שוין זינט לעצטן מאָל מיט גערטרודן עטלאָכע מאָל געטראָפן. יעדן מאָל פלעגט ער ביים ערשטן דערזען זי נעמען מיינען, אַז זי איז גאָרניט אַזוי שיין, ווי ער האָט געמיינט, איר פיגור — גאָרניט אַזוי שלאַנק, אירע אויגן — גאָרניט אַזוי גרויס, און יעדן מאָל פלעגט זי גלייך נאָכדעם ווערן שיין און שענער: „וואָסערע וואונדערלאָכע פאָרמען פון אָט־דער שיין־אויפגעשלאַנקטער מיידלשער פיגור, סאַראַ אויגן! ווער אין דער וועלט האָט נאָך אַזוינע אויגן און ווער — אַזאַ שטיל־געבלאַסטע, אַזאַ פיינע, דורכזיכטיקע הויט! וועמעס הויט איז אַזוי גוט צו דער באַרירונג ווי גערטרודס! וועמעס קערפּער קאָן אַזוי ליב און שלאַנגיש אויפשפרינגען און קאָן זיך אַזוי בויגן אין די אָרעמס פון אַ געליבטן ווי גערטרודס!"

איינמאָל א פּאַרנאַכט האָט געטראָפן, אַז ער האָט נאָך זיינע לויפעניש און זאָרגעניש וועגן דעם אומגליקלאַכן סטרייק דערפילט, אַז ער קאָן ניט גיין צו זיך אַהיים. ער וועט ניט קאָנען אַרויפגיין צו זיך אין הויז. האָט ער באַשלאָסן, אַז ער וועט אַוועקפאָרן צו דער גאַס, וואו גערטרוד וואוינט און וועט זיך דאָרט דורכגיין א פּאָר מאָל פאַרביי אירע פענצטער. אָט, גאָרניט, זיך גלאַט אַזוי א פּאָר מאָל פאַרבייגיין. ווי נאָר אָבער ער איז צוגעקומען צום הויז איז שוין גערטרוד געשטאַנען אינדרויסן אַף די טרעפּ א וואַרטנדיקע און איז אים גלייך א גליקלאַכע אַנטקעגנגעקומען, אָנגעכאַפּט מיט איר האַנט די פינגער און די לינקע זייט פון זיין האַנט:

— בערמאַן, בערמאַן, טייערער, האָסט אַזוי גוט געטאָן, האָסט אַזוי וואונדערלאַך גוט געטאָן.

— וואָס, דו האָסט געוואַרט אַף מיר! ווי אַזוי האָסטו געוואוסט צו וואַרטן אַף מיר?

— מיר האָט גענומען קלאַפּן אין האַרצן, אַז דו קומסט, אַז דו קומסט, האָב איך זיך נאָר־וואָס אָנגעטאָן און אַרויסגעגאַנגען זען צי ס׳איז אמת דאָס קלאַפּן פון מיין האַרצן, צי ס׳איז אמת...

ווי שיין זי איז דעמאָלט געווען, ווי ליכטיק זי איז דעמאָלט געווען, ווי טויזנט זונען וואָלטן פון איר אַרויסגעשטראַלט.

איצט אָבער איז גערטרוד נאָך ניט געקומען צו די פרענקלס, נאָך ביז איצט ניט געקומען. און ווען גערטרוד האָט נאָך פּאָר א לאַנגער צייט ניט געהאַט געקומען, האָט בערמאַן אויפגערעגט גענומען טראַכטן, אַז אפשר וועט זי אינגאַנצן גאָרניט קומען... אפשר איז אָט־די גאַנצע געשעעניש אירע מיט אים געווען ניט מער, ווי א צייטווייליקער קאַפּריז פון א צעבאַלעוועטער אַריסטאָקראַטקע, ווייל ווי קומט ער גאָר אינגאַנצן צו איר? ער איז פון זינען? !...

די אימעניניצע זינא איז געווען גוט און וואַרעם אויפגעלייגט, נאָר עפּעס ווי א פאַרטראַכטע, ווי אַן איינגעשטילטע. עפּעס איז זי מיטאַמאָל ווי לייביקער געוואָרן; איר פּנים — רונדער. און פרענקל און ליזא האָבן ווי אומרואיק־באַהערשטע געקוקט אַף איר, און זי האָט פון־צייט־צו־צייט אומרואיק געקוקט צום טיר. עס זיינען אָנגעקומען אַנדערע באַקאַנטע. עפּעס האָבן זיך היינט אַלע אַף גאָר א באַזונדערן

אופן געגריסט און געקושט מיט איר. בערמאַן האָט גערעדט אַ וואָרט מיט דעם און אַ וואָרט מיט יענעם און איניינעם מיט זינאַן אַלץ געקוקט צום טיר, ביז ס׳האָט זיך געעפנט די טיר און עס זיינען אַנגעקומען גערטרוד מיט איר טאַטע־מאַמע און מיט זיי אויך אַ קליין־געוויקסיקער, דאַרער, עלעגאַנט־געקליידטער מאַן מיט אַביסל אַ צו־גרויסער אידישער נאָז, מיט לאַנגע בלאָנד־ברוינע האָר געמישט מיט גרוי, און מיט גרויע וואַסער־דיקע אויגן, וואָס בליצן־אויף פון־צייט־צו־צייט מיט ביסטרע, דורכגעטרי־בענע בליקן. דער מאַן האָט דאָרט אין פאָדערצימער גאַנץ עלעגאַנט און געשיקט געהאָלפן גערטרודן אַראָפּנעמען פון זיך די אויבער־קליידער .

בערמאַן איז פון דעם בלאַס געוואָרן און זינאַ — רויט ווי אַ צוויק.

פרענקל און ליזאַ זיינען זיי אַלעמען אַרויס אַנטקעגן, זיך מיט זיי צעקושט, זיי נאָכדעם אַריינגעפירט אין הויפּט־צימער מיט פּאַראַד, ווי בערמאַנען האָט זיך אויסגעראַכט. יעדער פון זיי האָט באַזונדער גע־קושט ליזאַן, מיט אַ באַזונדער צערטלאַכקייט, איר איבערגעגעבן די מתנות, וואָס זיי האָבן פאַר איר געבראַכט. דאָס הויז האָט גענומען ווערן פול מיט בלומען, מיט מענטשן, מיט צוקער־געבעקס, מיט שיינע פּאַרפיום־פלעשלאַך און מיט גלאַט מתנות אין פּעקעלאַך און אין שאַכטע־לאַך.

גערטרוד האָט לוסטיק שמייכלענדיק אָנגענומען גאַבריעלן ביי דער האַנט און אים פאָרגעשטעלט פאַר בערמאַנען. בערמאַן האָט ניט גע־וואוסט, צי איז אין דעם דאָ אַ חוזק, צי אַן אָפענע דערקלערונג אַף אייגנטום.

— אַך, זאָ, דאָס איז דער יונגע? — האָט גאַבריעל לוסטיק אויס־גערופן, אויסשטרעקנדיק צו בערמאַנען זיין האַנט און איניינעם מיט דעם זיין שפּאַסיק־אָנגעשטעלטן בליק.

בערמאַן האָט דאָס שווער איבערגעטראָגן, געענטפערט אַף דער באַגריסונג מיט אַ געצוואונגענעם שמייכל און גלייך נאָכדעם פאָר־געשטעלט פאַר זיי די מיס פעלדמאַן.

„ער האָט, הייסט דאָס, אויך מיט זיך געבראַכט אימיצן, וואָס ער דאַרף פאָרשטעלן...״

גערטרוד האָט דאָס ניט דערוואַרט... דאָס איז פאַר איר געווען אַ שרעקלאַכע באַליידיקונג...

„ווי אַזוי קומט ער אַהערצובריינגען מיט זיך אַן אַנדערע ?!"

זי איז געוואָרן פאַרגליווערט־בלאַס און קאַלט און האָט טרוקן געענטפערט אַף דער באַגריסונג און נאָכדעם דעם גאַנצן אָוונט געלאָזט גאַבריעלן זיך אַרומדרייען אַרום איר...

זינא האָט אָפּט און ביטער געשמייכלט איבער דעם שפּיל און אין בערמאַנען האָט דאָס געקילט דאָס בלוט אין די אָדערן. און ווען גערטרוד האָט נאָכדעם שפּעטער אינאָוונט געכאַפּט בערמאַנען אין דעם אָפּגעזונדערטן צימער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם לאַנגן האָל, האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אַף אים, כמעט ווי מיט געמאַכטע פויסטן:

— פאַרוואָס האָסטו זי געבראַכט אַהער, פאַרוואָס ?!

דערזעענדיק פאַר זיך גערטרודן אַזאַ שרעקלאַך־אויפגערעגטע און בלאַסע האָט בערמאַן זיך דערפילט פאַרענטפערט און אַ באַפרידיקטער געמאַכט אַ באַוועגונג זי אַרומצונעמען. זי האָט זיך אָבער אַ האַסטיקן צי געטאָן אַף צוריק און אויסגעשריען מיט אַ ביטערן כעס:

— ריר מיך ניט אָן!

און אים אָנקוקנדיק נאָך בייזער, צוריקהאַלטנדיק, באַפוילן:

— דו זאָלסט דאָס ניט וואַגן!

בערמאַן האָט געפּרוּווט שמייכלען. זי אָבער האָט מיט כעס און אָפענעם עקל אָנגעשטעלט אַף אים אירע גרויסע און גרוים־צעעפנטע אויגן און אַריינגעשריען כמעט גלייך אין זיין פּנים אַריין:

— דו ביסט אַ פּראָסטער אַרבעטער, ביסט אַ נידעריקער מענטש, ביסט אַ פּויער, אַ פּויער!

און זי האָט נאָך מיט ביטערקייט צוגעגעבן:

— דו האָסט ניט קיין טאַקט, קיין געוויסן. — און דערמאָנענדיק זיך אין די פּאָר רוסישע ווערטער, וואָס זי האָט געוואוסט, האָט זי מיט איר אויפרעגונג צוגעגעבן:

— דו ביסט אַ מוזשיק, אַ כאַם.

בערמאַן האָט פון דעם מיט קעלט און שרעק צעעפנט זיינע אויגן. זי אָנגעקוקט אַ ווײַלע, זיך איבערגעוואַלט קאָנטראָלירט און געזאָגט בייז פאַרוואָרפנדיק:

— פאַרוואָס ביסטו אַהער געקומען מיט דעם פראַנט?

— „נעוווער מיינד" דער פראַנט, ער איז אַ גרויסער קינסטלער, אַ

מוזיקער. ער זינגט ווי אַ גאָט. ער וויל מיך נעמען אַף אַ רייזע קיין איי־ראָפּע, מיר׳ן ביידע אויפטרעטן, און דו ביסט גראָב און טעמפּ ווי אַ פּויער.

בערמאַן האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַרויס פון צימער, כאָטש ער האָט געזען, אַז שווערע טרערן האָבן דערביי אָנגעפילט אירע אויגן, ווייל ער האָט ניט געוואוסט און ניט געקאָנט וויסן, אַז כאָטש זי האָט אים טאַקע געמיינט באַליידיקן מיט די ווערטער „גראָבער אַרבעטער", „טעמפּער פּויער", איז עס אָבער פאַר איר אויך געווען ווי זי וואָלט אַף אים געלייגט איר באַהאַלטנסטן, איר הייליקסטן זיגל, ווייל אין אירע איידלסטע חלומות האָט זי זיך שטענדיק געזען אַלס די איבערגעגעבנסטע ווייב פון אַ גראָבן אַרבעטער, פון אַ פּויער...

קאַפּיטל נײַנאונדרײַסיק

אין דעם אַלגעמײנעם צימער איז זיך גאַבריעל געזעסן װי אין אַ קרײַז פֿון ליכט. עפּעס האָט דאָס קלײן־געװיקסיקע מענטשל געהאַט אין זיך אַזױנס, װאָס האָט אַרום אים געשאַפֿן אַ באַזונדער לופֿט. ער האָט אַ פּאָר מאָל אַ צאַרטן קניפּ געטאָן זײַנאַן אין בעקל, זי אַ קוש געטאָן אין די ליפּן, זי אַרומגענומען פֿאַר אַלעמען אין די אױגן אַזױ, װי אַ מאַן נעמט זעלטן אַרום אַ װײַב אין דער געזעלשאַפֿט פֿון אַנדערע, און זי האָט זיך דערבײַ באַמיט אַנצוכאַפּן מיט איר קלײן ראָזעװע הענטעלע זײַנע בלוט־אָרעמע פֿאַרגעלטע מענערישע פֿינגער און זײ צערטלען.

בערמאַן האָט אױף דעם אַלץ געקוקט פֿון אונטער זײַן אָנגעברוגזטן שטערן און געטראַכט בײַ זיך:

— נו, זי האָט דאָך סוף־כּל־סוף געװאונען איר גרױס געװינס. זי האָט אין זיך פֿאַרליבט דעם גרױסן מענטשן, דעם װאונדערלאַכן לעאָנאַרדאָ מ. גאַבריעל! נאָר װען ער האָט דערזען, װי דער אײגענער גאַבריעל נעמט דאָס אײגענע אָדער כּמעט דאָס אײגענע טאָן צו בעסי פּינק און אױף אַביסל אַנאַנדער אופֿן צו דער מאַדאַם פּײַנמאַן און אַפֿילו צו זײַנאַס מוטער, צו ליזאַן, און אױך צו אַנדערע פֿרױען, האָט בערמאַן זיך פֿונדאַסנײַ אײַנגעקוקט אױף דעם קלײנעם אײַנגעשרומפּענעם מענטשל מיט די עטװאָס־אױפֿגעשפּיצטע גרױע אױגן, אױף זײַנע גרױסע, הױך־אױפֿגעשטעלטע, װי אױפֿגעבלאָזענע, פֿאַרגרױטע ברױן־געלע האָר, װאָס קרױזן זיך, כּמעט דראָטלענדיק יעדער האָר באַזונדער, און װאַקסן אַלע אינײנעם מיטן פּנים װי אַ מין װילד־פּלאַנץ, װי אַ ים־פּלאַנץ אַזאַ. דאָס געלע פֿאַרברױנטע פֿאַרמעטענע פּנים זעט־אױס קלײן און די נאָז — אַזױ קאָמיש־גרױס, — האָט בערמאַן אַ טראַכט געטאָן, און אים האָט זיך גענומען דאַכטן, אַז דאָס איז ניט קײן מענטש, נאָר אַ חיה אַזאַ, אַ מין װילדע קאַץ אַזאַ, און אַז די מאָדנע קאַץ האָט נאָך מן־הסתּם ערגעץ אַזאַ לאַנגן עק, אַ באַהאַלטענעם, און אַז װען מען זאָל נאָר קאָנען באַפּן אַט־דעם עק אירן און אױף אים װי געהעריק אָנטרעטן, װאָלט אָט־די באַשעפֿעניש געװױס גלײַך גענומען מיאַוקען, קװיטשען װי אַ קאַץ...

אין בערמאַנען האָט זיך אַזױ װי געקילט זײַן האַרץ פֿון אַט־דעם געדאַנק, און ער האָט נאָכדעם גענומען קוקן אױף די אַלע אַנדערע אין הױז, איבערהױפּט אױף די דעקאָלטירטע װײַבער, װאָס האָבן, לױט בערמאַנען,

אָנגעפילט די לופט מיט פֿראַלנדיק לייב, און אויך אין זיי האָט ער דערזען חיות, ווייסע, פֿליישיקע חיות. און אויך זיי האָבן עקן. מען דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי אַף זיי אָנצוטרעטן, וועלן זיי אַלע אויפקוויטשען אַזוי, אַז די ציין וועלן אייליק ווערן.

—דער רעדאַקטאָר און זיין ווייב קוויטשען שוין, ווי עס ווייזט אויס — האָט בערמאַן א טראַכט געטאָן — אָט־דער גאַבריעל טאַקע האָט זיי, ווייזט אויס, גוט אָנגעטראָטן אַפן עק.

און אָט איז גערטרוד אַריינגעקומען. ווידער גערטרוד! אַלץ איז אויס! אַ מצוה אַף מיר — טראַכט בערמאַן וועגן זיך אַליין און טראַכט: אַן איינפֿאַל פֿון אַזאַ בער ווי איך. זיך וועלן אָנבינדן אַין אַזאַ פֿלינק חיהלע מיט אַזוינע בייזע לאַפּקעס. אָט־די קאַץ מיטן לאַנגן עק — טראַכט בערמאַן וועגן גאַבריעלן — דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש! עלעגאַנץ, שיק! און ווי שיין זי איז דאָס היינט! ווי אַפּצולאָכעס. סאַראַ ווייס־קייט, סאַראַ רונדקייט פֿון אַקסלען, און איבער אַלץ אָט־די אויגן אירע, אָט־די גרויסע, שטילע אויגן מיט די ברייטע און פֿולע אויגן־דעקלאַך, וואָס רונדן זיך מיט אַ פֿולן פֿאַרחלומטן בויג איבער זיי.

בערמאַן דערהערט ממש ווי עס שרייט אין אים:

„ג ע ר ט ר ו ד, ג ע ר ט ר ו ד !"

עפּעס רופֿט אין אים און שרייט אַזוי מאָדנע הויך אויס איר נאָמען.

דאָס בלוט איז פֿאַרשיכורט און שרייט; אַ נס נאָך, וואָס דאָס מויל איז פֿאַרעקשנט און שטיל.

גערטרוד איז צו אים צוגעקומען, ווי זי וואָלט דערהערט זיין רופֿן. זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים, לייכט אָנגערירט מיט איר אַקסל זיינעם און שטיל און פֿאַרטרוילאַך מיט האַלב־אַראָפּגעלאָזטע ברעמען געפֿרעגט:

— פֿאַרוואָס ביסטו אַזוי נערוועז? פֿאַרוואָס האַלטסטו אַזוי אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ? קוקסט אויס ווי אַ גזלן. איך האָף, אַז דו קלייבסט זיך דאָ ניט אימיצן דערהרגענען. שאַר אַראָפּ אַביסל די האָר פֿון דיין אָט־דעם עק אירן און אַף אים ווי געהעריק אָנטרעטן, וואָלט אָט־די באַשעפֿעניש געוויס גלייך גענומען מיאוקען, קוויטשען ווי אַ קאַץ...

און בערמאַן האָט זיך אַזוי ווי געקילט זיין האַרץ פֿון אָט־דעם געדאַנק, און האָט נאָכדעם גענומען קוקן אַף די אַלע אַנדערע אין הויז. איבערהויפּט אַף די דעקאָלטירטע ווייבער, וואָס האָבן לויט בערמאַנען שטערן. דו ביסט דאָך ניט צווישן חיות... — און דערביי האָבן אירע

לאנגע, ווייסע פינגער מיט זייער דינער, כמעט לופטיקער הויט, שטיל און ווייך אנגערירט זיין האנט.

בערמאן האט, ניט אויפהויבנדיק דעם קאפ, א שאר געטאן די האר פון זיין שטערן און דערביי א שמייכל געטאן ווי א קינד.

— דיר איז דא שווער צו זיין? — האט זי פארטרויט און מיט־פילנדיק אינדערשטיל געפרעגט, אלץ ניט־אויפהויבנדיק אירע האלב־אראפגעלאזטע, פולע ברעמען און ווי ניט קוקנדיק אף אים. זי האט גע־וואלט פארריכטן, וואס זי האט פריער קאליע געמאכט. זי האט געוואלט ניט־געדיינקען דאס, וואס איז נאר־וואס פארגעקומען צווישן זיי.

— יא — האט ער גענטפערט אינדערשטיל.

— ווילסט אוועקגיין פון דאנען?

— יא.

— ביסט אף מיר ברוגז?

בערמאן האט ניט גענטפערט.

— זיי מיר מוחל, בערמאן. — האט זי געזאגט און ציטערנדיק אנגערירט איר ארעם אן זיינעם — זיי מיר מוחל, זיי מיר מוחל.

ער האט אלץ געהאלטן אראפגעלאזן זיין קאפ און געשוויגן.

— בערמאן, איך האב דיך ליב. איך האב דאס דיר געזאגט, ווייל איך האב דיך ליב. פארגיב מיר.

בערמאן שווייגט.

— איך וואלט מיט דיר גלייך אוועקגעגאנגען פון דאנען, נאר איך האב זיי צוגעזאגט צו שפילן פאר זייער קלוב.

— וואס פאר א קלוב? — פרעגט בערמאן.

— די ווייבער האבן צווישן זיך אזא „זאקן־קלוב". די מענער דארפן פון דעם ניט וויסן. איך וועל דאס דיר שפעטער דערציילן.

— סודות אזוינע...

— ווען דו פארשארסט די האר פון דיין שטערן, זעסטו אויס ווי א הייליקער, אט ווי דער מאנאך, וועגן וועלכן דו האסט אמאל זינאן דערציילט. האסט אזא שיינעם אויסגעהאמערטן שטערן.

— עס וואלט שוין גארניט געשאדט, ווען אזא זאל זיך מיטאמאל בא־ווייזן צווישן אט־דעם געזינדל.

— בערמאן, בערמאן, האב מיך ליב, ווי איך האב דיך. האב מיך ליב. זיי ניט אין כעס אף מיר. איך בין א שלעכטע, איך ווייס. אבער

פאַרוואָס ביסטו אַהער געקומען מיט איר? פאַרוואָס?

— זי איז אַליין אַהער געגאַנגען. איך האָב זי באַגעגענט, מיר האָבן זיך געטראָפן גייענדיק אַהער.

— פאַרוואָס אָבער קוקט זי אַף דיר דעם גאַנצן אָוונט?

— איך ווייס ניט.

— און דו קוקסט אַף איר אויך.

— איך ווייס ניט.

— און ליזאַ קוקט אַזוי דעם גאַנצן אָוונט אַף מיר. פאַרוואָס קוקט זי אַזוי אַף מיר און אַף דיר? איר זינאַ האָט דאָך דאָ איך געבריעלן.

— יעדן מענטשן ווילט זיך מן־הסתם ערגעץ, באַטש אַביסעלע, זיין אַ באַרוועסער מאַנאַך אַפן שניי.

— בערמאַן, ריר־אָן מיט דיינע פינגער מיין האַנט.

— ביי מיר ליגט אַ שטיין אין האַרצן.

— דו האָסט דאָך נאָך דעם גאַנצן אָוונט ניט אַרויפגעלייגט דיין האַנט אַף מיינער, ריר מיך אָן מיט דיין האַנט, וועט דער שטיין צעגיין. דו האָסט דאָך דאָס מיר אַסאַך מאָל געזאָגט.

בערמאַן האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אַף אירע לאַנגע, ווייסע פינגער, דערפילט זייער ווייכע ווארעמקייט און די אויסערגעוויינטלאַך־דינע דינקייט פון איר הויט און דערפילט, ווי עפּעס אין האַרצן נעמט זיך ווארימען און צעגיין.

— האָסט מיך ליב, בערמאַן?

— האָסט מיך באַליידיקט. האָסט מיך שווער באַליידיקט. ווי אַ שאַרפע האַק האָט זיך אָט־די באַליידיקונג מיר אַריינגעשניטן טיף אין האַרצן.

— האָב מיך ליב, האָב מיך ליב, ווען ניט שטאַרב איך, ווען ניט וועל איך זיך דערוואַרגן. איך קוש דיך, איך קוש דיך — האָט זי געזאָגט אַלץ ניט־אויפהויבנדיק די אויגן און ניט־באַוועגנדיק איר קאָפּ, נאָר ציטערנדיק־אָנרירנדיק איר אַקסל אָן זיין אַקסל און איר קני אָן זיין קני און לאַזנדיק ווארימער ליגן איר האַנט אין זיין האַנט. עס האָט געהייסן: איר אַקסל קושט זיין אַקסל, איר קני — זיין קני, איר האַנט — זיין האַנט. עפּעס ווי מיט אַ קילקייט, ווי מיט אַזאַ בלאַסן ליכט, האָט די ווארימקייט פון אירע פינגער אין זיין האַנט מיטאַמאָל גענומען שטראָמיק שטראַלן אין בערמאַנען. בערמאַנען איז פון דעם געוואָרן ליכטיקער אין

קאפ. ער האט פאר זיך מיטאמאל אויפגעהויבן צוויי אויגן אנגעפילט מיט ליכט און דערזען, אז דאס גאנצע הויז האט גאר אנאנדער פנים.

זינא זיצט שוין ניט ווי פריער, פול־לייביק און ניט באוועגלאך, נאר לויפט ארום א גרינגע ווי א פויגל און רירעוודיק, בארעדעוודיק, ווי אלעמאל. אט פלוידערט זי צו בארין, פלירטעוועט אפילו. וואס האט זיך מיר דא געדאכט? ! ווי לייכט איך בין דאס אף אויסצוטראכטן זאכן?...

דאס איז דאך איינפאך א נייגונג צו לשון־הרע. זי האט מן־הסתם ניט געפילט גוט פאר א ווײלע, ווי עס טרעפט זיך מיט א פרוי...

און אט ער, גאבריעל, זיצט זיך געמיטלאך אף א ביינקל צווישן דער מאדאם פרענקל און דער מאדאם פיינמאן און האלט מיט זיינע ביידע הענט זייערע ביידנס אויפגעשטעלטע הענט און טרעפט זייערע מזלות. זיי האבן זיך, ווייזט אויס, אפגערוקט פון טיש און זיך אומיסטן אזוי אוועקגעזעצט אינמיטן זאל, כדי בעסער קאנען נאכקוקן די פארליב־טע... פרענקל איז זיך געזעסן און גערעדט מיט בעסין. זי רעד־ט צו אים און ער הערט, גלייך ווי קיין זאך וואלט ניט פאסירט. פריער, ווען די טאכ־טער האט געפילט ניט גוט, זיינען טאטע־מאמע געווען נערוועז, איצט

בעסי האט גערעדט צו פרענקלען וועגן מינדלינען, וועלכער וויל פון איר איצט מער ניט הערן און וויסן. פאראן א סברא, אז ער האט אפיציעל, אדער גייט אפיציעל חתונה האבן מיט זיינער א קליענטן.

— וואס קאן מען דא טאן? — האט פרענקל זיך אזוי ווי פאר־ענטפערט — ער לאזט זיך גארניט רעדן, און ער האט דיך, זאגט ער, פריער אנצווויידייטיק געווארנט, אז אויב דו וועסט נאכאמאל אוועק־גיין, איז דאס דאס לעצטע מאל, און אזוי, זאגט ער, איז דאס. ס'וועט קיין זאך ניט העלפן.

— ע, כאפט אים דער גוטער יאר, — האט זיך בעסי אנגערופן — אניט ארט דאס מיך. נאר אט־דאס איז עס דער רעוואלוציאנער, דער פרייהייט־ליבנדיקער מענטש, דער אנארכיסט? ! א בזיון, מער ניט. דאס הייסט בלויז געשווינדלט א וועלט, בלויז צו אנדערע גערעדט וועגן פרייהייט און וויבאלד נאר עס קומט צו זיך נעמט מען זיך גאר א פאר־ציענטקע און מען גייט און מען האט מיט איר חתונה „אפיציעל". אים זוילט זיך קינדער, דער באביצע. איך ווייס, א, ברענט ער אפן פייער! — האט זי אויסגעשריען — איך וועל מיר לעבן מיין וועלט, אט ווי נאכ־

ריעל, ווי גרויסע, פרייע מענטשן לעבן.

פרענקל האָט זיך געפילט שטאַרק געטראָפן פון אירע רייד און גע־זאָגט:

— גאַבריעל, ווער קאָן זיך גלייכן צו גאַבריעלן. ניט אַלע מענטשן האָבן אַזאַ שטאַרקן ווילן, אַזאַ קראַפט. ער איז פענאָמענאַל.

— אַז מען וויל האָט מען כּוח! — האָט בעסי געזאָגט ווי אַפּטרייסלענ־דיק פון זיך אַלץ און זי איז נאָכדעם ווייבעריש פאַרעקשנט אויפגע־שפּרונגען קאַפּריזנע, לייכט און שטיפעריש.

פרענקל האָט נאָכדעם אויפגעהויבן זיינע אויגן און דערזען בער־מאַנען און גערטרודן אַזוי גליקלאַך פאַרליבט און איבערגעגעבן, ווי צוויי וואָרקענדיקע טויבן, וועמען עס אַרט גאָרניט צי מען זעט זיי, צי מען הערט זיי; קיינער, ווייזט אויס, עקזיסטירט גאָרניט פאַר זיי. ער האָט זיך דערביי אומגעקוקט אַף זיין טאָכטער, וואָס איז אַפּנים מיט אַן אמת גע־וואָרן לעבעדיק און אפשר, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, איז דאָס בלויז אַן אָנשטעל אַזאַ פון איר זייט. זי אונטערהאַלט זיך דאָרט זייער גוט מיט דער מיס פעלדמאַן און מיט אַנדערע פון די געסט. זיין טאָכטער האָט גע־לייענט ערנסטע ביכער. זיי אונטערהאַלטן זיך בײדע זייער גוט. באַרי בראַווערמאַן און נאָך אַ פּאָר זיינע אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ שמועס. און דאָרט זיצט גאַבריעל מיט זיין ווייב און מיט די פיינמאַנס און שפּילן זיך אין טרעפעלאַך און אַלץ איז, דאַכט זיך, גוט, גוט און וואויל. נאָר פרענקל דערפילט פונדעסטוועגן מיטאַמאָל אין זיך אַ טיפן, שווערן ווייטיק אין האַרצן, אַ ווייטיק פון אַ גרויסן חלום, אַ צעשטערטן, אַ ווײ־טיק פון אַן אייפּערזיכטיקן טאַטן.

בעסי האָט דאָס באַמערקט נאָך איידער זי איז אַפּגעגאַנגען פון פרענקלען און האָט זיך צו אים אַפּלאַכנדיק אָנגערופן:

— אַט האָט איר אייך אַן אידיליע אַן אמתע, אַן עכט־קליינבירגערלאַכע, ווי גאָט האָט געבאָטן. — און אַזוי אַ קוק טוענדיק אַף פרענק־לען האָט זי מיט דעם אייגענעם געלעכטער צוגעגעבן:

— איך וואָלט שווערן, אַז אייך געפעלט דאָס אויך... כאַ־כאַ. איר טראָגט נעבאַך די פרייהייט, ווי אַ שווערן צלם אַף די אַקסלען.

— מיר זיינען שוואַכע מענטשן, בעסי! — האָט פרענקל צוגע־געבן — אין אונזער פרייהייט־גאָרטן, וואָס מיר האָבן אַזוי שווער גע־

פּלאַנצט, נעמען װאַקסן אַלערלײ בלומען, װאָס נאַרן און בלענדן דאָס אױג... װער קאָן זיך גלײַכן צו דיר מיט גאַבריעלן? איר זענט אַנדערע מענטשן, פון אַנאַנדער טײג געקנאָטן.

בעסי האָט שטײענדיק לעבן אים אַרױפגעלײגט איר האַנט מיט די קלײנע, װײכע פינגער אױף זײַנע האָר, אים אַ גלעט געטאָן דעם קאָפּ און מיט אַן אָפענעם סאַרקאַזם געזאָגט:

— אַרימינקער!...

און זי האָט װײַטער געזאָגט:

— װאָלסט אפשר געדאַרפט איבערגעבן די רעדאַקציע פון דער צײַ־טונג אימיצן אַנדערש, אױב דו פילסט זיך אַזױ שװאַך.

דער גלעט פון אַ פרױען־האַנט איבער דעם קאָפּ פון אַ מאַן, װעמעס האַרץ איז ביטער, נעמט־דורך דאָס לײַב, װי דאָס גוטע צערט־לען פון אַ לײַכטן װינטל. עס דערװעקט זיך פאַר דער מינוט אַ געפיל פון געטרײַשאַפט און אָפּנהאַרציקײט.

— איך װאָלט דאָס געטאָן, װען איך װאָלט נאָר געהאַט װעמען — האָט פרעקל געזאָגט און צעגעגעבן:

— סײַדן אפשר בערמאַנען.

—װעמען? ! אָט־דעם װילדן, אָט־דעם אָפּגעריסענעם נאַר! ? — האָט זי אױסגעשריען מיט ביטערקײט פאַר זײַן פאַרהאַסטער קלײנ־בירגערלאַכער טױבן־ליבע און נאָך אױך מיט יענעם לאַנגאָניקן כעס, װאָס זי טראָגט אױף אים פון יאָרן, פאַר דעם גרױסן באַנקעט, װאָס ער האָט איר קאַליע געמאַכט.

— אפשר װעט זיך בראַװערמאַן אױסאַרבעטן... — האָט פרענקל צוגעגעבן.

— נו, ער איז שױן עפּעס אַנדערש — האָט זי צושטימענדיק געזאָגט.

און אָט װי אַלע האָבן גערעדט און פאַרבראַכט אַזױ האָט זיך דער־הערט אַ קלינגען פון טיר־גלעקל. דאָס איז געװען אַן אָנזאָג, אַז נײַע געסט קומען־אָן און נײַע געסט זײַנען טאַקע געקומען — און די נײַע געסט זײַנען געװען — — די בערנשטײנס און די קאַלמאַנאָװיטשעס. זײ זײַנען אַרײַן געזונטע, צופרידענע, מיטברײַנגענדיק אױף זײערע רעק און אױף זײערע פּנימער פרישע װינטער־לופט און הילכיקן טומל פון באַגריסונגען און קושעניש.

קאַפּיטל פערציק

ווען די מיס פעלדמאַן און בערמאַן האָבן אַף דעם אָוונט אין פרענקלס הויז דערזען אָט־דעם מר. בערנשטיין מיט זיין גרויסער פעטער ווייב צווישן די געסט, האָבן זיי זיך ביידע אַף אַ ווײַלע אָנגעקוקט. ווי צוויי ווילדע שונאים און אויך ווי צוויי באַליידיקטע פריינט:

— וואָס איז ד אָ ס?

— וואָס מיינט דאָס?

די מיס פעלדמאַן האָט זיך אַ הויב געטאָן אַף די פיס. אויך בערמאַן האָט זיך אויפגעהויבן און זיי זיינען אַזוי אַף אַ ווײַל ביידע געשטאַנען אויפגעשפּרונגענע, געקוקט אַזוי איינס אַפן אַנדערן ווי באַליידיקטע און ווי בשותפות־אָפּגעשמיסענע...

זייער באַלעבאָס פון שאָפּ, ביי וועמען זיי האָבן אָט־ערשט אַזוי שרעקלאַך און אַזוי ברוטאַל פאַרלוירן דעם סטרייק, אָט־דער בערנשטיין, וועלכער האָט קעגן זיי באַנוצט סטרייק־ברעכער און גענגסטערס — דאָ, ביי זייער ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ן רעדאַקטאָר אין הויז!? און ווי מ'נעמט אים נאָך אויף!? ווי מען קושט זיך מיט אים!

בערמאַן און די מיס פעלדמאַן זיינען זיך אַזוי שטייענדיקע צונויפגעקומען פון צוויי פאַרשידענע זייטן.

— נו, וואָס זאָגט איר דערויף? !...

— דאָס איז אומדערהערט! איך בלייב דאָ ניט קיין איין מינוט לייננער — האָט די מיס פעלדמאַן אַן אויפגערעגטע געזאָגט.

— טאָמער האָט נאָך דאָס געפעלט! — האָט בערמאַן ארויסגערעדט פאַר זיך.

— אַזאַ סקאַנדאַל! איצט פאַרשטיי איך שוין, — האָט די מיס פעלדמאַן זיך אָפּגערופן. — איצט פאַרשטיי איך שוין אַסאַך זאַכן... איך גיי, איר ווילט דאָ בלייבן — בלייבט. און זי האָט זיך גענומען גיין.

פרענקל איז צוגעקומען:

— וואָס איז דאָס? וואָס, אינמיטן דערינען?!

— גאָרניט, איך מוז גיין. איך קאָן דאָ ניט בלייבן — האָט די מיס פעלדמאַן געענטפערט בייז.

— וואָס איז געשען? וואָס האָט געטראָפן? — האָט פרענקל גענומען פרעגן, צעשראָקן קוקנדיק דאָ אַף מיס פעלדמאַן און דאָ אַף בערמאַנען.

— דאָס איז דאָך דער מר. בערנשטיין פון דער „מאָדעל פעשאָן העט קאָמפּאַני", וואו מיר האָבן אַזוי ביטער אָפּגעשניטן.

— וואָס ר ע ד ט איר?... — האָט פרענקל אויסגעשריען.

— אָט דאָס, וואָס איר הערט — ענטפערט בערמאַן.

פרענקל איז געבליבן שטיין מיט אַרויסגעפּרעסטע אויגן. די גרויע האָר פון זיין קאָפּ און פון זיין לייגגלאַך בערדל האָבן גענומען פרירן אַרום זיין פּנים.

— אָבער, קינדער, וואָס הייסט?... וואָס טראַכט איר? איר... באַטראַכט זיך. איר זענט דאָך ביי מיר געסט. — האָט זיך פרענקל גע־נומען בעטן — אים האָב איך, איר פאַרשטייט... איר פאַרשטייט... בערמאַן, זיי זיינען דווקא אַליין געקומען. זיי ווייסן, אַז עס איז מיין קינדס געבורטסטאָג, זיינען זיי אַליין געקומען. ס'איז אַזוי, ווי אַ משפּחה־זאַך... איר זענט אוודאי גערעכט. איך פאַרשטיי... אָבער איך בעט אייך...

די מיס פעלדמאַן האָט אָבער דעמאָנסטראַטיוו געזאָגט „אַ גוטע נאַכט" און איז אַרויס אין קאָרידאָר אויפצוזוכן איר ראָק.

פרענקל האָט דערפילט ווי אַנצוכאַפּן זיך מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ, געקוקט אַף בערמאַנען און מער מיט די אויגן ווי מיטן מויל אַרויסגערעדט:

— בערמאַן, ב ע ר מ א ן!

ביי בערמאַנען האָט פון דעם זיך אַזש דאָס אינגעווייט איז אים אַ קער געטאָן.

זינא און ליזא זיינען דאָרט לעבן דעם קליידער־הייגגער אין דעם לאַנגן קאָרידאָר צוגעקומען צו דער מיס פעלדמאַן. ס'איז דאָרט געוואָרן אַ שטיקל צעשראָקענער, שושקענדיקער טומל.

בערמאַן האָט שטיל איבערגעלאָזט פרענקלען און איז אוועק אין אַ צווייטן ליידיקן צימער און זיך דאָרט גענומען נערוועז אַרומשפּאַנען הין און צוריק, פּילנדיק, טראַכטנדיק:

— אָט־דאָס איז דאָס די גרויסע ירושה פון דער געבענטשטער „אָפּגעריסענע בלעטער"־עפּאָכע, וואָס מיר דאַרפן טראָגן ווייטער. מען האָט געדאַרפט אַרויסגיין און מאַכן אַן עפנטלאַכן סקאַנדאַל, אָדער גאָר איצט אַרויסגיין און כאַפּן אָט־דעם בערנשטיינען און אים פּשוט מיט די קני אַרויסשטופּן פון הויז. דאָס הויז איז ניט פרענקלס, עס איז קיינעמס ניט. עס איז אונזערס!...

גערטרוד איז אים אַ בלאַסע נאָכגעגאַנגען, איז מיט איר בלאַס־קייט אַריינגעגאַנגען אין צימער, איז געבליבן שטיין אַ ווייל ביי דער טיר. דערזען, אַז ער קוקט זיך אפילו ניט אום אַף איר, נאָר גייט אַזוי אום הין און צוריק, ווי אַ פאַרווירטער, האָט זי געמאַכט נאָך אַ פּאָר טריט צו אים. ער האָט איר אָבער אַזוי ווי אָפּגעטראָטן דעם וועג און איז ווייטער געגאַנגען.

אַ מאָדנע אומרו איז גערטרודן באַפאַלן. זי איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע און האָט זיך נאָכדעם, ווי אין אַ טראַנס, צוריקגעצויגן אַף הינטערווײַלאַכס און זיך אָנגעשלאָגן און נאָכדעם זיך אַרונטערגעלאָזן אַף דער ווייס־פאַרצויגענער בעט, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנט. בערמאַן האָט זי כמעט ניט געזען, נאָר געפילט איר קאַלט און בלאַס ליכט, וואָס איז אַריינגעקומען אין צימער אינײנעם מיט איר. קאַלט און בלאַס, ווי דאָס קאַלטע, ווייסע צפון־ליכט, און זיך אוועקגעשטעלט צי אוועקגעזעצט ביי דער וואַנט. ער איז געווען אינגאַנצן פאַרנומען מיט דער אויפרודערונג אין אים און פון איר אַריינקומען בלויז מיט בייז־קייט אַ טראַכט געטאָן:

— און איך, ווייזט אויס, קלייב זיך צו גיין אין די אייגענע טריט, ווערן איינער פון דער משפּחה.

די מיס פעלדמאַן איז אויפפּאָדערנדיק אַרויף אַף דער שוועל פון צימער שוין אַן אָנגעטאָנענע אין אירע אויבערשטע קליידער און געפרעגט:

— איר קומט?!

און דערזענדיק גערטרודן אין צימער האָט זי גיפטיק אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— אָ, איר בלייבט דאָך דאָ. אַ גוטע נאַכט.

בערמאַן האָט זיך אויסגעדרייט און איז געבליבן שטיין אינמיטן צימער, דערזען די מיס פעלדמאַן, דערזען איר לעצטן, שאַרפן בליק אין די אויגן, איר לעצטן שמייכל, דערזען ווי שאַרף זי דרייט זיך אויס און גייט אַוועק.. ער איז נאָכדעם פאַר אַ צייט אַלץ אַזוי געשטאַנען און געקוקט, אַליין ניט ווויסנדיק ווי לאַנג. גערטרוד האָט זיך אויפגעהויבן און געגומען גיין צו אים, ווי טראָגנדיק דאָס קאַלטע צפון־ליכט צו אים. ער ועט ממש דאָס אויפגיין פון קאַלטע, ווייסע שטראַלן אַרום איר. אָט שטייט זי פאַר אים, האַרט לעבן אים, דאָס קאַלטע נאָרד־ליכט מיט הייסע, פליישיקע ליפּן. ער נעמט זי אַרום און עסט זיך אָף לאַנג איין אין אָט־די פולע ליפּן אירע, דערפילט פון דעם אַ וואַרימע זיסקייט אָף זיינע ציין. עפּעס טוט וויי. עפּעס ברענט אַזוי ווייטיקדיק און עפּעס וואַרעמט זיך. עפּעס צינדט און עקבערט שאַרף און צעלייגט זיך ווי אַ כּעס אין אים.

ער לאָזט זי אָפּ. זיי בלייבן אַזוי אַ ווײַלע שטיין איינער פאַרן צווייטן, קוקן זיך אָן. זי דערזעט אים פאַר זיך מיטאַמאָל שטיין אַ שולדיקן, ווי אַ פאַרצווייפלטן, און זי דערפילט זיך פון דעם מיטאַמאָל שרעקלאַך באַליידיקט, און פרעגט מיט בייזן פאַרוואורף:

— פאַרוואָס האָסטו מיך געקושט, אַז דו האָסט מיך ניט ליב?

— !?

און זי ברעכט ווידער אויס:

— דו ביסט אַ פאַלשער, אַ נידעריקער מענטש. דו רעדסט פון אמת אַזוי ווי זיי אַלע און ווייסט ניט וואָס אמת איז. דו ווערסט נאָך באַליידיקט, ווען מען זאָגט דיר עפּעס.

— !?

און זי וואַרפט אַלץ אין פּנים אַריין באַשולדיקונגען:

— ווי אַזוי האָסטו געוואַגט מיך אַרומצונעמען, מיך קושן? דו ווייסט, ווייזט אויס, ניט פון קיין שאַנד. דו באַליידיגסט זיך נאָך, ווען מען רופט דיך אָן גראָבער פּויער.

בערמאַן האָט גענומען אָפּטרעטן אָף צוריקוועגס.

— גיי, גיי! — האָט זי אים גענומען נאָכשרייען, ווי טרייבנדיק אים פון זיך מיט שטייגנדיקן כּעס.

ער איז אַרויס פון צימער, געבליבן שטיין אין דעם האַלב־טונקעלן קאָרידאָר. פון איין זייט פון אים איז געווען די טונקעלע אַרויסגאַנג־טיר. פון דער אַנדערער זייט — דאָס באַלויכטענע צימער מיט די געסט. ער האָט זיך אַזוי אַ וויג געטאָן אינדערלופט, זיך נאָכדעם אַנטשלאָסן אַ באַוועג געטאָן און איז פאַרעקשנט אַריין אין דעם זאַל צו די געסט.

מען האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר די קאַלמאַנאָוויטשעס און... פאַר די בערנשטיינס.

בערנשטיין האָט אים פריינטלאַך געגעבן די האַנט, ווי ער וואָלט זיך טאַקע נאָר־וואָס באַקאַנט מיט אים און גענומען דווקא ווי זוכן אַ געלעגנהייט צו פאַרברייננגען מיט בערמאַנען. זיין גוט־געפּאַשעט ראָז־ליביק ווייב, וואָס פלעגט אין די פריערדיקע יאָרן, אין די גוטע יאָרן פון די „אָפּגעריסענע בלעטער", אָפּט וויינען און אפילו ווערן היסטעריש פון דעם געדאַנק, אַז איר מאַן האַלט אין ווערן אַ בורזשוי, קלייבט זיך קויפן אַ קאַרעטע, וועט נאָך ‎חלילה ברייננגען צו דעם, אַז זי, די סאָציאַליסטקע, וועט נאָך אפשר מוזן פאָרן אין אַן עקיפּאַזש און צוזען מיט די אייגענע אויגן, ווי די אמתע מענטשן, די שווער־פאַרהאָרעוועטע אַרבעטער, גייען צופוס. זי, בעלאַ בערנשטיין, די סאָציאַליסטקע, וואָס פלעגט זיך אין יענע יאָרן בעטן ביי פרענקלען, אַז ער זאָל זיי ראַטעווען און ־ערביי טאַקע אויך וויינען מיט ביטערע טרערן — אָט־די בעלאַ האָט זיך איצט מיט איר גרויסן און ווייכן לייב אויך צוגעזעצט צו בערמאַנען. זי האָט שוין דערפאַרן, אַז בערמאַן איז דאָס איינער פון די סטרייקערס, און זי האָט מיט גאָר גרויסער פריינטלאַכקייט גענומען רעדן צו אים:

— עס פרייט מיך זייער זיך צו באַקאָנען מיט אַ יונגן, איבערגעגעבענעם סאָציאַליסט — און זי האָט אָפּגעזיפצט:

— איר מעגט מיר גלויבן, אַז מיר האָבן פון דעם סטרייק געהאַט גענוג צרות. אוי האָבן מיר פון דעם געליטן! איך האָב ניט איין מאָל געוויינט פון דעם. איך שטעל מיר פאָר, ווי דעם דייטשישן סאָציאַליסט, זינגערס, פרוי פילט, אויב זי איז אויך אַ סאָציאַליסטקע... מען דאַרף אוודאי צוגעוואוינט ווערן, אוודאי האָבן אַ ברייטערן בליק אַף זאַכן... איר ווייסט דאָך, נו, און אַז מיר זאָלן ניט האַלטן די פאַבריק, וואָלט זי

אַנאַנדערער געהאַלטן. דאָס וועט דאָך דעם סאָציאַליזם ניט ברענגען, סאָציאַליזם דאַרף מען שטיצן...

בערנשטיין און מיט אים אויך זיין בעלאַ האָבן שטאַרק דערפילט די אומרו, וואָס זיי האָבן מיט זיך אַריינגעבראַכט אין הויז אַריין און האָבן דאָס אַף זייער אופן געוואָלט צורעכט מאַכן. בערנשטיין האָט גענומען שמייכלען פון דער ווייבס רייד און האָט גרויסמוטיק שמייכלענדיק אַרויפגעלייגט זיין האַנט אַף בערמאַנס אַקסל, אַט ווי גאָר אַף אַן אייגענעם מענטשן און האָט דערביי געזאָגט:

— איר געפעלט מיר זייער, מיסטער בערמאַן. איר דערמאָנט מיך שטאַרק אָן מיך אַליין. איך בין אַליין אויך געווען אַזוי ווי איר, ווען איך בין אַהער געקומען. יאָ, יאָ, מיר, די „אָפּגעריסענע בלעטער", האָבן געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. פרעגט פרענקלען. איך בין אויך געווען אַזאַ היציקער ווי איר, געקעמפט, אָן נאָך ווי! נאָר צייטן בייטן זיך — אַזוי שטענדן. איר זענט נאָך אַ יונגער מענטש, אַן ענערגישער. וואַרט, איר'ט זען — און מיט אַ שעמעוודיקייט, וואָס האָט פּלוצלונג אויפגעגלאַנצט אין בערנשטיינס אויגן האָט ער אַזוי ווי באַרימעריש צוגעגעבן:

— איר'ט נאָך ווערן אַ רייכער מענטש אין אַמעריקע. איר זענט אַ מענטש פול מיט אַנטשלאָסנקייט, עקשנות. איר זענט אַ גוטער עקזעמפּלאַר. דאָס לאַנד דאָ גיט זייער גרויסע מעגלאַכקייטן פאַר אַזוינע ווי איר.

בערמאַן איז זיך דערביי געזעסן צווישן בערנשטיינען און זיין פרוי, ווי צווישן צוויי שפּיזן, וואָס האָבן זיך אַריינגעשניטן אין זיין לייב. זיינע אויגן האָבן נערוועז און פאַרגלאָזט געקוקט פאַר זיך און עפּעס אַזוי ווי גאַרניט געזען. ער האָט, דאַכט זיך, געוואָלט נאָר ניט געקאָנט קיין שמייכל טאָן פון בערנשטיינס פאַרזיכערונג, אַז ער וועט נאָך ווערן אַ רייכער מאַן. ער האָט געוואָלט און אויך ניט געקאָנט שמייכלען פון דעם, וואָס די פּעטע מיסעס בערנשטיין האָט זיך פאַררופן אַף דעם ווייב, וואָס זינגער האָט ניט געהאַט. ער האָט געוואָלט און האָט, דאַכט זיך, ניט געקאָנט אויפגערעגט ווערן פון בערנשטיינס האַנט אַף זיין אַקסל. בערנשטיינס צוגלאַזנקייט און זיין אָנדייטונג, אַז בערמאַן דערמאָנט אים אַף אים, אַף בערנשטיינען אַליין, וואָס איז אַמאָל אויך אַזוי געווען, אַט־די באַמערקונג איז ווי אַ שפּיציקער שטיין אַריין אין בערמאַנען.

און בערמאַן האָט וועגן דעם עפּעס אַזוי מאָדנע שוואַרץ און אויסגעלאָשן אַ טראַכט געטאָן:

— אָט האָב איך שוין נאָך איינעם, וואָס זעט אין מיר אַ פאַרזעצונג פון זיין „גרויסן" איך. אויב אַ נייער דור איז באמת ווי אַ נייער עפּל־געוויקס אַף אַן אַלטן בוים, בין איך, הייסט דאָס, דער עפּל־בערמאַן וואָס איז אויסגעוואָקסן אַפן אָרט פון דעם פריערדיקן עפּל־בערנשטיין. נאָר דער בערנשטיין לעבט נאָך און איז גרייט מיר אַריינצושטעכן אַ מעסער אין האַרצן, מיר אַריינשפּייען אין פּנים אַריין, מיך שלאָגן מיט גערונגענע הענט, כאָטש איך בין, ווי ער זאָגט, פּונקט אַזוי ווי ער, אָדער אפשר טאַקע גראָד דערפאַר, וואָס ער מיינט, אַז איך בין פּונקט ווי ער. דערצו נאָך האָט ער זיך פאַרזאָרגט מיט אַ פעטער בערנשטייניכע, וואָס וואָלט מיר, מן־הסתם, אָפּגעביסן אַן אויער, ווען מען לאָזט זי. אויב ניט מיט די אייגענע ציין, איז כאָטש מיט גערונגענע. און מן־הסתם אויך דערפאַר, וואָס זי דערקענט אין מיר זיך אַליין... און גערטרוד איז דאָרט אַליין אין צימער... — און עס פאַלט אים איין:

— אָט, ווען עס קומט אים צו די הענט איצט אַ הויפן האַרטע עפּל, וואָלט ער זיי דאָ גענומען שליידערן ווי האַרטע שטיינער אַלעמען אין פּנים אַריין, — און ער דערפילט דערביי ממש די רונדקייט פון גלאַטע, האַרטע עפּל אין די הענט.

קאַפּיטל אײנאונפּעצריק

גערטרוד איז גלײַך נאָך בערמאַנס אַרױסגײן פֿון צימער אַ פֿאַל געטאָן אין בעטל מיטן קאָפּ אין קישן און געלעגן אַזױ פֿאַר אַ צײַט אַ באַלײדיקטע:

— און דאָס איז דאָס דער, װעגן װעלכן זי האָט אַזױפֿיל געחלומט; דאָס איז דאָס דער, װאָס שרײַט פֿאַר אַנדערע „װי אַ פֿױגל װעט זיך דער אמת פֿאַר אײַך אױפֿהױבן!” װאָסער אמת? װעלכער אמת איז דאָס, אַז אַ מאַן, װעמען מען האָט אַזױ שטאַרק ליב, זאָל מעגן האָבן נאָך אַ גע־ליבטע? ער איז אַזױ שלעכט, װי די מאַמע, װי גאַבריעל, װי זײ אַלע! אָבער פֿאַרװאָס איז ער ניט אַװעקגעגאַנגען מיט דער מיס פֿעלדמאַן? זי האָט אים דאָך גערופֿן! ער האָט זי ניט ליב. ער האָט מיך בעסער ליב. אָבער דאָס איז ניט גענוג, װאָרים, אױב ער האָט אימיצן אפֿילו פֿריער, אפֿילו װען־ניט־איז, אפֿילו נאָר אַביסל ליב געהאַט, װײַל זי פֿון אים ניט װײסן, ער איז שמוציק. זי װיל אַ רײנעם, אַ רײנעם — און זי טראַכט:

— זי האָט אים הײַנט שױן צװײ מאָל באַלײדיקט... אַזױ שאַרף באַלײדיקט. ער װעט איר דאָס ניט פֿאַרגעבן. איך בין אַזאַ שלעכטע, אַזאַ שלעכטע...

און זי האָט זיך צעװײנט, געלעגן מיטן פּנים אין קישן און גע־װײנט. און אָט — גערטרודס אױערן װערן אײַנגאַנצן געהער — אימיצער איז אַרײַן אין צימער, מאַכט שטיל צו די טיר הינטער זיך און גײט צו איר — ער, ער װעט געװיס באַלד פֿאַלן פֿאַר איר אױף די קני, איר דער־קלערן, אַז אַלץ, װאָס זי זאָגט װעגן אים, איז אַ ליגן, אַ ליגן.

דער אָטעם פֿאַרכאַפּט איר: — נײן, ער פֿאַלט ניט אױף די קני, ער זעצט זיך לעבן איר, ער רירט זי אָן. אָט איז זײַן האַנט אױף איר באַזײַ־דיקטן אַקסל, אױף דער פּלײצע, אױף דער ברוסט. זי גיט מיטאַמאָל אַן עפֿן־אױף די אױגן און דערזעט צו איר פֿינצטערן שרעק — זי איז ניט

אין בערמאַנס, זי איז אין גאַבריעלס אָרעמס !... זי וויל אַנהויבן שרייען. ער לייגט איר אַרויף זיין האַנט פעסט אַף איר צעוואָרימטן מויל:

— זיי ניט קיין דומקאָפּ ! זיי ניט קיין אייזל ! שש... — און ער נעמט קריכן אַף איר. זי האָט זיך גענומען שרעקלאַך וואָרפן, בייסן מיט די ציין. שרייען האָט זי שוין מורא געהאַט, אפילו ווען ער האָט צו־גענומען די האַנט פון מויל. נאָר אָט האָט איר האַנט אָנגעכאַפּט זיין קאַרק און אירע מאַניקירטע, שאַרףפּאַר־שפּיצטע נעגל האָבן זיך ווילד איינגעגעסן אין זיין האַלדז.

גאַבריעל האָט דערפילט אַ שאַרפן, אַ משוגענעם ווייטיק און בלוט אַפן האַלדז, איז ער גלייך אויפגעשפּרונגען, זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַלדז — בלוט ! אַף גיך אַרויסגעכאַפּט זיין טאַשנטיכל און דאָס גלייך צוגעלייגט צום האַלדז, ער זאָל זיך, חלילה, דעם ווייסן קאָלנער ניט איינשמירן, און צו איר גענומען רעדן מיט צערייצטן כעס:

— דו, דום־קאָפּ ! דו אייזל ! דו פאַרדאַמטעם קינד, דו נאַר ! איך, ל ע אָ נ אַ ר ד אָ מ. ג אַ ב ר י ע ל קום צו דיר און דו שטויסט מיך אַזוי אָפּ. דו ווייסט דאָך צומאָל ניט פון דער גרויסער ערע, וואָס איך האָב דיר געוואָלט אָנטאָן. פירשטינס זיינען דאָך ביי מיינע פיס געלעגן ! דו, אייזל, דו דומקאָפּ ! איצט, ווען דו פאַלסט פאַר מיר אפילו אַף דיינע קני. ! פוי אַף דיר, דו ניכטסווירדיקע, דו אייזל־קאָפּ ! — האָט ער אויסגעשריען, דערפילנדיק מיטאַמאָל אַ שאַרפערן שמאַרץ אין נאַקן און איז אַרויס.

בערמאַן האָט אַזוי זיצנדיק ווי אין געהאַקטע וואונדן צווישן די בערנשטיינס דערהערט אַן עפן פון אַ טיר און דערזען גאַבריעלן אַרויסגיין פון יענעם צימער, וואו ער האָט איבערגעלאָזן גערטרודן, האַלטנדיק אַ כאַשנטיכל ביים נאַקן. בערמאַן האָט ברייטער צעעפנט די אויגן און דער־זען, אַז אַפן אָרט פון אריינקומען אין זאָל האָט זיך גאָר גאַבריעל צופּגעקערט און איז אָוועק אין דער ריכטונג פון וואַש־צימער. בער־כאַן האָט דערפילט, ווי עפּעס וואָלט אים אַ כאַפּ געטאָן ביי די האָר פון קאָפּ און ער האָט זיך אומדערוואַרט אויפגעהויבן, געבליבן שטיין אַ וויילע און זיך צוריק אוועקגעזעצט.

דער מר. און די מיסעס בערנשטיין האָבן זיך איבערגעקוקט — אוי, סאַראַ נערוועזענער חברה־מאַן! — האָט בערנשטיין מיט אַ שמייכל אַ טראַכט געטאָן.

פרענקל און זינא, וואָס האָבן די גאַנצע צייט נאָכגעקוקט בערמאַנען, האָבן מיט שרעק דערזען זיין פּלוצלונגדיקן אויפשפּרינגען און האָבן זיך מיט די אויגן גלייך אַ ווענד געטאָן צו ליזאַן. ליזאַ האָט גלייך דערויף גענומען רופן דעם עולם צום געגרייטן טיש.

איידער דער עולם האָט זיך צייט געהאַט אַרומזעצן אַרום טיש, איז גערטרוד אַרויס פון איר צימער, דאָס קלייד איז אַף איר געווען צע־קנייטשט דאָ און דאָרט, גאָרניט לויט גערטרודס שטייגער. בערמאַן איז איר אַנטקעגן געקומען, פילנדיק, אַז ער טראָגט איר איצט אַ מאָדנעם קאָפּ אַנטקעגן. אָט ווי אַ צערייצטער אָקס, דאַכט זיך, טראָגט ער איצט זיין קאָפּ אַף די אַקסלען. ער האָט זיך מיט איר באַגעגנט ביי דער טיר פון עסצימער און זי אָנגעקוקט מיט שאַרפע, פאַרשנדיקע בליקן. זי האָט אַף אים מיט האַס אָנגעשטעלט אירע אויגן, ווי זי וואָלט געוועזן גרייט איצט אַריינפאַלן מיט אירע נעגל אויך אין זיין האַלדז און ווען זי האָט דערזען, ווי ער קוקט אַף איר, האָט זי שטיל, נאָר שניידנדיק־שאַרף צו אים געזאָגט: „איך האַס דיך, איך האַס דיך, איך האַס אייך אַלע", און איז אים פאַרבייגעגאַנגען.

נאָכדעם האָט מען געגעסן „סאַפּער", געטרונקען צו ביסלאַך משקה. די בערנשטיינס האָבן מיטגעבראַכט אַ פּאָר פלעשער שאַמפּאַניער. קאַל־מאַנאָוויטש האָט מיטגעבראַכט קאָניאַק און טאַקע „דריי־שטערנדיקן." ליזאַ האָט געזאָרגט פאַר דעם, אַז קיין מאַן זאָל ניט זיצן לעבן זיין אייגענער פרוי — עס זאָל זיין אינטערעסאַנטער. דאָס איז, אגב, שוין אויך געווען אַן אַלטער מנהג. עס פירט זיך שוין אַזוי פון שטענדיק־אָן ביי די שמחות פון די „אָפּגעריסענע בלעטער". גערטרודן האָט ליזאַ, איבער עפּעס אַ סיבה, געוואָלט דווקא זעצן לעבן גאַבריעלן און בערמאַנען לעבן זינאַן... אפשר דערפאַר, וואָס אַזאַ שידוך וואָלט איר בכלל בעסער גע־פעלן אי פאַר איר טאָכטער, אי פאַר גאַבריעלן. האָט זיך אָבער גערטרוד גאַנץ פשוט אָפּגעזאָגט — זי וועט ניט זיצן לעבן גאַבריעלן... ליזאַ האָט

זיך דערפילט אין אַ פאַרלעגנהייט, האָט זיך די מאַדאַם בערנשטיין אַליין אָנגעשלאָגן:

— איך וועל זיצן לעבן גאַבריעלן.

— גאַנץ גוט — האָט ליזאַ צוגעשטימט אָפיציעל, שמייכלענדיק, און האָט דער מאַדאַם בערנשטיין דערפאַר גלייך דיפּלאָמאַטיש אָפּגעצאָלט מיט דעם, וואָס זי האָט די מאַדאַם פיינמאַן אוועקגעזעצט לעבן מיסטער בערנשטיין.

ווי נאָר די מאַדאַם בערנשטיין האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן גאַבריעלן האָט זי גאַבריעל פאַר אַ רגע אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן און נאָכדעם, ווי ניט קוקנדיק אַף איר, זיך גלייך געווענדט צו איר, ווי ער וואָלט איר דערציילט אַ ניט־וויכטיקן, זייטיקן ענין:

— בערנשטיין איז דאָך דעם גאַנצן טאָג אין פאַבריק און איר זענט אַזאַ גרויסע אַ ראָזעווע. איך שטאַרב אוועק נאָך אַזוינע גרויסע ווייבער.

בעלאַן האָט פון דעם אַ שלאָג געטאָן דאָס גאַנצע בלוט אין פּנים. זי האָט אַביסל צעשראָקן אויפגעהויבן אירע אויגן, זיך באַגעגנט מיט זינאַס, אַביסל בלייך געוואָרן פון דעם און אַ בלייך־ראָזעווע זיך נאָכדעם אומגעקוקט אַף איר מאַן און אַף דער מאַדאַם פיינמאַן, וועמעס עלנבויגנס האָבן זיך דאַרט גראָד צופעליק אָנגערירט און ווי צונויפגעפּאַרט ביינאַנד. און זי האָט אַ שמייכל געטאָן, אָנגענומען איר גלעזל און געזאָגט:

— וואָס, אַזויפיל קאָניאַק ווילט איר, אַז איך זאָל טרינקען?

— אָ, זע איך דאָך, אַז איר זענט אַ קלוגע אויך — האָט זיך גאַבריעל מיט לייכטער פרייִדיקייט אָנגערופן — טאָ טרינקט דעריבער. עס איז ניט צופיל.

די פאַרב פון בערנשטיינס שטאַרקן פּנים איז שטענדיק געווען ווי אויסגעמישט מיט וויין. דאָס פּנים איז ביי אים איצט געוואָרן צופרידענער, שפּילעוודיקער. ער איז געזעסן אַ צופרידן־אויפגעוואַרימטער לעבן זיין געליבטער מאַדאַם פיינמאַן. זי, די שטאָלצע, האָט זיך גראָד געפילט, ווי זי זיצט אַף אָנגעהאַקטע, שפּיציקע שטיינדלאָך. איר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז אי איר טאָכטער גערטרוד, אי בערנשטיינס ווייב, בעלאַ, שטעכן זי מיט די אויגן. געפונען אַ באַשיצונג פון זייערע בליקן האָט

זי גראָד אין דער מינוט, ווען בערנשטיין האָט ביי איר אינדערשטיל א פרעג געטאָן, צי זי געדיינקט, אַז זיי האָבן אָפּגעמאַכט זיך צו טרעפן און צי זי וועט נאָך האַלטן וואָרט. זי האָט דערויף געענטפערט, אַז געוויס געדיינקט זי דאָס, און אַז זי וועט זיכער האַלטן וואָרט. זיכער.

און נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיך ביידע אַזוי דורכגערעדט, האָבן זיי ביידע גאָר פריי אויפגעהויבן די אויגן אַף גערטרודן, אַף גאַבריעלן און אפילו אַף בעלאַן.

גערטרוד האָט ניט געוואָלט וויסן פון קיינע אַראַנזשירונגען, פון קיינע מנהגים פון די „אָפּגעריסענע בלעטער" און אפילו ניט פון דעם רעכט פון דער באַלעבאָסטע פון הויז פאַנאַנדערצוזעצן אירע געסט.

זינא האָט געוואָלט אַרויסהעלפן איר מאַמען פון א פאַרלעגנהייט און האָט געפּריאווט מאַכן א מין פּשרה:

— אָלרייט, גערטרוד. דו זעץ זיך לעבן באַרי בראַווערמאַן און איך וועל זיך זעצן לעבן בערמאַנען.

און כדי צו מאַכן די זאַך קורץ האָט זינא זיך גלייך דערויף אַוועקגעזעצט לעבן בערמאַנען. זינא און אויך איר מוטער ליזא האָבן געמיינט, אַז מיט דעם איז די זאַך געשלאָסן. פאַר גערטרודן איז דאָס אָבער געווען ניט געשלאָסן. זי האָט פיינט אַלע מענער, זי האַסט אויך בערמאַנען, אָבער זי וועט ניט לאָזן, אַז אימיצער אַנדערש זאָל זיצן לעבן אים. און זי איז צוגעגאַנגען צו זינאַן און געזאָגט:

— איך וויל זיצן אַף דיין אָרט.

זינא האָט זיך אויפגעהויבן פאַרדרייטלט און לאַכנדיק געזאָגט צו איר:

— ביסטו ניט „פאַני", גערטרוד?

— מיך אַרט ניט — האָט גערטרוד געענטפערט פּאַרעקשנט און בייז צוגעגעבן: איך וויל זיין פאַני.

— שעם זיך, גערטרוד, — האָט זי זיך ביי איר לאַכנדיק אָבער ניט אָן קנאה געבעטן — ס'איז ניט שיין.

— מיך אַרט ניט. גיי, זעץ דו זיך לעבן בראַווערמאַנען, אויב דו ווילסט.

און זינא האָט איר געמוזט אָפּטרעטן איר פּלאַץ.

קאַפּיטל צווייאונפערציק

נאָכדעם, ווי בערמאַן האָט אויסגעטרונקען דאָס ערשטע גלעזל קאָניאַק איז אים געוואָרן אביסל גראַמער און וואַרעמער אַפן האַרצן.. ער האָט זיך אומגעקוקט אַף אַלע, וואָס זיינען געזעסן אַרום טיש, און עס איז אים איצט נאָך מער ווי פריער אויסגעקומען, אַז אַלע דאָ ביים טיש זיינען ווי חיות מיט אַזוינע לאַנג־אַראָפּהייענדיקע אָדער פאַררייסענע עקן. זיי זיינען זיך דאָ צונויפגעקומען אַרום טיש צו אַ סעודה, ווי די חיות אין איינער פון עזאָפּס אָדער קרילאָווס פאַבלען. און אָט־דער גאַבריעל האָט אים אַלץ אויסגעזען, ווי אַ פאַרפוצטע קאַץ אַזאַ, וואָס דרייט דעם עק צו אַלע ווייבער ביים טיש. ערגעץ אָט־דאָרט אַף זיין האַלדז זיינען פאַראַן אַ פּאָר פרישע צייכנס. וואָס זיינען דאָס פאַר צייכנס?... און בערמאַן האָט גענומען נאָך אביסל קאָניאַק.

קאַלמאַנאָוויטש איז געזעסן לעבן בעסי פינק און האָט זיך פאַנאַנדערגערעדט וועגן אַניוטקאַן. נעמען אביסל בראַנפן צווישן אַן אייגענעם עולם און ניט געדיינקען און ניט רעדן וועגן אַניוטקאַן איז פאַר אים כמעט געווען אַן אוממעגלאַכע זאַך. האָט ער גערעדט וועגן איר, וועגן איר זון, דעם יונגן לאַסאַל, וואָס גייט ווערן אַן אַרכיטעקט, אַ גאַנצער פּראָפעסאָר, און וועגן שליאַפּניקאָוו, וואָס גיט אַוועק אַסאַך פון זיין צייט פאַר דער אַרכיטעקטאָרישער דערציאונג פון דעם יונגן לאַסאַל.

— אָ, טאַקע, שליאַפּניקאָוו. וואָס מאַכט דאָרט שליאַפּניקאָוו? — האָט זיך די מאַדאַם פיינמאַן אָנגערופן.

— שליאַפּניקאָוו — האָט קאַלמאַנאָוויטש געענטפערט — ליידט לעצטנס שטאַרק פון רומאַטיזם און ביינקט נאָך אַלץ אַהיים און זאָגט תהלים.

— ת ה ל י ם!...

— יאָ, תהלים. פריער פלעגט ער זאָגן תהלים באַהאַלטענערהייט — האָט קאַלמאַנאָוויטש צוגעגעבן מיט אַ מאָדנעם, עטוואָס שולדיקן

שמייכל, ווי ער האָט געפּילט, אַז ער דערציילט אַ זאַך, פּאַר וועלכער אימיצער דאַרף זיך שעמען, און האָט ווייטער צוגעגעבן:

— איצט אָבער טוט ער דאָס אָפּן. ער שעמט זיך אפילו ניט צו פרעגן ביי מיר און שוין ניט צום ערשטן מאָל: זאָג מיר, ברודער קאַל־מאַנאָוויטש, ביסט דאָך אַ איד, קוקסטו אַמאָל אַריין אין תהלים? און אַז איך קוק אים אָן, זאָגט ער מיר: דו ביסט דאָך אַ איד און ביסט אַמאָל אויך געווען אַ מיטגליד פון דער „ביבלישער ברודערשאַפט".

— איך ווייס — זאָג איך אים — תהלים, נו, יאָ, אוודאי ווייס איך, מיין פאָטער פלעגט זאָגן. זיפצט ער אָפּ און זאָגט צו מיר: ער, ברו־דער, אַ רחמנות. — אַ רחמנות — זאָג איך — אויף וועמען? — אַ רחמנות — ענטפערט ער גלאַט אין דער וועלט אריין — אַ רחמנות, אַ גרויס רחמנות, ברודער... — פאַרוואָס? — פרעג איך אים ווידער. ענטפערט ער מיר: וואונדערלאַכע זאַכן ליגן אין דעם בוך. טיפע מענטש־לאַכע געפילן קומען דאָ צו גרויסן אויסדרוק. עס איז, זאָגט ער מיר, ווי דאָס מענטשלאַכע געמיט שפּילט אויף פיינע סטרונעס אַזוינע. איר ווייסט דאָך, ביי אים איז דאָך נאָך אַלץ מיט סטרונעס און מיט מוזיק, און, זאָגט ער, אַז מיר ווייסן ניט פון זיי, פאַרלירן מיר. לייען, ברודער, דעם תהלים, וועסטו זען.

קאַלמאַנאָוויטש האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ צופרידענער, צופרידן פון דעם, וואָס ער האָט אַזוי גוט נאָכגעדערציילט שליאַפּניקאָווס רייד. ער האָט געזען, אַז דער עולם איז געפּלעפט פון זיין מעשה. אייניקע פון זיי האָבן זיך איבערגעקוקט דערשטוינט און אפילו אַביסל פאַרשעמט.

— נו, און וואָס זאָגט אַניוטקא אויף דעם? — האָט ליזא אַביסל אַ בעסדיקע געפרעגט.

— כ'מיין, וואָס זאָל זי זאָגן? — ענטפערט קאַלמאַנאָוויטש — זי איז דאָך גוט אַזוי ווי אַ מלאך. איז שטענדיק פאַרנומען מיט מאַכן אַלץ, וואָס באַקוועמער פאַר אים.

— ער איז מן־הסתם פאַר איר אַ „הייליקער", זי קוקט אים מן־הסתם אין מויל אַריין, ווי אַ שעפעלע — האָט בעסי פינק ארויסגע־זאָגט מיט איר גאַנצער ביטערקייט.

— אַט־דאָס, הייסט עס, איז געוואָרן פון דעם גוטן שליאַפּניקאָוון

— האָט זיך בעלאַ בערנשטײן אָנגערופֿן כמעט מיט אַ טרערן־ציטער אין איר קול — אַזאַ טײערער סאָציאַליסט װי דאָס איז געװען!

און קאַלמאַנאָװיטשעס װײַב, װאָס איז שװײַגנדיק געזעסן לעבן דעם שװײַגנדיקן פֿײַנמאַנען, האָט זיך דערמאָנט און זיך אָנגערופֿן:

— געדענקסט נאָך, פֿאַניא, װי ער פֿלעגט אַמאָל קומען צו דיר אין הױז אַן אָנגעלאָדענער מיט אַזױפֿיל פּעקלאַך, אַז ער פֿלעגט זיך קױם קאָנען דורכשפּאַרן דורך דער טיר?

— דאָס הײסט חלילה ניט, אַז ער איז אױס סאָציאַליסט — האָט קאַלמאַנאָװיטש געפֿונען פֿאַר נױטיק צוצוגעבן, — נאָר — האָט ער מיט אַ שמײכל פֿאַרענדיקט — נאָר ער זאָגט, אַז ניט לײענען דעם תּהלים איז אַ רחמנות, ניט אױף דעם אָרימען תּהלים, חלילה, איז אַ רחמנות — האָט קאַלמאַנאָװיטש זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט — נאָר אױף דעם, װאָס לײענט ניט.

— איך װײס ניט, צי עס איז אַ רחמנות אױף דעם תּהלים צי נײַן, נאָר אױף דער אָרעמער אַניוטקאַן איז זיכער אַ רחמנות — האָט זיך פֿאַניאַ פֿײַנמאַן אָנגערופֿן, און זי איז מיטאַמאָל גאָר שטאַרק אין כּעס געװאָרן, אַזױ, אַז איר טונקל־הױטיקער פּנים איז נאָך טונקעלער געװאָרן און װי פֿאַרלירנדיק קאָנטראָל איבער זיך האָט זי כמעט שרײַענדיק גענומען רעדן:

— האָט איר געהערט אַזױנס! אַ מענטש, אַ געװעזענער סאָציאַ־ליסט, אַ קעמפֿער, פֿאַלט אַזױ נידעריק, אַז ער איז גרײט צו באַדױערן מענטשן, פֿאַרװאָס זײ זאָגן ניט קײן תּהלים. און מען זאָגט נאָך, אַז דאָס הײסט ניט, אַז ער איז אױס סאָציאַליסט. און אױף אַניוטקאַן, װאָס האַלט זיך מיט אים, זאָגט מען כמעט, אַז זי איז אַ הײליקע. אַ נאַר איז זי, אָט װאָס. מען װאָלט געדאַרפֿט צופֿאָרן צו איר און איר פּרואװן עפֿענען די אױגן אָדער זײ דאָרט פּשוט דערקלערן פֿאַר פּשוטע שװאַרצע רעאַקציאָנערן.

פֿאַניאַ פֿײַנמאַן האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט אױף אַ װײַל, װײַל דער כּעס האָט זי געשטיקט און װײַל זי, די שטאָלצע מאַדאַם פֿײַנמאַן האָט מורא געהאַט פֿאַר װער װײסט װאָס נאָך עס קאָן זיך אַרױסכאַפּן פֿון איר מױל.

—באַרואיק זיך, פֿאַניאַ, — האָט זיך פֿײַנמאַן פֿון זײַן אָרט אָנ־

גערופן, דערזעענדיק די אויפרעגונג פון זיין ווייב — צו וואָס זיך אַזוי אויפרעגן?

— איך וואָלט נאָר וועלן וויסן, ווי פונדעסטוועגן האָסטו געפילט, ווען ער האָט דיר אַזוי אינמיטן דערינען אַזאַ זאַג געטאָן וועגן תהלים — האָט בעלאַ בערנשטיין אַ פרעג געטאָן ביי קאַלמאַנאָוויטש.

— איר ווערט אפשר לאַכן — האָט קאַלמאַנאָוויטש זיך אָנגערופן מיט אַ צופרידן שמייכעלע — נאָר מיר איז דאָס אויסגעקומען, איך וויים, נו, אָט ווי אימיצער וואָלט מיר פלוצלונג אָנגעכאַפּט ביי ביידע הענט אינמיטן אַן ארבעט און מיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט מיר אַ „גוט־מאָרגן" — אינמיטן דערינען. ס'האָט מיך דערמאָנט אָן אַ מאָדנער מעשה, אַף מיין וואָרט. איר ווייסט דאָך, אינדערהיים, ווען עס האָבן זיך גענומען באַווייזן די סובאָטניקעס, די שטונדיסטן, פלעגט זיך מיר אָפן מאַרק אַלץ אויסקומען צו טרעפן מיט איינעם פון זיי, אַ געזונטער אַ גרויסער גוי אַזאַ, וואָס פלעגט מיך אַלץ וועלן אַריינציען אין אַ שמועס וועגן אידישקייט, וועגן שבת, וועגן דער ביבל. ענדיקן פלעגט ער שטענדיק מיט דעם, אַז איך בין ניט קיין איד, ניט קיין זון פון דעם ביבלישן פאָלק, נאָר אַז איך בין דער זון פון דעם „ניט־גוטן". אָבער ביים צווייטן מאָל, אַז איך פלעג אים טרעפן אין מאַרק און ביי אים אָפּקויפן זיין ביסל האָבער צי ווייץ, פלעגט ער מיט מיר ווידער אַריין אין דעם אייגענעם שמועס און ווידער ענדיקן מיט דעם, אַז איך בין אַ זון פון דעם „ניט־גוטן". נאָכדעם אָבער, ווען עס האָט זיך געגרינדעט אונזער „ביבלישע ברודער־שאַפט" און איך בין אויך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער באַוועגונג און אַף דעם אָרט פון סוחרעריי, האָב איך זיך גענומען לערנען די מלאכה פון מאַכן פשוטע רעדער פאַר פּראָסטע פויערשע וועגענער, בין איך איינמאָל אַזוי אינמיטן פון מיין אַריינקלאַפּן אַ ספּיצע אין קלאָץ אַריין אָנגעכאַפּט געוואָרן פון הינטן־אַרום פאַר מיינע ביידע הענט, מיטאַמאָל אַזוי אַזוי שטאַרק, אַז די האַק און דאָס שטיק האָלץ איז מיר שיר פון די הענט ניט אַרויסגעפאַלן. איך קוק זיך אום — ערשט אָט־דער גרויסער גוי, דער סובאָטניק, דער שטונדיסט, וועמען איך האָב שוין לאַנג, לאַנג ניט געזען, האָט דאָס מיך איצט אויפגעזוכט, און זיין פרייד, אַז איך שטיי אַזוי ערנסט פאַרטאָן אין אַ פּראָקטבאַרער ארבעט, איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט מיך מיט זיין גאַנצן כח אָנגעכאַפּט פאַר די הענט און אויס־

געשריען: אַט, אַצינד זע איך, אַז דו ביסט ניט קיין זון פון „ניט־גוטן". דו ביסט אַ זון פון דער הייליקער ביבל, וואָרים דו טוסט פּרוכטבאַרע אַרבעט, דו ביסט אַ הייליקער מענטש!

און קאַלמאַנאָוויטש האָט זיך נאָכדעם צעלאַכט אַ פאַרשעמטער און ער האָט צוגעגעבן:

— און ווען שליאַפּניקאָוו האָט מיך דאָס אַזוי אַ כאַפּ געטאָן ביי זיך אַפּן פאַרם מיט דער פראַגע, צי איך לייען דעם תהלים, האָב איך זיך פאַר אַ מינוט פונקט אַזוי דערפילט: אַט, און עס פאַלן מיר, דאַכט זיך, אַרוים די האַק און דאָס שטיק האָלץ פון האַנט...

— נו, יאָ, נו, יאָ, מיין אייזל — האָט זיך גאַבריעל אָנגערופן לאַקאָניש לאַכנדיק — עס איז דאָך אַ געזעץ אַזאַ, אַז די געשיכטע ווי־דערהאָלט זיך.. פאַר אייזלען! איבעריקנס דאַרפסטו זיך ניט שרעקן, מיין ליבער. דו האָסט דאָך אויך דענסמאָל דיין האַק און דיין שטיק האָלץ פון האַנט ניט אַרויסגעלאָזט און דו וועסט געווים אויך היינט דיינע געשעפטן און דיינע באַנק־ביכלאָך פון די הענט ניט אַרויסלאָזן איבער אַט־דער נאָבעלער ביבל. די ביבל, דאָס איז שוין אַזאַ פאַרדאַמט בוך, וואָס טויג פאַר אַלץ.

— ווי אַן אַמעריקאַנער פּאַטענטירטער מעדיצין, וואָס טויג פאַר אַלץ — האָט זיך בערנשטיין אָנגערופן מיט געלעכטער.

— גוט געזאָגט, ברודער — האָט גאַבריעל צוגעשטימט.

בערמאַן האָט דערביי מיט אַ ביטערן גלי אַ הויב געטאָן זיינע אויגן אַף בערנשטיינען און אַף גאַבריעלן, האָט מיט זיין פאַרשאַרפטן בליק בליציק־שנעל אַ ברען געטאָן די לופט אַרום זייערע פּנימער, אַ טראַכט געטאָן מיט גאַליקער ביטערקייט: „ווי זיי ברודערן זיך דאָס ביידע", און גלייך אַרונטערגעלאָזט זיינע בליקן צוריק צום טיש, צו די בלאַסע, לאַנגע, שיינע פינגער פון גערטרודס האַנט, וואָס איז אַף דעם טיש געלעגן, צו אַט־דער דינער הויט זייערער, וואָס עלעקטריזירט ביי דער קלענסטער באַרירונג, ביי דעם לייכטסטן בליק; צו אַט־די שמאָלע, לאַנגלאַכע און שאַרף־פאַרשפּיצטע נעגל אַף זיי. זיינע געצערטלטסטע קושן פלאַטערן אַזוי צערטלענדיק־דין איבער אַט־די פינגער אירע. זיינע קושן שאַרפן זיך און שטראַלן אינײנעם מיט אַט־די נעגל. די נעגל אירע לויכטן, זיינען ווי אייזן און ווי פייער און ווי צוגעשניטענע שטיקלאָך שטערן.

— טאָמער וואָלטן מיר זיך טאַקע אַלע צונויפגענומען און זיך דורכגעפאָרן אַהין, צו די שליאַפּניקאָווס — האָט זיך בעלאַ בערנשטיין אָנגערופן און צוגעגעבן: — איך רעכן, אַז דאָס איז פּשוט אונזער פליכט. גענוג, אַז ער האָט איר דאָרט פאַקריפּלט דאָס פּנים מיט זיינע גיינג. כ׳מען דאַרף ניט לאָזן, אַז ער זאָל איר חלילה נאָך פאַרקריפּלען די נשמה.

— טאַקע, אַף מיין וואָרט. דאָס וואָלט געווען אַ פּלאַן — האָט זיך שטיל די בלאַסע מיסעס קאַלמאַנאָוויטש אָנגערופן — ערשטנס וועלן מיר זיך גלאַט מיט זיי זען אַביסל. — די מיסעס קאַלמאַנאָוויטש האָט ביי איר גאַנצן כעס און אייפערזוכט צו אַניוטקאַן פונדעסטוועגן פאַרט אַזוי ווי אַ בענק געטאָן צו פאָרן און זי אָנקוקן. זי האָט זי שוין פאַרט אַזוי לאַנג ניט געזען.

קאַלמאַנאָוויטש איז געווען צופרידן מיט יעדער נייער געלעגנהייט צו פאָרן זען אַניוטקען; זאָל זיין אפילו מיט דער אייגענער ווייב, אַבי פאָרן אַהין, און ער האָט דעריבער צוגעשטימט:

— יאָ, איך זאָג טאַקע, אַז מען זאָל פאָרן — און זיך ווענדנדיק צו גאַבריעלן האָט ער פרייליך און שטיפעריש צוגעגעבן:

— דו געדיינקסט נאָך, גאַבריעל, מיט וויפל האַרץ שליאַפּניקאָוו פלעגט דאָס אַמאָל דעקלאַמירן פּושקינען?

גאַבריעל האָט אַזוי גיך ניט געענטפערט...

— ער האָט דאָך גאַנץ פּושקין, נעקראַסאָוו און נאַדסאָן אַף אויסנווייניק געקענט — האָט זיך בערנשטיין אָנגערופן קוקנדיק צו גאַבריעלן.

גאַבריעל האָט זיך אָבער אַלץ געמאַכט ווי ניט הערנדיק.

פרענקל האָט זיך אומגעקוקט אַף גאַבריעלס ניט ענטפערן און זיך אָנגערופן, ווי וועלנדיק באַוועגן גאַבריעלן:

— ער איז סוף־כּל־סוף געווען אַ ליכטיקע, רוסישע נשמה, נאָר ער האָט זיך דאָ, מן־הסתם פאַרבלאָנדזשעט, פון עלנט.

גאַבריעלן האָט דאָ אינמיטן דערינען גענומען שמאַרצן דער האַלדז, איז ער געווען אין כעס, און צווייטנס האָט ער ניט געקאָנט פאַרטראָגן אָט־די גאַנצע סענטימענטאַלע אויפגערודערטקייט פון דעם עולם, האָט ער אַ וואָרף געטאָן אַ פאַרניכטנדיקן בליק און געזאָגט:

— יאָ, איך געדיינק אָט־דעם אייזל.

אָט־דער זאָג זיינער איז געפאַלן ווי אַ הויפן קאַלט וואַסער אַף אַלע־מען; נאָר אַף בערמאַנען איז דאָס געפאַלן גראָד ווי אַ הויפן פייער. אָט־דאָס, וואָס מען האָט אַרויסגעקוקט צו גאַבריעלן און וואָס גאַבריעל האָט אַף אַזאַן אופן אָפּגעזאָגט זיין, ווי פאַרזיגלדיק, לעצט וואָרט האָט בערמאַנען ווי אַ הויב געטאָן אינדערלופטן פון אויפרעגונג.

בראַווערמאַן האָט זיך אויך ווי אַ באַוועג געטאָן פון דעם, און ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן מיט גאַבריעלן האָט ער זיך געווענדט צו בערמאַנען און זיך אַף זיין געוויינלאַכן, פאַררימענעם שטייגער אָנגערופן:

— וואָס, למשל, דיינקט איר, בערמאַן, ברייינגט צוריק אַ מאָדערנעם מענטשן, אַן אויסגעפּרובירטן רעוואָלוציאָנער, ווי איך פאַרשטיי, צוריק צו די פאַרשימלטע, אַלטע ספרים? איז דאָס משוגעת צי אַ שוואַכקייט פון כאַראַקטער?

בערמאַנען האָט דאָ אַ ריס געטאָן אַ ביטערער כעס אַף אַלעמען: אַף גאַבריעלן — פאַרוואָס ער איז גאַבריעל, פאַרוואָס דער האַלדז איז ביי אים צעדראַפּעט; אַף בערנשטיינען דערפאַר, וואָס דאָס פּנים איז ביי אים שטאַרק און זיכער געבויט, דערפאַר, וואָס דאָס פּנים איז ביי אים רויט, דערפאַר, וואָס ער איז אַן עקלהאַפטער קאַפּיטאַליסט, דער־פאַר, וואָס ער וואַגט זיך אָט־אַזוי אַוועקזעצן צווישן מענטשן, וואַגט מיט זיין מויל צו רעדן וועגן פּושקינען, וועגן נעקראַסאָוון און דערפאַר, וואָס דערביי גיסט ער אַזוי ווי אָפּ זיינע שמוציקע הענט מיט אַביסל טויף־וואַ־סער. אַ ביטערן כעס האָט בערמאַן אויך געהאַט אַף גערטרודס מאַמען, וואָס זי האָט זיך דאָ נאָר־וואָס אַזוי אויפגעקאָכט, דערפאַר, וואָס זי זיצט לעבן בערנשטיינען און דערפאַר, וואָס זי איז גערטרודס מאַמע — ווער דאַרף זי האָבן צו זיין גערטרודס מאַמע? און בערמאַן האָט דערפאַר אומדערוואַרט פאַר זיך אַליין אַרויסגערעדט און מיט אַביסל אַ צו הויך קול, פּשוט דערפאַר, כדי ער זאָל זיי דאָ אַלעמען אויפרעגן:

— אין די אַלע פאַרשימלטע ספרים ליגן דאָך פאָרט דערפאַרונגען פון דורות, דערפאַרונגען, וואָס זיינען דערגרייכט געוואָרן דורך טויזנ־טער יאָרן פון מענטשלאַכן זוכן, פון מענטשלאַכן רייסן זיך צו ווייטער, צו טיפער, צו העכער...

און בערמאַן האָט פאַר אַ מינוט אַפּגעכאַפּט דעם אָטעם און נאָך אײדער זײַן אויפרעגונג איז פאַריבער האָט ער צוגעלייגט:

— מענטשן זײַנען אפשר צו פלוצלונג אַנטלאָפן פון דעם אַלטן קוואַל, ווי עס אַנטלויפן אַמאָל פלוצלונג-צעשראָקענע, ווילדע ציגן פון אַ לויטערן קוואַל, וואָס זיי האָבן דערגרייכט דורך מי און דאָרשט.

די מאַדאַם פיינמאַן האָט דאָ אָנגעשטעלט אַ פּאָר אָנגעצונדענע, שוואַרצע אויגן איבערן טיש צו בערמאַנען און דערבײַ אויך אַליין דער-פילט אַ כעסדיקע שוואַרצקייט זיך אָנשלאָגן אין אירע באַקן. זי האָט אָבער גלייך דערפילט גערטרודס אויגן אַף זיך. גערטרוד מיט איר אויפ-געלויכטענער בלאַסקייט, מיט אירע גרויסע גערטרוד-אויגן האָט אויפ-גערייצט שאַרף און שטיל, ווי דאָס טוט אַ קאַץ פאַרן שפּרונג, זיך אָנ-געשטעלט אַף דער אויפגערעגטער מאַמען אירער.

די מוטער און די טאָכטער, בלאַס-ליכט און טונקל-פייער, האָבן זיך דאָ אַזוי אָפּן פאַר אַלעמען אין די אויגן אָנגעשלאָגן מיט די בליקן, ווי עס שלאָגן זיך אָן צוויי שווערדן-פעכטער מיט זייערע בלאַנקע שווערדן אין געפעכט.

בערנשטיין האָט אָנגעכאַפּט אונטערן טיש פאַניאַס האַנט און זי שטאַרק אַ דריק געטאָן, כדי איר העלפן זיך באַזינען. פרענקל האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם, וואָס דאָ קאָן קומען. אים איז גראָד געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס דער שמועס אַרום טיש נעמט-אָן אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, איבערהויפּט דאָס, וואָס בערמאַן נעמט זיך אויך באַטייליקן אין דעם שמועס. אין בערמאַנס באַטייליקן זיך אין דעם אַלגעמיינעם שמועס האָט פרענקל גענומען זען אַ פאַרזיכערונג, אַז דער אָוונט וועט זיך ענדיקן רואיק. און ער האָט זיך דעריבער דערשראָקן, ווען ער האָט דערזען, אַז פאַניאַ וויל דאָ עפּעס אָנדרייען אַ צרה. בערמאַנס רייד אָבער האָבן סיי-ווי-סיי אָנגערירט אַ בלינדע, אַלטע וואונד אין פרענקלען. און פרענקל האָט פאַניאַן פאַרכאַפּט דעם וועג און ער האָט זיך אַן אויפגערעגטער אָנ-גערופן צו בערמאַנען:

— וואָס רעדט איר, בערמאַן? וואָס מיינט איר צו זאָגן? וואָס הייסט ביי אייך „ווי ווילדע ציגן”? פאַרוואָס ציגן? מיר זײַנען אוועק פון אַלטן שימל צום פרישן, רעוואָלוציאָנערן און מענטשלאַכן שכל. מיר זײַנען אוועק קעמפן קעגן אַט-דער פינצטערער מאַכט, וואָס האַלט שוין

טויזנטער יאָרן די מענטשן אין פינצטערניש. מיר האָבן און דאַרפן קעגן דעם אַנשטעלן אונזערע בעסטע קאַנאָנען.

בערמאַן, ביי וועמען אַזוינע געדאַנקען פלעגן כמעט שטענדיק ניט קלאָר אַרויסגערעדט ווערן, איידער ער האָט גאָר געוואוסט, וואָס ער גייט זאָגן, האָט זיך דערפילט אין עפּעס שולדיק און האָט געפילט, אַז ער דאַרף איצט אַרויסקוקן אַפן גליקלאַכן צופאַל, אַפן בלינדן אינסטינקט, וואָס דאַרף קומען און ראַטעווען אין דער ריכטיקער מינוט. אָבער, ווי נאָר פרענקל האָט מיט אייפער אַרויסגערעדט: „מיר האָבן און דאַרפן קעגן דעם אַנשטעלן אונזערע בעסטע קאַנאָנען", איז אים בערמאַן גלייך אַריינגע־פאַלן אין די רייד און עפּעס אַזוי גאָר אומדערוואַרט און בייז אַ פרעג געטאָן:

— קאַנאָנען? קעגן וועמען? קעגן שימל, צי קעגן די מענטשלאַכע דערפאַרונגען?

דאָס האָט זיך פאַר דער מינוט אַרויסגעוויזן ווי אַ גוטער סטראַטע־גישער צוג. פרענקל איז פון דעם געבליבן שטיין פאַר אַ רגע אַ צעטומל־טער, אַרויסגערעדט: „וואָס רעדט איר?" און ווידער אָנגעקוקט בערמאַנען כיט שוואַרצע, ניט־פאַרשטענדלאַכע בליקן. די פאַרבאָרגענע, ניט־פאַר־ענטפערטע זוכענישן פון אַמאָליקע יאָרן האָבן ווידער וואונדיק אויפ־געטויכט. פרענקל איז אָבער באַלד געקומען צו זיך און געזאָגט:

— דאָס איז דאָך הוילער שימל. — און ער האָט באַלד צוגעגעבן:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס פאַר גרייסע, מענטשלאַכע דערפאַרונגען, למשל, ליגן אין דעם, וואָס דערוואַקסענע מענטשן נעמען זיך צונויף אין אַ בית־המדרש און לערנען מיט אַ שווערן ערנסט דעם אומזין וועגן סוכה, און דערקלערן פאַר דעם טויזנטסטן מאָל, אַז אַ סוכה מוז האָבן אַזויפיל און אַזויפיל איילן, און צי מעג מען אין איר שלאָפן, אפילו ווען עס רעגנט. און נאָך גרעסער ווערט דער אומזין, ווען זיי טוען דאָס נאָך אין אַזאַ צייט, ווען זיי אַליין און די גאַנצע וועלט אַרום זיי בויען ניט קיין סוכות. איז דאָס ניט קיין הוילער אומזיניקער שימל, וואָס ווענדט־אָפּ גוטע מענטשלאַכע ענערגיע פון וויכטיקע טאָג־טעגלאַכע פראַגן און פּראָבלעמען. וואָלטן זיי כאָטש געלערנט ווי אַזוי מען דאַרף און ווי אַזוי מען זאָל וואוינען אין הייזער, צי גאָר ווי אַזוי מען זאָל זיך באַפרייען פון שקלאַפעריי, פון שמוציקע שעפער, פון שמוציקע, פאַר־

האַנצטע וואוינונגען. אָבער דאָ גאָר ס ו כ ו ת, ניט־געשטויגענע, ניט־געפלויגענע בנינים.

בערמאַנען האָט דאָ אַ שלאָג געטאָן אַ היץ אין פּנים: סוכות, הייזער. ער האָט זיך דאָ דערמאָנט אין זיין מאָדנעם געשפּרעך מיט זינאַן וועגן הייזער. ער האָט דערפילט, אַז ער גייט דאָ ווידער זאָגן אַ מאָדנע זאַך, אפשר טאַקע די אייגענע מאָדנע זאַך וועגן הייזער, וואָס האָבן אומגליקלאַך געמאַכט דעם מענטשן־מין... און ווי וועלנדיק אויסמיידן אָט־די „מאָדנע זאַך" האָט ער לאַווירנדיק זיך אָנגערופן אַף זיין אייגענעם אומדערוואַרטן שטייגער:

— עס קאָן אַמאָל זיין, אַז אין אָט־דער לערע וועגן סוכות זאָל זיך פונדעסטוועגן אויפהאַלטן אַן אידייע, אַ נאָך־ניט דערגרייכטע, אַ נאָך־ניט פאַרדייטע מענטשלאַכע דערפאַרונג.

און דערביי נעמט זיך בערמאַנען דאַכטן, אַז ער קריכט אַף גלייכע ווענט, אַז ער פּלאָנטערט און אַז דאָס איז מן־הסתם אַלץ איבער אָט־דעם געדאַנק מיט די הייזער, אין וועלכן ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט און וועלכער קריכט אַף אים איצט איבערגעוואַלט, און ער פּרוּווט זיך פונדעסטוועגן ווייטער פאַרעקשנט ציען זיין איצטיקן פּלאָנטער און זאָגט:

— עס קאָן אַמאָל זיין, אַז גראַדע אין אָט־דער ווילדער, פאַרשימלטער שאָלעכץ ליגט אַ גוט־באַטעמטער יאָדער.

— וואָס פּאָרט מיינט איר, בערמאַן? — האָט פרענקל זיך אַזוי ווי צוריקהאַלטנדיק געפרעגט.

— איך מיין — האָט בערמאַן געענטפערט שוין פאַרגעסנדיק צי ער פּלאָנטערט, צי ניט — איך מיין, אַז אַ מענטש אָדער אַ דור אפילו קאָן אַמאָל שאַפן אַ גרויסן געדאַנק אין אַ צושטאַנד פון אַ פּלוצלונגדיקער, גרויסער אויפלייכטונג און זאָל נאָכדעם אָט־דעם אייגענעם געדאַנק ניט קאָנען פאַרדייען, ניט קאָנען פאַרווענדן פאַר אַ לאַנגער צייט. אַן אינסטינקט אָבער איז אין אונז פאַראַן אַזאַ, וואָס איז זעעוודיק אפילו, ווען אַלץ אין אונז ליגט בלינד. און אָט־דער אינסטינקט, קאָן זיין, באַציט אָט־דעם געדאַנק מיט אַזאַ שאָל, זאָל זיין מיט אַ שאָל פון אַבערגלויבנס, אויב דער מענטש אָדער דער דור קאָן ניט געפינען קיין בעסערע שאָל, און היט אַזוי אָפּ די אידייע אָדער דעם געדאַנק און האַלט אים אויף פאַר ווייטערדיקע צייטן און דורות. און גראָד, ווען אונז דאַכט זיך

אַמאָל, אַז מענטשן טראָגן אַ שטיק שימל, קאָן זיך אַרויסווייזן, אַז אונטער דעם שימל ליגט אַפּגעהיט אַ וויכטיקער געדאַנק, וואָס וואַרט אױף זיין באַפרייאונג.

דער עולם האָט זיך מאָדנע איבערגעקוקט און פרענקל האָט ווי פּראָ־טעזשירנדיק און מיטפילנדיק זיך געווענדט צו בערמאַנען:

— מיך וואונדערט באמת אױף אייך, בערמאַן, ווייסט איר דען ניט, אַז אַזוינע געדאַנקען ווי אייערע וואָלטן אונז שטענדיק געהאַלטן צוגעבונדן צום אַלטן. וואָס פאַר אַ פאַרכישופטן קרייז ווילט איר עס דאָ אויפשטעלן? — און פרענקל פאַרלירט דאָ מיטאַמאָל זיין צוריקגע־האַלטנקייט און שרייט כמעט אויס:

— מיר דאַרפן זיך אָפּזאָגן פון דעם באַלאַסט פון דורות. מיר דאַרפן פרייע גיין ווייטער. מיר דאַרפן שאַפן נייע ווערטן.

— בראַוואָ! — האָט פאַניא אויפגעפּאַטשט און נאָך איר אויך בראַווערמאַן. פאַניא האָט נאָך געוואָלט אויסשרייען ווער ווייסט וואָס, גערטרודס אויגן האָבן אָבער דער מאַמען אביסל קירצער געמאַכט דעם אָטעם, אָבער זי האָט נאָך פונדעסטוועגן צוגעגעבן:

— גערעכט, אוודאי!...

בערמאַן האָט פון דעם דערפילט אַ פייערדיקע לופט אױף זיין לייב, דערזען אַלעמענס אויגן אױף זיך. אָבער ער איז נאָך ניט באַזיגט. ניין. וואַרט. און ער האָט זיך אָנגערופן:

— אוודאי דאַרפן מיר שאַפן נייע ווערטן. שטענדיק און אימער. ווי עס האָבן געטאָן דורות פאַר אונז. דורות האָבן שטיין אױף שטיין גע־לייגט זייערע דערפאַרונגען, כדי מיר זאָלן זיך קאָנען הויבן אַלץ העכער און זען אַלץ ווייטערע, נייערע האָריזאָנטן. מיר זיינען טאַקע אפשר דורך יענע פילע פריערדיקע שטויסן צוגעגרייט געוואָרן צום נייערן פאַר־נעם און גרעסערע ווערטן. פאַראַנען אָבער אַזוינע עפּל, וואָס כאָטש מען נעמט זיי אַראָפּ פון די ביימער סוף־זומער, ווערן זיי אָבער ערשט רייף אין שפּעטן ווינטער. אַרויסשלאָגן פון אונטער אונזערע אייגענע פיס דעם לייטער פון מענטשלאַכע דערגרייכונגען, איז ניט קיין אַקט פון רעוואָלוציע, נאָר אַן אַקט פון אומזין. אויב עס האָט זיך ערגעץ אָנגע־קליבן שימל, איז דאָס אונזער רעוואָלוציאָנערע פליכט אָפּצורייניקן דעם שימל.

פרענקל אָבער איז אים דאָ אַריינגעפאַלן אין די רייד:

— אָבער, בערמאַן, נעמט ווידער אָט־דעם אומזין וועגן סוכה. דאָס איז דאָך אַן ענין, וואָס מענטשן דאַרפן פאַר זייער געברויך לחלוטין ניט האָבן. דאָס זיינען דאָך ניט קיין הייזער אַף צו וואוינען, דאָס איז דאָך הוילער שימל בלויז. טאָ צוליב וואָס אָט־די גאַנצע אַרויסגעוואָרפענע ענערגיע?

בערמאַנס אויגן זיינען געבליבן שטיין אָנגעשטעלט, ווי ביי אַ אינגל, וואָס איז געלאָפן, געלאָפן, זיך געמיינט אַרויסדרייען און איז דאָך גע־כאַפּט געוואָרן. ער האָט נאָך פאַר אַן אויגנבליק אַ טראַכט געטאָן: אפשר וועט נאָך קומען צו הילף אַנאַנדער געדאַנק. זאָל זיין וואָס ניט איז, אַבי ניט רעדן פון אָט־דער מאָדנער הייזער־אידייע. ער ווייסט, ער גע־דיינקט, ווי זינא האָט אים אַמאָל דערציילט, אַז די מאָדנע אידייע איז שוין ביי דידאַזיקע מענטשן אַמאָל אויסגעלאַכט געוואָרן, אויסער פון נערטרודס פאָטער, פון אָט־דעם גרויס־קעפּיקן פּראָפעסאָר, וואָס קוקט דאָ אַף אים אַזוי מאָדנע פון־צייט־צו־צייט. אָבער... אפשר... ניין. טאַקע פון הייזער. יאָ. און בערמאַן האָט גלייך דערויף מיט שאַרף־אָנגעשטעלטע אויגן אָפּגעזאָגט:

— און פאַר מיר, זעט איר, איז נאָך גאָרניט אַזוי זיכער, אַז מענטשן דאַרפן דווקא הייזער און ניט סוכות.

פיינמאַנען איז אָט־דער זאָג גראָד געפעלן געוואָרן און ער האָט שוין אפילו געוואָלט אַרויסזאָגן מיט אַ שמייכל „דאָס דערמאָנט אים אַף אים אַליין", אָבער עס איז ביי אים ניט אַרויסגעקומען. דער איבער־ריקער עולם אָבער, פאַר וועמען בערמאַן איז סיי־ווי אויסגעקומען ווי גאָר אַ מאָדנער סוביעקט, איז פון אָט־דעם לעצטן זאָג זיינעם גאָר שמייכל־דיק דערשטוינט געוואָרן. זיי האָבן זיך אומגעקוקט אַף אים, האָבן זיך איבערגעקוקט צווישן זיך.

— „דאָטס רייט" — האָט זיך זינאַ אָנגערופן, אַזוי ווי אַרויס־שפּרינגענדיק און מיט אַ שמייכל קוקנדיק אַ פאַרדולטע אָפן טאַטן און אַף גאַבריעלן אין דער אייגענער צייט. — בערמאַן גלויבט דאָך ניט אין הייזער. ער גלויבט, אַז מען דאַרף צעברעכן אַלע הייזער.

— אַך, זאָ! — האָט גאַבריעל אויסרופנדיק אָפּגעטאָנט דעם גאַנצן

עניין און דורך דעם ביים עולם אַרויסגערופן אַ ניט באַהאַלטענעם שמייכל אַף די ליפּן.

בערמאַן האָט דערפילט די גאַנצע קאָמישקייט פון זיין לאַגע, האָט זיך אָבער ניט אונטערגעגעבן. עפּעס אין אים האָט זיך אַלץ געראַנגלט און געצונדן. בלינדע ביטערקייט און באַוואוסטזיניקער כעס.

— סוכּות! — האָט ער אויסגערופן — סוכּות מוז זיין אַ שאַל אַזאַ, וואָס טראָגט אַ גרויסע אידייע — האָט בערמאַן גענומען זאָגן אַזוי ווי לאַכנדיק פון זיך אַליין און ער האָט זיך דערמאָנט און אַביסל שעמעוודיק אַרונטערגעלאָזן די אויגן און געזאָגט:

— אַ מדרש אַזאַ פאַראַן (וואָס, לאַך איך, צי לאַך איך ניט? — האָט ער אין דער מינוט זיך געפרעגט).

בערמאַנען האָט מיטאַמאָל אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַ גלי אַזאַ. עס האָט זיך אויפגעכאַפּט אין זיין בלוט אַ גלי פון פאַרצווייפלונג און שרעק; אַ ברען אַזאַ, וואָס כאַפּט זיך אין אים שטענדיק אויף, ווען עפּעס נעמט אין אים רעדן, ווי פון די געדערים אַרויס, ווי פון די ביינער אַרויס. אָבער בערמאַן האָט זיך פונדעסטוועגן ווייטער געפּרוּווט לאַכן און געזאָגט:

— אַן אינטערעסאַנטער מדרש: גאָט זיצט אַף זיין טראָן און משפּט די וועלט. עס פאַרזאַמלען זיך אַרום אים די אַלע פעלקער, יעדעס פאָלק נעמט באַזונדער טענהן: האר פון דער וועלט! פאַרוואָס האָסטו דיין טאָכטער, דיין תּורה, אַוועקגעגעבן צו די אידן און ניט צו אונז?

און גאָט פרעגט יעדן פאָלק:

— וואָס האָט איר געטאָן פונמיינעטוועגן, אַז איך זאָל אייך אַוועק־געבן מיין טאָכטער, מיין תּורה?

איין פאָלק זאָגט:

— מיר טויכן אין די ימען כּדי צו זאַמלען פּערל און אַנדערע טייערע שטיינער אַף צו באַשיינען דיין וועלט. וועלן מיר מיט זיי אויך באַ־שיינען דיין שיינע טאָכטער, די תּורה.

אַ צווייט פאָלק זאָגט:

— מיר בויען בריקן און וועגן, כּדי עס זאָל דיינע מענטשן בעסער זיין צו גיין און צו פאָרן, וועלן מיר איבער אַלע בריקן און וועגן אויך

טראָגן מיט זיך דיין שיינע טאָכטער, דיין תורה, איבער אַלע בריקן און וועגן פון דער וועלט.

אַנאַנדער פאָלק ענטפערט און זאָגט:

— אונז קומט דיין שיינע טאָכטער, דיין תורה. צו אונז דאַרף זי פאַרקנסט ווערן, ווייל מיר בויען הייזער און פּאַלאַצן און שטעט. מיר בויען צאַמען און פעסטונגען פאַר דיינע לענדער, פאַר דיינע פעלקער, אַף צו וואוינען מיט זיכערקייט אין זיי.

גאָט הערט אוים די טענות פון אַלע פעלקער און נאָכדעם זאָגט ער:

— איר זענט אַלע גרויס און שטאַרק, מיינע פעלקער, נאָר איין קליי־נער געבאָט איז פאַראַן אין מיין אוצר, אין מיין תורה — דאָס איז די מצוה סוכה, קאָנט איר זיך אונטערנעמען אָפּצוהיטן אָט־די קליינע מצוה?

און אַז די ריזיקע פעלקער דערהערן אָט־דעם פאַרלאַנג, דערפילן זיי זיך הילפלאָז און זיי לאָזן פאַרשעמט אַרונטער זייערע פנימער.

אָנגעהויבן האָט בערמאַן דערציילן אָט־די מעשה מיט אַ שמייכל, געמיינט, אַז ער וועט דורכדערציילן די לעגענדע מיט אַן אָפּלאַכנדיקן טאָן און אַז דאָס וועט מאַכן גרינגער אַביסל זיין לאַגע. געענדיקט אָבער האָט ער מיט אַ געפיל, אַז ער דערציילט דאָס דאָ אַ זאַך, פון וועלכער ער האָט פריער ניט געטראַכט און אַז אַרויסגעקומען איז דאָס ביי אים מיט אָט־יענעם פלוצלונגדיקן שיין פון זאַכן, וואָס קומען און לייגן זיך באַ־הערשנדיק אַוועק אַף אים. זיכער אָבער איז ער ניט געווען. די ווייסלען פון זיינע אויגן האָבן זיך ביי אים פאַנאַנדערגעשיינט, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן צו פאַרפינקלען די אויפגעפּראַלטע ברוינע אַפּלען פון זיינע אויגן. ער האָט ניט געוואוסט, נאָר אַ געפיל איז פונדעסטוועגן געווען אין אים אַזאַ, אַז ביי אים אַליין רייסט זיך איצט אפשר אַ געדאַנק אַזאַ, וואָס ער קאָן ניט פאַרדייען. און צוליב וואָס איז ער דאָ געבליבן צווישן אָט־די מענטשן? כדי זיך אַליין אַריינצוזעצן אין אַ קלעם? כדי זיך אַליין אַוועקזעצן אַף הייסע קוילן? כדי צו זיצן און פלוידערן און פּלאָנטערן און זיין זייער נאַר?

לאַנג טראַכטן האָט דאָ אָבער בערמאַן קיין צייט ניט געהאַט, ווייל ווי נאָר ער איז פאַרטיק געוואָרן און האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַזוי האָט די מיסעס פיינמאַן גלייך ווי פאָדערנדיק געפרעגט:

— איז וואָס איז פון אַט־דער מעשה געדרונגען?

— איך מיין — ענטפערט בערמאַן, ניט קאָנענדיק קוקן אין אירע אויגן אַריין און דאָך קוקנדיק אין זיי — איך מיין פאַרט, אַז אין דעם ענין סוכה ליגט אפשר אַ ליכטיקע אידייע אַזאַ. אַ פאָלק וועט ניט מיר־ניט, דיר־ניט אַזוי שטאַרק פאַרהערלאַכן אַ זאַך, וואָס האָט אין זיך ניט קיין שום וויכטיקן ווערט. דאָ האָט אפשר געדאַרפט אַרבעטן אַ זעעוודיקער אינסטינקט אַזאַ.

— פונוואַנען איז דאָס געדרונגען?... — פרעגט פרענקל.

— וואָס הייסט פונוואַנען? — רופט זיך קאַלמאַנאָוויטש אָן אָפּלאַכנדיק — דו פאַרשטייסט דען ניט, פרענקל, דאָס איז דאָך די אייגענע אַלטע מעשה מיט די צוויי חסידים. איין חסיד זאָגט צום צווייטן: „מיין רבי פלעגט קאָנען פאַרשפּרייטן אַ טיכל איבערן ים, זיך נאָכדעם אַרויפשטעלן אַפן טיכל און אַזוי אַף דעם אַוועקפאָרן העט־ווייט אין ים אַריין און זיך נאָכדעם אַזוי אומקערן צוריק פאַר אַלעמענס וואונדער, און דאָס טיכל, זאָגט ער, פלעגט זיך אפילו ניט פאַרנעצן און ניט פאַרקנייטשן". פרעגט אים דער צווייטער: „סטייטש, ווי איז דאָס מעגלאַך?" ענטפערט אים אַף דעם דער ערשטער: „נו, זעסט דאָך!"

קאַלמאַנאָוויטש האָט אַזוי אויסגעזונגען דעם „נו, זעסטו דאָך", אַז אַלע האָבן זיך צעלאַכט. אפילו גערטרוד האָט פון דעם אַ שמייכל געטאָן, כאָטש אַ געפיל פון שרעק פאַר בערמאַנען איז אין איר געזעסן די גאַנצע צייט. עפּעס האָט זי גענומען מורא האָבן פאַר דעם, וואָס עס קומט דאָ פאָר. זי איז טאַקע אין כעס אַף אים, נאָר זי איז גרייט אַלעמען אַריינצושפּרינגען אין די אויגן אַריין פאַר אים.

„וואָס ווילן זיי פון אים, זיי פאַרשטייען ניט און ווייסן ניט וואָס ער רעדט" — אירע גרויסע אויגן האָבן מיט אַן אָנגעשפּאַנטער נערוועזקייט געקוקט און דורכגעקוקט אַלעמען.

בערמאַנען האָט מער פאַר אַלעמענס געלעכטער אויפגערייצט דאָס, וואָס גערטרוד האָט אויך מיטגעשמייכלט. ווידער האָט אים אַן עקבער געטאָן די פראַגע: וואָס טוט ע ר דאָ? ווי קומט ע ר אַהער? די מים פעלדמאַן איז אַוועק, אַט ווי אַ מענטש דאַרף טאָן. און דאָרט זיצט זינאַ. זי האָט אויך געלאַכט. זי זיצט אַ שוואַנגערדיקע. און ערשט נעכטן, דאַכט זיך, האָט ער זי געוואָרפן אין שניי אין פאַרק, געמאַכט אַ

מענטש פון איר. זי איז נאָך דעמאָלט געווען כמעט אַ קליין מיידעלע, און דאָ זיצט לעבן אים גערטרוד אַזאַ שלאַנקע און ליכטיקע און אויך זי האָט ער געוואָרפן אין שניי... נאָר זי איז צו אים פון דעם שניי אַרויס, ווי דאָס אויפגייענדיקע צפון־ליכט. אַ פאַרשנייטע, כישופדיקע וועלט איז דער פאַרק נאָכדעם געוואָרן, אויפגעכישופט און אויפגעבלענדט געוואָרן אונטער דעם ליכט, וואָס האָט גענומען שטראַלן פון איר אין יענער נאַכט. אין זיין געדאַנק שטראַלט נאָך דער פאַרק ביז איצט אַזוי פון זינט יענער נאַכט. און גערטרוד, וואָס זיצט איצט לעבן אים און לאַכט, שיינט נאָך אַלץ אַזוי, ווי זי וואָלט נאָר־וואָס פון שניי אַרויס. אַרויסגעגאַנגען איז זי אַפילו נאָר־וואָס פון אָט־יענעם צימער מיט כעס, מיט אַ צעקנייטשט קלייד, אָבער ווי נאָר זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים האָט זי גענומען שפרייטן פון זיך אָט־דאָס וואונדערלאַכע, כישופדיקע נאָרד־ליכט. גערטרודס ליכט שניידט זיך איצט קאַלט און שאַרף אין זיין צערייצטער אויפרעגונג אַריין. נאָר אַנטקעגנאיבער זיצט אָט־דער גאַבריעל און ער האָט עפּעס אַזוינע צייכנס אַפן האַלדז. און צו דעם נאָך אָט־דער פאַרפלוכטער בערנשטיין — און איך זיץ מיט אים ביי איין טיש...

פונדעסטוועגן, ווען קאַלמאַנאָוויטש האָט פאַרענדיקט זיין מעשה וועגן די צוויי חסידים און אַלע האָבן זיך צעלאַכט, האָט זיך בערמאַן אַליין אויך צעשמייכלט. קאַלמאַנאָוויטשן איז דאָס געפעלן געוואָרן און ער האָט זיך אָנגערופן:

— הע, אַז איר לאַכט זענט איר אַלרייט. אַבי איך האָב געמיינט, אַז איר קאָנט גאָרניט לאַכן. לאָמיר נעמען צו ביסלאַך בראָנפן, אַף מיין וואָרט, בראָנפן איז גאָרניט אַזאַ שלעכטע זאַך.

בערמאַן האָט גערן אויפגעהויבן זיין גלעזל צו קאַלמאַנאָוויטשן.

— וואָס? נאָר מיר אינצווייען? — האָט זיך קאַלמאַנאָוויטש אָנגערופן — וואָס הייסט? — און ער גיט אַ קאָמאַנדעווע: — טאַקע אַלע מיטאַמאָל! עס איז דאָך היינט זינאַס אימענינעס. נו שוין, נו!...

— פאַר זינאַס געזונט, הוראַ־אַ־אַ!...

— הוראַ־אַ־אַ!... — און אַלע האָבן איבערגעקערט די אָנגעגאָסענע גלעזלאַך אין מויל אַריין.

ביים צובייסן האָט בראַווערמאַן אַ זאָג געטאָן צו בערמאַנען:

— איך ווייס, אז איר זענט אַן איבערגעגעבענער סאָציאַליסט, נאָר איר זענט, ווייזט אויס, דיכטעריש געשטימט. אָבער איר ווייסט דאָך, אז אָט־די אַלע באָבע־מעשׂות זיינען ניט מער ווי שפּינוועבס.

— א באָבע־מעשׂה, וואָס טראָגט אַן אידייע, איז פאַר מיר אַזוי פעסט און פעלזיק, ווי אַן אָבעליסק, — האָט אים בערמאַן אױף דעם גע־ענטפערט שאַרף.

— ווי אַן אָבעליסק!... אַזוי — האָט בראַווערמאַן איבערגערעדט, ווי א געטראָפענער פון אָט־דעם אומדערוואַרטן פאַרגלייך. בראַווערמאַן האָט זיך בכלל קיינמאָל ניט געקאָנט נאָענט צונויפרעדן מיט בער־מאַנען און האָט פאַר אים אביסל מורא געהאַט. דער פאַרגלייך אָבער צום אָבעליסק האָט דאָ בראַווערמאַנען גלייך אויפגעמונטערט און ער האָט אויסגעשריען צו אַלעמען:

— האָט איר שוין אַגב געזען דעם גרויסן אָבעליסק, וואָס די קאַ־פּיטאַליסטן האָבן אַהער אַריבערגעבראַכט פון מצרים?

— אַך, סאַראַ וואונדערלאַכע ריזיקע מאַכיניע — האָט זיך קאַל־מאַנאָוויטש אָנגערופן א צופרידענער און צוגעגעבן: — א שרעק!

— אָבער איך רעכן, אַז עס איז א פאַרבּרעכן אַרויסצונאַרן פון א לאַנד אירע אייגענע אַלטערטימער — האָט בראַווערמאַן ווייטער געזאָגט.

— וואָס הייסט אַרויסנאַרן? — האָט זיך קאַלמאַנאָוויטש אָנגע־רופן — מען האָט זיי דען ניט באַצאָלט פאַר דעם?

— וואָס פאַרשטייסטו ניט? — האָט אים בערנשטיין גענומען דער־קלערן — ער מיינט, אַז צוצונעמען פאַר קאַפּיטאַליסטיש געלט א מאָ־נומענט פון א לאַנד איז פּונקט ווי אויסנאַרן ביי זיי דעם מאָנומענט, און ער איז גערעכט אויך. יאָ, מיסטער בראַווערמאַן, איר זענט גערעכט — האָט בערנשטיין פאַרענדיקט.

גאַבריעל האָט שאַרף א קוק געטאָן אױף בערנשטיינען, א שמייכל געטאָן אין זיך און זיך נאָכדעם אומגעקוקט אױף בערמאַנען. גאַבריעל האָט שמייכלענדיק א טראַכט געטאָן: מען האָט אָט־דעם העכט צו גיך אָפּגעלאָזן — און ער האָט זיך געווענדט צו אים:

— און וואָס זאָגט אױף דעם דער הער בערמאַן?

בערמאַן האָט גראָד נאָר־וואָס אויסגעטרונקען א ניי גלעזל בראַנ־

פען, האָט ער אַף גאַבריעלס פראַגע אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ מאָדנע אינגליש־היציקן שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— איך וואָלט געהייסן אַזוינע אימפּאָזאַנטע און ריזיקע אָבעליסקן אויפשטעלן אַף דערמיט פון אַלע ניו יאָרקער גאַסן, אַף יעדער פּאָר צענדליק בלאָק אַזאַ אָבעליסק.

אַלע האָבן דאָ אָנגעשטעלט די אויגן אַף אָט־דעם מאָדנעם ענטפער.

— דאָס איז אינטערעסאַנט. פאַרוואָס דען, הער בערמאַן? — האָט גאַבריעל פאַר אַלעמען געפרעגט.

— ווייל — האָט בערמאַן מיטאַמאָל איבערגייענדיק אין אַן אַטאַקירנדיקער פּאָזיציע געענטפערט — ווייל ווי נאָר דער מענטש דערזעט דעם אָבעליסק, הויבן זיינע בליקן אויטאָמאַטיש אָן וואַנדערן אַלץ העכער. עפּעס אַזאַ מאַגנעטישע קראַפט איז דאָ אין אָט־די איינפאַכע פאָרמען און אין דעם ריזיקן און פאַרט אַזוי איינפאַכן פאַרנעם פון דעם אָבעליסק, וואָס הויבט און פירט די בליקן ביז צו דעם הויך־פאַרשפּיצטן שפּיץ און נאָך העכער. אָט־דער אָבעליסק גיט־צו זין צו דעם פאָרמלאָזן דרויסן. ער גיט־צו כּמעט אָנטאַפּנדיקע פאָרמען דער לופט אַרום אים, און הויבט דערהויל אויף דעם קאָפּ און לערנט אים צו קוקן אַרויף. און אונזערע מענטשן דאַרפן דאָס גראָד נויטיק האָבן, ווען נים, וועלן זיי, דאַכט זיך, באַלד אַלע נעמען קריכן אַף אַלע פיר.

גאַבריעל האָט דערפילט דעם קלאַפּ און אַ טראַכט געטאָן: דער בחור שלאָגט ווי אַ יונגער צאַפּ. ער האָט דעם קלאַפּ געפּרוּווט אָפּוווענדן און האָט פאַר זיך און פאַר אַלעמען געענטפערט:

— אַך, זאָ! דאָס איז אינטערעסאַנט. קיין הייזער דאַרף מען ניט, אָבער אָבעליסקן דאַרף מען יאָ. נו, מיין ליבער הער, וואָס איז דען מיט דער ליבע, איז זי ווי אַן אָבעליסק, צי ווי אַ הויז?

דער געלעכטער פון דער פראַגע און דער אופן ווי זי איז געשטעלט געוואָרן האָט אַלעמען אַמוזירט.

בערמאַן האָט גענומען פילן ווי מען ציט איינגג אַ שטריק אַרום זיין האַלדז און האָט פונדעסטוועגן מיט אַ פאַרגליווערטער היץ איילנדיק געענטפערט: — ווי אַן אָבעליסק און ווי אַ הויז — און דערביי אַזוי דייטלאַך דערפילט די וואַרעמקייט פון גערטרודס אָרעם, וואָס האָט זיך

אין דער מינוט אַזוי גוט אָנגעפּרעסט צו זײַנעם און אַזוי קלאָר דער־זען די פאַרפורערטע צייכנס אַף גאַבריעלס האַלדז. און בערמאַן האָט אַזוי ווי וואָרפנדיק עפּעס אין פּנים פון אָט־דעם קליינעם מענטשל מיטן לאַנגן נאָז און מיט די ווילדע האָר אַף זײַן קאָפּ פּערעקשנט און ווי זיך רייצנדיק צוגעגעבן:

— ווי אַ הויז מיט בליענדיקע גערטנער אונטער צעעפנטע הימלען, אין ווי אַן אַבעליסק מיט אַ כישופדיקן ליכט־קרייז אַרום זײַן שפּיץ.

גאַבריעל האָט אים אָנגעקוקט מיט זײַנע וואָלפישע בליקן און מיט אָנשטעל געזאָגט:

— אַך, איר רעדט דאָך אַזוי וואונדערלאַך וועגן ליבע! — און מיט אַן אָנגעטריבענעם ערנסט צוגעלייגט:

— רעכנט איר, מײַן יונגער הער, אַז נאָך אימיצער ווייסט וואָס וועגן ליבע?

בערמאַן האָט זיך דאָ אַזוי ווי אַ וויג געטאָן, געוואָלט אָנכאַפּן זײַן גלײַכגעוויכט און אַביסל אין אײַגענער טומלעניש אַרויסגערעדט:

— יאָ. נאָך אימיצער. געוויס. אַלע. — און צעצויגן צוגעלייגט: — אַ ל ע נ אַ ר אָ נ י ם.

— אַך, זאָ, די נאַרן! — האָט גאַבריעל אַרויסגערעדט, דערפילנדיק, אַז ער האָט דעם בחור אַרונטערגעשלאָגן פון די פּיס. — נון, מײַן הער, און ווי אַזוי שטייט דאָ די זאַך מיט די געשייטע, מיט די קלוגע?

— זיי באַלעקן זיך בלויז — האָט בערמאַן ווידער גיך געענטפערט מיט אַ שמייכל, מיט אויפגעלויכטענע ווײַסלעך און מיט אויפגעשפּיצטע אויגן.

דער עולם האָט דאָ אַביסל אַ צערייצטער און אַן אָנגערעגטער אונ־טערגעשמייכלט. גאַבריעל האָט דערפילט, אַז דער „יונגע" האָט דער־לאַנגט אַ קלאַפּ, און אָפּווענדנדיק דעם קלאַפּ געזאָגט:

— אַך, זאָ! ווי אַ הויז מיט בליענדיקע גערטנער איז די ליבע. אָבער איר פּריידיגט דאָך, אַז מען זאָל צעברעכן די הײַזער, ניט וואָר?

בערמאַן האָט גענומען פילן דעם בראָנפן ווי אַ ליכטיקן פײַער אין די ביינער, און אַלעמענס שמייכלענדיקע בליקן — ווי אַ דרויסנדיק שפּיזנדיק פײַער אַרום זײַן קאָפּ. ער האָט ווידער דערשפּירט אין זיך אַ רייץ צו שליידערן עפּעס אַלעמען אין פּנים אַריין, אָט כאָטש כאַפּן אָט־די

פּרוכטן פֿון די פּרוכט־שיסלען און זיי וואַרפֿן אַט־דעם גאַבריעלן אין פּנים אַרײַן. און אונטער אַט־דעם רייץ האָט ער אים געענטפֿערט:

— צעברעכט די הײַזער, דאָס וועט אײַך אפֿשר גוטס טאָן. צעברעכט זיך אָבער ניט דעם קאָפּ דערבײַ.

דער עולם האָט געפֿילט, אַז בערמאַן באַליידיקט און וויל, ווײַזט אויס, באַליידיקן גאַבריעלן. גאַבריעל אָבער האָט ניט אָפּגעלאָזט און געזאָגט אַף זײַן צוריקשלאָגנדיקן שטייגער:

— דאָס איז דאָך, מײַן הער, עטוואָס שרעקלאַכעס. איר רעדט דאָך ווי אַן עכטער פּריידיקער, ווי אַ בודא. דאָס פֿרייט מיך ווירקלאַך. אָבער, ווי אַזוי מאַכט מען דאָס? לערנט אונז, פֿרײַנט.

בערמאַן האָט געזען, אַז גאַבריעל לאַכט פֿון אים פֿאַר אַלעמען אין די אויגן, אַז אַלע לאַכן פֿון אים. אים האָט ניט אַזוי שטאַרק געאַרט, וואָס ער האָט אים אַף אַן אָפּלאַכנדיקן אופֿן פֿאַרגליכן צו בודא, ווי דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט אַף אים, אַז ער רעדט ווי אַן „עכטער פּריידיקער", ווײַל דאָס האָט מיטאַמאָל און פּלוצלונג דערמאָנט אָן דעם טאַטן דעם מגיד, און ער איז שוין דעם היינטיקן אָוונט אַף צופֿיל מענטשן ענלאַך — ענלאַך אָפּן באַרועסן מאַנאַך, ענלאַך אַף בערנשטיינען, ענלאַך אַף פּרענקלען, און דאָ נאָך די פּלוצלונג־אָנגעשלאָגענע ענלאַכקייטן אָפּן טאַטן. ער וואָלט זיך אפֿשר פֿאַר כעס אינגאַנצן אָפּגעשטעלט און מער בעסער אינגאַנצן ניט גערעדט, אָבער זײַן בלײַבן דאָ און די אומגליקלאַכע לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך דורך דעם אַרײַנגעשטעלט, און אויך דער בראַנפֿן האָבן געטראָגן אַזוי ווי אינדערלופֿטן און האָבן ניט געלאָזט זיך אָפּשטעלן. און ער האָט געענטפֿערט גאַבריעלן, אַט טאַקע ווי ער וואָלט געלערנט:

— דאָס ליכט פֿון ליבע איז ווי אַ הויז פֿון פֿאַרביק ליכט, מיט גערטנער, מיט אָבעליסקן פֿון ליכט. דאָס איז דאָס העכסטע מענטשלאַכע הויז און ווער עס שטעלט זיך אונטער אַט־דאָס הויז צו צעברעכן, צעברעכט פֿריער אָדער שפּעטער דעם אייגענעם קאָפּ דערבײַ.

— נו, פֿאַרוואָס דען ניט צעברעכן דעם קאָפּ, מײַן פֿרײַנט, — פֿרעגט גאַבריעל אַלץ ניט אָפּלאָזנדיק — דער קאָפּ איז דאָך אויך אַ הויז אַזאַ, ניט וואַר?

— דער קאָפּ איז אַ הויז פֿון לעבעדיקע, באַוועגלאַכע מענטשלאַכע

געדאַנקען. דאָס איז ניט קיין צוריקהאַלטנדיק, ניט קיין אָפּגעגרענעצט הויז, נאָר אַ הויז פון אומבאַגרענעצטע מעגלאַכקייטן פאַר שטענדיק־נייע אַנטפּלעקונגען. דער קאָפּ איז דאָס הויז פון דער וועלט. ערשט דורך דעם קאָפּ ווערט די וועלט אַ צעעפנטע — מיט טיפן, מיט הויכן און ווייטן, מיט גומצייליקע ספערן איבער ספערן. אונזער גאַנצער קערפּער איז אַ הויז אַזאַ, דאָס הויז, וואָס טראָגט רוישנדיק און זינגענדיק אונזער שטערנדיקן, אונזער אויגנדיקן קאָפּ. דאָס איז אַ הויז מיט אַ טורעם, וואָס מיר קאָנען שטענדיק טראָגן מיט זיך.

— גאַנץ גוט — זאָגט גאַבריעל — אָבער אויב מען דאַרף אָנהויבן אַ בונט קעגן הייזער, דאַרף מען, פריער אָדער שפּעטער, צוקומען אויך צו אָט־דעם „הויז פון דער וועלט", פאַרוואָס ניט אויפבונטעווען זיך און אַרויסשפּרינגען פון אָט־דעם פאַרפלוכטן הויז אויך און אַריינשפּרינגען, ווי אין אמתער בודאַ, אין דעם גאָרנישט, אין דער נירוואַנאַ אַריין? אָט־אַזוי טראַכט אַ מאָדערנער מענטש, מיין פריינט, — האָט גאַבריעל מיט פולער זיכערקייט פאַרענדיקט און קלוג צוגעגעבן: — און איך זאָג, אַז מיר זאָלן טאַקע איצט ביידע אויסטרינקען אַף דעם.

— וואָס מיינסטו דיר „ביידע"? — האָט קאַלמאַנאָוויטש אויסגעשריען — טאַקע אַלע.

און אַלע האָבן דאַרויף אויסגעטרונקען. גערטרוד האָט אַף אַ מינוט אַ טראַכט געטאָן צי זי זאָל יאָ אָדער ניט לאָזן בערמאַנען ווייטער טרינקען אין באַשלאָסן: אָ, זאָל ער טרינקען!

דער עולם האָט געמיינט, אַז מיט דעם איז די זאַך געענדיקט. בערמאַן אָבער האָט אויסטרינקענדיק גאָר פונדאַסניי זיך אַ ווענד געטאָן צו גאַבריעלן:

— ניין. אַזוי טראַכט ניט קיין מאָדערנער מענטש, ווי עס טראַכט ניט קיין מאָדערנער מענטש, אַז דאָס בעסטע מיטל צו קאָפּ־ווייטיק איז אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ.

— נון, אויב איר זענט נאָך ניט פאַרטיק, וועל איך אייך דאָ עפּעס־וואָס פרואַוון אויסלערנען, מיין פריינט, און דאָס איז, אַז דער מאָדערנער מענטש ווייסט יאָ, אַז דאָס בעסטע און זיכערסטע מיטל צו קאָפּווייטיק איז טאַקע אַראָפּצוהאַקן זיך דעם קאָפּ. צו וואָס זיין אַזוי שרעקיק, מיין יונגער הער?

בערמאַן האָט פון גאַבריעלס לעצטער באַמערקונג געמאַכט אַ באַ־וועגונג ווי אויפצושפּרינגען און זיך טאַקע אַביסל אַזוי ווי אונטער־געהויבן און אַרויסגערעדט:

— איר זענט דאָך אַ מאָדערנער מענטש און האָט דאָך שוין ביז איצט זיכער געהאַט מער ווי איין קאָפּ־ווייטיק, טאָ פאַרוואָס טראָגט איר נאָך אַלץ דעם קאָפּ אייערן אַף די אַקסלען?

— אוי, סאַ היציקער בחור! — האָט בערנשטיין אַ שעפּטשע געטאָן.

— ער האָט אים אָבער גוט אַריינגענומען אין די הענט אַריין — האָט זיך קאַלמאַנאָוויטש אָנגערופן און צוגעגעבן — ניט אומזיסט שפּרינגט ער אַזוי פון די כלים.

— אַ מאָדערנער מענטש — האָט זיך גאַבריעל אָנגערופן — קאָן אַרגומענטירן און ניט ווערן בּערוזענלאַך. און נאָך אַ זאַך, מיין הער, — האָט גאַבריעל צוגעגעבן, אַזוי ווי שלאָגנדיק מיט זיין לעצטער און בעס־טער קאָרט:

— אַ מאָדערנער מענטש ווייסט, אַז ליבע איז געשלעכט און אַז פאַר געשלעכט דאַרף אַ מאַן אַ ווייב און ניט קיין פּוסטע באָבע־מעשות.

אַלע האָבן זיך צעשמייכלט. בערמאַן האָט פון דעם דערפילט אַ פאַר־גרעסערטע היץ אין פּנים. איבערהויפּט פון דעם, וואָס אויך אָט־דער בערנ־שטיין לאַכט. פאַר אַ פונק פון אַ רגע האָט ער אַליין געמיינט, אַז ער האָט ניט וואָס צו ענטפערן אַף דעם. נייע ווערטער האָבן זיך אָבער ווי אַליין געליינט אין מויל אַריין און ער האָט גלייך געענטפערט:

— פּונקט, הייסט דאָס, ווי אַ מאָדערנער פאַבריקאַנט...

אָט־די לעצטע פראַזע פון בערמאַנס מויל האָט אַ פאַל געטאָן עפּעס גאָר ווי אַרויס פון דעם גאַנצן שמועס. בערנשטיין אָבער האָט זי שאַרף דערהערט און האָט פון דעם דערפילט אַ ברייטן קאַלטן שמייכל אַף זיינע ליפּן. פרענקל האָט זיך פון דעם אויך אַ ציטער געטאָן אין לייכטן שרעק. אָט־די גאַנצע דעבאַטע, וואָס איז אים געווען דערווידער מיט דעם אופן, ווי זי איז געפירט געוואָרן און מיט דעם, וואָס זי איז בכלל געוואָרן איינע פון יענע דעבאַטן, וואָס היינגען בלויז אָפּ פון דעם, ווער עס וועט פריער אויסגעשעפּט ווערן, אָדער פון דעם, ווער עס וועט אָפּזאָגן דעם לעצטן שטאַרקסטן וואָרט, און פאַר קיין פאַל ניט פון דעם, ווער עס איז באמת גערעכט. אָבער ווי דערווידער אָט־די דעבאַטע איז געווען פאַר

פרענקלען, האָט זי אָבער געהאַט אין זיך איין טרייסטנדיקן פּונקט, מיט דעם, וואָס זי האָט געהאָלפן אויסמייַדן אַן אָפענעם צוזאַמענשטויס צווישן בערמאַנען און בערנשטיינען, פאַר וועלכן פרענקל האָט זייער שטאַרק מורא געהאַט. אָבער בערמאַנס לעצטע, אַזוי גאַנץ־פּלוצלונגדיקע באַמערקונג האָט אָט־די האָפענונג צעטרייסלט. דערצו האָט נאָך גאַבריעל, אַזוי ווי אַפּצולאָכעס, גלייך איבערגעכאַפּט בערמאַנען און אַף זיין סאַרקאַסטישן אופן איבערגעפרעגט:

— גריילאַך! — וואָס מיינען זי דען, מיין ליבער הער? וואָרום נאָר ווי אַ פאַבריקאַנט?

און בערמאַן האָט געענטפערט:

— אַ מאָדערנער פאַבריקאַנט זוכט ניט קיין מענטשן, נאָר הענט, הענט „אָן גראַ".

אַלע האָבן זיך געפילט אביסל געטראָפן, כאָטש זיי האָבן ניט געקאָנט זען קיין פאַרבינדונג אין די איצטיקע רייד פון בערמאַנען, און זיי האָבן גענומען טראַכטן, אַז בערמאַן האָט שוין גענומען גלאַט אַזוי רעדן אין דער וועלט אַריין, ווייל ער איז שיכור. בערנשטיין האָט פון דעם דערפילט, אַז עס האָט זיך אים אַ קיל געטאָן די הויט אַפן לייב און גאַבריעל האָט ניט אָפּגעלאָזן און אויסגעשריען:

— אַך, זאָ!

בערמאַן האָט אין זיך מיטאַמאָל דערפילט אַ גאַנצן שטראָם מיט רייד און ער האָט ווי פאַרגעזעצט:

— ווען מייז באַפאַלן אַ קעפל קעז מיינען זיי, אַז אָט־דאָס קעפל קעז איז טאַקע צוליב דעם געשאַפן געוואָרן, כדי זיי זאָלן האָבן וואָס צו באַפאַלן. זיי איז פּשוט אוממעגלאַך צו טראַכטן, אַז געשאַפן איז דער קעז פון מענטשן פאַר מענטשן. די קאַפּיטאַליסטן, ווידער, מיינען, אַז די נויט און נייגונג פון מענטשן צו שאַפן און פּראָדוצירן איז לכתחילה געגעבן געוואָרן, כדי זיי זאָלן האָבן וואָס צו קאַפּיטאַליזירן. זיי לאָזן זיך וואוילגיין, זיי פילן זיך שטאָלץ צו זייער באַרוף און אַף זייערע גרויסע פייאיקייטן. זיי זיינען ווי די מייז. זיי איז פּשוט אוממעגלאַך צו טראַכטן, אַז די נייגונג איז געגעבן געוואָרן די מענטשן פון דער געטלאַכקייט אין זיי, כדי די מענטשן געטלאַך צו מאַכן. מיר סאָציאַליסטן ווילן די מענטשן, דאָס מענטשלאַכע ליכט, דאָס געטלאַכע ליכט אומקערן.

מיר ווילן דאָס ברענגען צו זייער באַוואוסטזיין און מיר טאָרן דאָס ניט אויפגעבן דאָרט, וואו עס איז שוין דאָ; דאָרט, וואו עס איז שוין דורך אַזוי־פיל שווערער מי דערגרייכט געוואָרן. דאָס, וואָס איר זאָגט וועגן ליבע. ווייסט יעדע קאַץ אונטערן הויז און יעדער הונט אין גאַס. מענטשן ווייסן און זאָלן וועגן ליבע ווייסן מער פון דעם. עס האָט גענומען אַזויפיל טויזנטער און אפשר צענדליקע טויזנטער מענטשלאַכע דורות צו לעבן און שטאַרבן, צו לייטערן זיך און רייניקן זיך, ביז מיר האָבן אין זיך אָט־דאָס פיינע, ניט־חיהשע, נאָר ריין־מענטשלאַכע געפיל דערצויגן. אָט־דאָס שיינע, אויפגעלויכטענע ליכט גיט־צו גרויסן, מענטשלאַכן זין צו זאַכן. דער מענטשלאַכער חוש פון ליבע קומט פון דעם, וואָס מיר זיינען פון דעם סאַמע אורשפּרונג אונזערן גאָר אַנדערש פון חיות. עס וואָרצלט אונז גאַנץ אַנדערש איין אין דער ערד און הויבט אונז ביז הימלשע הויכן. ליבע — דאָס איז אונזער עמוד־האש, אונזער ליכט און אונזער פייער. דאָס איז די פיינע בליאונג, וואָס גיט־צו דעם אמתן מענטשלאַכן ווערט אויך צו אונזערע ליידנשאַפטן. אָן דעם וואָלט די מענטשלאַכע ראַסע שוין ביז איצט אפשר געווען פאַרזונקען געוואָרן אין דער פינצטער־ניש, אָדער נאָך אַלץ ביז איצט געקראָכן אַף אַלע פיר. אַ פייער, אַ ליכט גייט־אויף פון יעדן מענטשן און דערציילט, אַז ניט בלויז חיהשע וואָג איז דער מענטש, זיין מאַטעריעלער זיין, זיינע אינסטינקטן זיינען אמת און זיינען וויכטיק, ווי וויכטיק עס איז די וואַקס און דער קנויט פאַר אַ ליכט. אַ מענטש און זיין טואונג זיינען אָבער בלויז דעמאָלט אמת, ווען זיי זיינען אַ ליכט, וואָס ברענט. דאָס וואַקסענע ליכט איז וואָג, אָבער דאָס ברענענדיקע פייער פון דעם ליכט איז שוין גאָר אַ גאַנץ אַנדער זאַך. דער אמת פון דעם וואַקסענעם ליכט איז ניט זיין וואָג, נאָר זיין פייער. אַזוי איז אויך דער מענטש: ניט אונזער חיהשע וואָג, נאָר אונזער אויפגייענדיק ליכט איז דער זין פון אונזער זיין. נאָר אַ בלינדער דערזעט ניט און אַ קאַץ פאַרשטייט ניט. — און בער־מאַן שמייכלט־אויף אינמיטן פון זיין אויפרעגונג און גיט־צו: — איך געדיינק נאָך ווי איצט: די מאַמע מאַכט פיש אַף שבת און די קאַץ באַלעקט זיך פון דעם אָפפאַל. דער אָפפאַל איז דער קאַצס שבת און איר זעלבסט־צופרידענער מורטשען דערביי זיינען זמירות, נאָר ק אַ צ ע־נ ע... — האָט בערמאַן פאַרענדיקט גראָד קוקנדיק צו דעם שווייגנדיקן

פּראָפעסאָר פיינמאַן, און דערביי מיטאָמאָל דערפילט, אַז ער האָט, דאַכט זיך, געערדט צו פיל און צו הויך. ער איז געווען שרעקלאַך בלאַס. אַלץ אין אים האָט זיך געגומען טרייסלען פון אויפרעגונג.

פיינמאַן האָט דווקא די גאָר לעצטע ווערטער בערמאַנס ניט גע־הערט, ווייל ער האָט פריער צו־שטאַרק דערהערט, אַז בערמאַן איז טאַקע קעגן הייזער און רעדט איצט אויך פון דעם, אַז מענטשן גיבן פון זיך אַרויס אַזאַ ליכט, וואָס איז דעם מענטשנס אמת. און פיינמאַן האָט דער־נאָך אָנגעשטעלט זיינע אויגן און געגומען מיט זיין גרויסן, שווערן קאָפּ קוקן צו בערמאַנען. בערמאַן האָט דאָס דערפאַר זיך מיט זיינע לעצטע ווערטער אַזוי פאַרטרויליאַך געווענדט צו אים.

פיינמאַן, וואָס האָט דעם גאַנצן אָוונט עפּעס געוואָלט זאָגן צו בערמאַנען און האָט ניט געזאָגט, האָט דאָ מיטאָמאָל ניט אויסגעהאַלטן און זיך אַ פאַרשעמטער און אַביסל אַ צעטומלטער אָנגערופן צו בער־מאַנען:

— איר דערמאָנט דאָך מיך אַף מיך אַליין, מיסטער בערמאַן. אַף מיין וואָרט... — און איז פון דעם רויט געוואָרן.

בערמאַנען האָט דאָס אַזוי ווי אַ ברען געטאָן און אַזוי ווי אַ פּאַטש געטאָן אין פנים אַריין:

— וואָס, צו אַלדע גוטע יאָר, איז דאָס? איך דערמאָן שוין דאָ נאָך אימיצן אַף אים אַליין? איך ווער שוין איצט נאָך אַ נייע פאַר־זעצונג פון אימיצן?... אָט־דער איד האָט דאָך אַן אָקסענעם קאָפּ — איז אים מיט גאַל איינגעפאַלן — אפשר האָב איך דאָ געטרונקען אַסאַך און מיר דאַכט זיך דאָס אַלץ אויס, אַז אַלע זיצן דאָ ווי חיות פון אַ פאַבל. איך וועל שוין דאָ באַלד מן־הסתם ווערן אַ פאַרזעצונג פון יעדן דאָ ביים טיש. אַלע קוקן, דאַכט זיך, דאָ מיט אַזוינע אויגן, ווי יעדער פון זיי וואָלט אַ יורש געזוכט, און פאַרוואָס ווילט זיך זיי, אַז גראָד איך, ווען זיי האָבן מן־הסתם אַלע, זאָל זייער יורש זיין? — און אַ נייער געדאַנק גיט דאָ פּלוצלונג בערמאַנען אַ ברען: איך, דער נאַר, דערמאָן זיי מן־הסתם אין זייער אַמאָליקער נאַרישקייט. אָט־דאָס איז עס מן־הסתם, אָט־דאָס איז עס...

דער טיש איז געווען אַ רונדער מיט אַסאַך פּיס. פון איין זייט פון אים, ווייסט ער, זיצט גערטרוד בלאַס, ווי דאָס קאַלטע צפון־ליכט,

ס האָט זיך ערשט אויפגעהויבן פון שניי פאַר אים. און ווער ווייסט אָס זי טראַכט איצט פון אים. און ער קאָן איר אפילו ניט קוקן א ן די אויגן אַריין. פון דער אַנדערער זייט דערפילט ער מיט זיין קני אַ פוס פון אָט־דעם פיל־פיסיקן טיש; ער נעמט־אָן פּעכט צאָט־די הילצערנע פוס פון טיש מיט זיין האַנט, כדי זיך אַביסל צו באַר.איקן. ער וויל, אז די הילצערנע פוס זאָל זיך פילן האַרט און שווער אין זיין האַנט, נאָר דער פוס פילט זיך דאָ ווי אַ שטיקל פּאַלירטע גאָרניט אין זיין האַנט.

אַנטקעגן אים זיצט פון איין זייט די מאַדאַם פיינמאַן מיט דעם פּאַרדאַמטן בערנשטיין, מיט אים ביי איין טיש! בערנשטיין... — „איך זיץ מיט אים ביי איין טיש". — פון דער אַנדערער זייט — אָט־דער גאַבריעל מיט די פרישע, פאַרפוידערטע צייכנס אַף זיין נאַקן, און דאָרט — דער צעשראָקענער פרענקל, און דאָ גיט נאָך דער גאַבריעל אַ שטעל־אָן די אויפגערעגטע, וואַסערדיקע, קאַצענע אויגן און זאָגט:

— יונגער הער! איר זידלט זיך, ווי אַן עכט־דערפאַרענער דע־באַטאַנט...

און גלייך נאָך אים רופט זיך אָפּ די מאַדאַם פיינמאַן מיט אַ היציקן פּאָרוואורף:

— איר באַליידיקט מענטשן דערפאַר, וואָס זיי האָבן אַנאַנדער מיינונג פון אייך? ! אַ שיינע טאָלעראַנטע יוגנט...

עפּעס האָט בערמאַנען פון דעם אַ גאָר שרעקלאַכן שלאָג געטאָן איז קאָפּ. לייכגער אַזוי זיצן און זיך ראַנגלען מיט די מענטשן איז געוואָרן אוממעגלאַך:

— ווער באַליידיקט, וואָס באַליידיקט! ? — האָט ער אויסגעשריען ווי ניט מיט זיין קול און זיך מיטאַמאָל אַ שטעל געטאָן אַף די פיס, נאָר ער האָט דערביי פאַרגעסן אָפּצולאָזן די הילצערנע פוס פון טיש, וואָס איז אַלץ געלעגן אין זיין האַנט ווי גאָרניט, און דער גאַנצער טיש, די ניט־דערטרונקענע און אָנגעגאָסענע גלעזער, די פלעשער, דאָס גאַנצע גע־שיר, און אַלץ, וואָס אַפן טיש, האָט מיטאַמאָל גענומען שפּרינגען. פאַלן און קלינגען. יאָ, ער האָט אויפהויבנדיק זיך אַזוי ווי פאַרגעסן אָפּצולאָזן די פּאָלירטע פוס פון טיש, וואָס האָט זיך אַזוי ניט־פילנדיק געפילט אין זיין האַנט.

דער עולם איז אויפגעשפרונגען מיט אַ מענערישן געשריי און ווייבערישן קוויטשען. זינא איז געפאַלן אין חלשות...

גערטרוד איז געווען די איינציקע, וואָס איז געבליבן זיצן דערמאַלט, ווען אַלע זיינען אויפגעשפּרונגען איבער בערמאַנס מאָדנעם אויפהויבן זיך איניינעם מיטן טיש. אפשר פון שרעק, און אפשר דערפאַר, וואָס זי איז די גאַנצע צייט פון בערמאַנס ארגומענטירן מיט גאַבריעלן און די אַנדערע ביים טיש אַזוי ווי איינגעגליווערט געוואָרן אין אַביסל אַ צעכעסטן און בייזוויליקן צויבער.

איר איז כמעט געווען גוט פון דעם, און צום סוף איז דאָס איר גאָר פאָרגעקומען ווי אַ פאָרזעצונג פון אַ פריערדיקן אָונט, וואָס זי האָט פאַרבראַכט מיט בערמאַנען. אַ פאָר אָוונטן פאַר אָט־דעם אָוונט אין פרענקלס הויז איז זי מיט בערמאַנען אַוועק צום ברעג ים. דער מיטן־ווינ־טערדיקער טאָג האָט אין זיינע אָדערן מיטאַמאָל דערפילט אַ שטראָם פון קומענדיקן פרילינג, האָט ער זיך אַ צי געטאָן אַ פרישער און אַ בלאַנק געטאָן מיט גאָלד און מיט פרילינג־אָטעם און געלאָקט ערגעץ צו ווייטקייט, צו ניט אָפּגעהאַלטנקייט, צו ברעגלאָזע ברעגן, צו ברעגן, וואו מען קאָן ווייטער ניט גיין. ווי נאָר זיי האָבן זיך יענעם אָוונט גע־טראָפן און האָבן אַריינגעקוקט איינער אין צווייטנס אויגן, האָבן זיי כמעטביידע אין איין צייט אַרויסגערעדט: לאָמיר גיין צום ים. דער ים איז געלעגן אַ שטילער, אַן אַריינגעלאָפענער ווייט צו זיך אין ים אַריין. דער ים האָט דאָס געטאָן עפּעס ווי אומיסטן, כדי עס זאָל בלייבן וואָס־מער גלאַטער, מיילנדיקער זאַמד־ברעג פאַר זיי צו שפּאַצירן און צו פילן זיך אַליין, ווי פאַרלאָרענע אַף אָט־דעם גרויסן אָפּגערייניקטן ים־שטח, צו פילן זיך אַליין פאַר אָט־דעם גרויסן ים, סאַר דער נאַכט און כאַר דער וועלט. זיי האָבן זיך ביידע אַזוי געהאַלדזט און געקושט אָן אַן אויפהער. קיינער זעט ניט, אויסער גאָט, און גאָט מעג זען, און גער־טרודס שטערן אין הימל מעג זען, און אַלע שטערן מעגן זען, און דער ים מעג פּליסטערן אין קאַטשען שטיל זיינע איינגעהאַלטענע גרויסע און ווייטע וואַסערן און גוטמוטיק אַרויסרוקן אַלץ מער פון זיין גרויסן זאַמ־דיקן ברעג פאַר זיי: נאָט אייך, קינדער, נאָך זאַמד־ברעג, גייט און גייט און שפּילט זיך. יעדער נייער ים־פּליסטער ברענגט נייעם ליבע־רויש אין די אויערן, נייעם ליבע־גרויל איבער זייערע לייבער, און אָט האָבן זיי דאָרט־אַרויף דערזען אַן איבערגעקערט שיפל אין זאַמד. פריער האָבן זיי געמיינט, אַז ס׳איז אַ מענטש אין זאַמד איז האָבן זיך דער־

שראָקן. ערשט — ס'איז אַן איבערגעקערט שיפל. זיינען זיי צוגעקומען צו דעם, זיך אַוועקגעזעצט אַף דעם מיט די פּנימער צום ים. בערמאַן האָט זי איינגענעסט אין זיך און גענומען דערציילן, ווי אַזוי ער האָט זי דערזען אַף דעם מאַסנמיטינג מיט בראַוועדמאַנען. אים איז אפילו איינגעפאַלן, אַז זי איז בראַוועדמאַנס כלה. ווי אַזוי איר געשטאַלט איז נאָכדעם אויפגעשטאַנען פאַר זיינע אויגן, ווי אַזוי איר געשטאַלט האָט אים נאָכדעם באַגלייט אַהיים און געקוקט אַף אים די גאַנצע צייט מיט אירע גרויסע גערטרוד־אויגן און ווי אַזוי ער האָט גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז דאָס איז זי דאָס, די אַריסטאָקראַטקע, אַף וועלכער ער איז גאָר געווען שטאַרק אין כעס אין יענעם אָוונט. און ער האָט איר אויך דערציילט, ווי אַזוי ער האָט זיך נאָכדעם דורכן פענצטער פון זיין צימער דערזען איינעם מיט איר אונטער אַ חופּה פון שטערן.

אַזאַ צעשפּינטע מיליקע בלויקייט האָט זיך דעם אָוונט אויסגעשפּרייט פאַר זיין פענצטער. די בלויקייט האָט אָפּגעווישט אַלע מויערן פון שטאָט און איז געוואָרן אַט אַזוי גרויס און אַזוי ווייט ווי איצטער דער ים. און די בית־שמאי און די בית־הלל זיינען זיך געקומען קריגן, מיט ליכטיקע ווערטער און מיט משלים פון ליכט:

ווי אַזוי מען זאָל טאַנצן,
ווי אַזוי מען זאָל זינגען
פאַר דער כלה...

פון די שטערן זיינען זיי אַלע געקומען און אַלץ, וואָס זיי האָבן גערעדט, האָט מען ניט נאָר געהערט, נאָר אויך ג ע ז ע ן...

ווי אַ העלד פון אַ מעשה האָט צו איר ערשט נעכטן בערמאַן גערעדט, ווי אַ געזאַנג איז דאָס געווען, ווי אַ שיר־השירים אַ נייער האָט דאָס אַלץ צו איר געקלונגען, און זי מיט אים זיינען די העלדן פון אָט דעם נייעם שיר־השירים געווען. כישופדיקע געפילן, כישופדיקע באַגריפן און ווערטער אַזוינע ליכטיקע זיינען פון דעם געבוירן געוואָרן, ליכטיקע קרייזן מיט צרופים פון וועלט־באַשאַף האָבן זיך אויסגעקניפּט פון אייביק ביז אייביק.

זי איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן, געוואָרן בלויז געהער. איר לייב האָט געפלאַטערט אונטער זיינע וואַרעמע באַרירונגען, אָבער זי האָט, דאַכט זיך, געהערט, געהערט אָן אַ סוף. און אַסאַך פון בערמאַנס רייד

אַף אָט־דעם אָוונט אין פרענקלס הויז אַף זינאַס געבורטסטאָג זיינען פּאַר איר געווען ווי אַ פאָרזעצונג פון זייער לעצטן אָוונט ביים ים. אַלץ, וואָס האָט געפעלט אַף אָט־דעם אָוונט, איז, אַז בערמאַן זאָל זיך פון מאָל־צו־מאָל צובויגן און איר נעמען קושן אין די גרויסע אויגן, אין וועלכע ער האָט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט זאַט אָנקושן. אָבער זי האָט אָט־די קושן זיינע סיי־ווי־סיי נאָך געפילט אַף אירע אויגן, און דאָס איז אויך אין אַ גרויסער מאָס געווען די סיבה פון איר זיצן שטיל די גאַנצע צייט ביים טיש. זי איז געווען ווי פאַראַליזירט און האָט אפילו ניט אָפּגע־שטעלט בערמאַנען, ווען ער איז אַרויס און איז אַוועק. עס איז איר אויס־געקומען, אַז אַזוי דאַרף זיין און אַז זי דאַרף בלייבן זיצן.

זי איז נאָכדעם נאָך פּאַר אַ צייט געבליבן זיצן שטיל אַפן ביינקל לעבן טיש און אפילו ניט געענטפערט קיינעם פון די, וואָס האָבן צו איר זיך געווענדט מיט פראַגן, צי ער איז אַלעמאָל אַזאַ ווילדער, אָדער „וואו האָסטו זיך אויסגעזוכט אַזאַ?" זי האָט נאָר געקוקט אַף זיי אַלעמען מיט אירע אָנגעשטעלטע גרויסע אויגן און געשוויגן. זי האָט אַזוי ווי דאָס לשון פאַרלוירן. אָדער אפשר האָט זי פשוט מורא געהאַט צו באַנוצן דאָס קול, וואָס וואָלט אפשר די אילוזיע צעשטערט, די אילוזיע פון אַ העלדן־ליד.

ערשט, ווען גערטרוד איז שפּעט באַנאַכט אַהיימגעקומען מיט טאַטע־מאַמע און האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן איר ווינטער־ראָק און זיך גענומען גרייטן צו גיין שלאָפן, איז זי פּלוצלונג צוגעקומען צום טאַטן און געזאָגט, אָט פונקט, ווי דאָס לשון איז איר אָט ערשט צוגעקומען:

— איך וויל, אַז דו זאָלסט גאַבריעלן אַרויסוואַרפן פון הויז!

שטריינג און שאַרף און קאַלט ווי אַ שווערד איז געווען אָט דער באַפעל.

— וואָס איז דאָס? וואָס איז געשען?! — האָט די מאַמע גע־פרעגט — אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט באַליידיקט אָט־דעם ווילדן מענטשן?

גערטרוד ענטפערט ניט דער מוטער און זאָגט ווידער צום פאָטער שטריינג און שאַרף:

— דו זאָלסט אים אַרויסוואַרפן פון הויז!!

— וואָס הייסט?... — פרעגט פיינמאַן.

— ער האָט מיך געכאַפּט דאָרט ביי ליזאַן אין צימער און גע־נומען קריכן אף מיר. ער איז אַ שמוציקער מענטש!... ער איז אַ שמו־ציקער מענטש!...

זי האָט עס אויסגעשריען און זיך אָן אַ „גוטע נאַכט" אויסגעדרייט און איז אַוועק צו זיך אין צימער.

פיינמאַן איז שוין נאָכדעם די נאַכט ניט געשלאָפן און אף מאָרגן איז ער ניט אַרוים פון הויז צו געבן זיינע לעקציעס אפילו — געזעסן אין הויז און געוואַרט אַלץ אף עפּעס. און ווען עס האָט זיך דערהערט גאַב־ריעלס קלונג (גאַבריעל האָט שוין געהאַט אַ ספּעציעלן קלונג אַזאַ) האָט זיך פיינמאַן שווער אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען, געעפנט פאַר אים די טיר און ווי נאָר ער האָט פאַר זיך דערזען גאַבריעלן האָט ער אים פאַר אַ מינוט אָנגעקוקט און אים נאָכדעם מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן, אים כמעט אַ הויב געטאָן אינדערלופטן, און אים אַ וואָרף געטאָן פון אַלע טרעפּ. נאָכ־דעם איז פיינמאַן אַריין צוריק, צוגעמאַכט די טיר נאָך זיך, זיך אַוועק־געזעצט, געוואַרט אַביסל, זיך נאָכדעם אויפגעהויבן, גענומען זיין שווערן שטעקן אין האַנט, געקוקט אף אים אַביסל, געטראַכט און זיך גענומען גיין מיטן שטעקן צו דער טיר.

פאַניאַ איז אים פאַרלאָפן דעם וועג:

— וואָס גייסטו טאָן מיטן שטעקן?!

— גאָרניט — האָט ער איר געענטפערט, געטראַכט אַביסל און זיך דערמאָנט:

— איך גיי אף מיינע לעקציעס.

— איז וואָס טוסטו ניט אָן דיין הוט און ראָק?

— אָ, יאָ, — האָט ער זיך דערמאָנט און ער האָט אָנגעטאָן זיין הוט און ראָק און איז אַרוים.